STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01476

DI TSIGAYNER

Shalom Lederer

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Murray S. & Natalie Katz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דיא ציגיינער

אדער

ראכע פון אבאנדיט

איין אינטערעסאנטער ראמאן פון פאלנישען אונ אמעריקאנישען
יודעשען לעבען, אין פיער טהייל.

פערפאסט פון

שלום לעדערער אויס לחם.

ערשטער טהייל

פערלאג אונ אייגענטהום פון מרדכי קאצענעלענבאגען בוכהענדלער ווילנא.

ווילנא

תרנ"ח.

ЦЫГАНЕ.

Романъ въ 4-хъ частяхъ. Ш. Ледерера.

Часть I.

Изд. и соб. виленскаго книгопродавца М. Каценеленбогена.

ВИЛЬНА. Тип. Вдовы и бр. Роммъ. Жмуд. пер. соб. домъ № 328.
1897.

Дозволено цензурою 8 Іюля 1897 г. Вильна.

פאררעדע.

איינענטליך וואלט שוין צייט געווען, מען זאל בעפרייען דיא אונגליקליכע פערפאסער פון דיא פאררעדעס, דען קארג ברעכען זייא דיא קאפ טאג וויא נאכט אויסער דער הקדמה? ליידער איז שוין דעם מחבר׳ס מזל אזוי נידעריג, ווייל בערעכענט, וויפיעל מאדעס זיינען אונטערגעגאנגען אונ די מאדע פון א פאררעדע, אויך אז יודישער מחבר דארף שטארבען פון הונגער, שטעהט נאך פעסט···· איך האב אפילו געגען דעם פראטעסטירט אונ ניט געוואלט אין מיין יעטציגען ראמאן א פאררעדע שרייבען, אבער דער הער ארויסגעבער האט פערדרעהט מיט דער נאז אונ געזאגט: הערר לעדערער! א פאררעדע זאל מיר זיין! אהן דעם געהט עס ניט! אהן דעם וועט עס האבען א פנים, וויא א פויליש „איינקעל“ אהן אשטריימעל, אדער וויא א יודישער מחבר מיט גאנצע שטיפעל!···· אהן חשק האב איך געמוזט צוריק געהמען מיין אלטע ביקס אין האנד, אבער וואו נעהמט מען פולווער? (מאטריאל) אונ וועמען זאל איך שיסען? עס איז אפילו היינט אריין אין דער מאדע, דאס יעדער שרייבער פאלט אן אין זיין פאררעדע אויף דיא אלטע שריפטשטעלער, פון וועלכע ער מאכט א גל של עצמות···· (א הויפען ביינער) אבארג אש···· אונ שרייט, דאס נאר זיין שרייבען איז צוקער זיסס···· אבער פעהלען דען ליטעראַרישע הינד? קארג האבען מיר העברייעשע אינדיקעס, מליצישע בדחנים, זשארגאנישע פילאזאפען, וועלכע בלאזען זיך אונ ליארמען, דאס דיא זשארגאנישע ראמאניסטען האבען אונגליקליך געמאכט דיא אלטע העברייעשע שפראכע, אויך דאס הייליגע פאלק ישראל? וועניג האבען מיר קהל-פערזארגער, זשארגאנישע יאלעווע שרייבער, וועלכע שרייען, מען זאל שרייבען נאר וויא זיי···· אריינעם זשארגאן וויא שמערקע בעל עגלה רעדט? הכותב הפולני מה הוא אומר? דער פוילישער זשארגאניסט וואס זאגט? „עטס (איהר) זענט גראבע אינגען! ענקער (אייער) זשארגאן טויג נישט“! התרנגול הליטאי קורא: דער ליטווישער האהן קרעהט: „אטשעך אשווארטש יאהר! שרייבט וויא מיר ליטוואַ-קעס“! השור הוואליני גועה: דער וואלינער אקס ברילט: „מען דארף

(ציגיינער)

אבטשיען

אכטשען אונ קרעכטשען אויף דעם זארגאן .... שרייבט וויא מיר"
המשגע בוכה: דער ציגעדילטער קלאנט: „קינדער! איך האב כמעט
מיין פערשטאנד פערלארען פון דער שווערער ארבייט .... אונ האב
אייך געמאכט א זשארגאנישע גראממאטיק .... שרייבט לעבען דייטש,
וועט איהר זיין פריש אונ משגע"! היוני מה הוא אומר? וואס זאגט
דער רוססישער זשארגאניסט? רעביאטא! פערוואדעט גוטע סאמ-
שינעניעס... הערט אונזער זשארגאן: „כי תצא למלחמה, ווען דו וועסט
ארויסגעהן נא וואינוא, על אויביך, אויף דיין וראג א. ז. וו. וראית
בשביה, אונ דוא וועסט זעהען אין פלען, אשת יפת תואר, אזשענש-
טשענע א קראסאוויצע, וחשקת בה, אונ דוא וועסט איהר זשעלייען,
ולקחת לך לאשה, זאלסט דוא דיך אויף איהר זשענען .... א. ז. וו.
והיה אם לא חפצת בה? אונ ווען דוא וועסט איהר ניט זשעלייען,
ושלחתה לנפשה, זאלסט דוא איהר שיקען איק טשארטוא ....

מיט איין ווארט: דער אמעריקאנער יענקי וויל מען זאל ארייג
מישען ענגליש, דער העברייער שרייט, מען זאל בענוטצען העברייאישע
ווארטער א. ז. וו. יא, מיינע ליעבע לעזער, „צווישען אסאך אממען
געהט דאס קינד איין" זאגט דיא וועלט א שפריכווארט. אונזער
ארמער זשארגאן האט אזויא פיעל פערזארגער, דאס ער האט שוין
באלד אפנים וויא אונזער באבע יענטע אין קבר .... (זיא זאל זיך
מיהען פאר אונז). — אבער וואס זאגסט דוא? — הער איך דיא לעזער
פרעגען .... נאר זאל איך אזוי וויסען פון בייז, צוא איך ווייס וואס
מען ענטפערט אייך .... דער זשארגאן איז א רשות הרבים, א הפקר
וועלט, ווער עס קען א „לידידי" דער שרייבט .... דארף מען דען
קענען, זיין בעלעזען, אדער האבען טאלאנט? וועלבער יונגעל ווייסט
ניט, אז איין אלף איז א פתח, איין עין, א סגל א. ז. וו.? דיא לוסט
געדרוקט צוא ווערען איז זעהר גרויס, אקלייניגקייט צוא זיין א גאזעטען
שרייבער, א רעדאקטער אדער פערפאסער? עס געפינען זיך פיעל
רייכע קעסט-קינדער, וועלכע ווילען זיך בעריהמען פאר זייערע פרויען
פאר זייער שווער, (אום איהם זאל ניט שווער זיין זייא צוא געבען
נאך איין יאהר קעסט) .... אונ צאהלען נאך צוא דעם ארויסגעבער
אדער דעם רעדאקטאר, אז מען זאל דרוקען זייערע שמאטעס ....
טהייל שרייבען אויפ'ן שער בלאטעל „אלעבעדיגען מזכיר נשמות" ....
„צום איינדענקונג מיין ליעבער פרויא, הצנועה טריינע בת דבשה" ....
אנדערע זייגען מזכיר זייער לעבעדיגען שווער, טרייטעל בעל עגלה:
„צום איינדענקונג מיין ליעבען שווער, הרב המופלג, וכו' מו"ה רב
טרייטעל נ"י" .... יא, מיינע פריינד, מען קען דער צוא ניט העלפען,

דער

דער פאר אבער בין איך געהאלפען געווארען, אונ ריידענדיג פון דיא „יאליווע שרייבער“ האב איך דער ווייל אנגעשריבען אלאנגע פארעדע, וועלכע איך וועל אנפאנגען מיט דיא ווערטער:

רייכע איידעמלאך! האלט אייער פעדער פעסט,
אונ שרייבט גרויסע אינטערעסאנטע ראמאנען,
ביז מען וועט אייך אראבזעטצען פון קעסט,
ביז עס וועלען זיך אויס-לאזען אייערע נדנ׳ען ···
אונ איהר ארויסגעבער, האט קיינע שמערצען,
געהמט אייך — ניט צום הערצען ····
איהר קענט שוין עוויג זיין זיכער,
אז אייך וועט ניט פעהלען נייע ביכער ····
פרישע „קעסט-קינדער“ וועלען אויפשטעהן,
וועלכע וועלען אייך צוא צאהלען אין בייטעל אריין ····
אונ ווענן דיא „שמאטעס“ וועלען אויסגעהן,
איז אויך ניט אומלעבען,
וועט איהר דיא אלטע מעשיות איבער דרעהען,
אונ זייא אנייעם נאמען געבען ····
פון א „גאלדיטשקע דיא מלוה-טע, א „גייטערקע א פיינע“ ····
פון א „אבגעריסענעם נארר“ א רחלע א שאנע“ ····
פון „צענטרע ווענטרע“ „אפלעקהונד מיט ציינער“ ····
פון „טויזענד אונ איין נאכט“ „איונג מיט ביינער“ ····
דאס וועט אייך קאסטען ביליגער וויא וואסער.
אייער בעסטער פריינד,

דער פערפאססער.

1.

געהאפט.

אין איין פינסטערע טריביגע נאכט זעהען מיר געהן צוויי שווארצע געשטאלטען, ביידע האבען זיך צווישען זיך גאנץ שטיל גע־רעדט; אפט מאל האבען זייא זיך ארום געקוקט, גלייך וויא זייא וואלטען זיך פירכטען, פיליכט בעמערקט זייא ווער .... ענדליך צוועלף אוהר זיינען זייא צוגעקומען צוא איין פרעכטיגען שלאסס, וועלכער געהער אריכען יודישען גוטסבעזיטצער לעאן לעווענשטיין

פלינק וויא צוויי קאטצען זיינען זייא ארויף געקראכען אויף דעם הויכען פארקען און באלד האבען זייא זיך געפונען אין איין גרויסען געדיכטען גארטען, וואו זייא האבען וויא צוויי שלאנגען גענומען קריכען אויף דעם ווייכען גראז. צייט פינף מינוט זעגען דיא געשטאלטען געבליעבען שטעהן לעבען איין געמויערטע שטאלל און האבען זיך גאנץ שטיל בעראטהען.

— עדבין! — האט איינער פון דיא נאכטוואנדער געזאגט — האסט דוא מיט גענומען דיא צוואנג און דאס ברעכאייזען?

— יא, קאססיא, איך האב ביי זיך אלע נאטהיגע אינסטרומענטען.

— אלזא געה, עדבין, צום גארטען טהירעל און זעה צו עס איז פערשלאסען, ווענן יא, זויא ווער דער מיט גיך פערטיג און קום באלד צוריק ....

עדבין איז פערשוואונדען און אין א פערטיל שטונדע ארום איז ער צוריק געקומען.

דער שלאסס איז צובראכען, דאס טהירעל שטעהט גאנץ אפען— האט ער שטיל געזאגט.

יעצט, עדבין, וועלין מיר זיך נעהמען צום שטאלל־שלאסס און ווענן דיא ארבייט וועט פערטיג ווערען, וועלען מיר נעהמען צוא צוויי פערד און היידא אין וואלד ...

ביידע פערדס־דיעבע (גנבים) האבען פלייסיג גענומען ארבייטען. גאנץ פארזיכטיג האבען זייא דעם שווערען שלאס איבער געזעגט; דיא שטאלל טויערען האבען זיך שטיל גיעפענט, וואו דיא באנדיטען זיינען אריין און גענומען צונאנדבינדען אייניגע פערד.

קוים האבען זייא געוואלט ארויס פיהרען זייער רויב, האט זיך צום אונגליק ערוואכט דער שטאלל-וואכטער, וועלכער איז אימער דארט געשלאפען, אונ מיט איין הייזעריגער פערשלאפענער שטימע האט ער געפרעגט:

— ווער איז דארט? — ווער נעמט דיא פערד?

דיא געדיכטע פינסטערקייט האט פערדעקט דיא בלאסע געזיכטער פון דיא ערשראקענע באנדיטען ··· זייערע הערצער האבען מאכטיג געקלאפט, ענדליך האט זיך איינער פון דיא שורקען געשטארקט אונ שטיל געמורמעלט:

— עדבין שיק איהם אריין דיין מעססער ···· ווען ניט, זיינען מיר פערלארען ····

דאס שארפע מעססער האט אבליטץ געטאהן אין שטאל, צום גליק וואר זעהר פינסטער אונ עדבין האט מיט זיין מעססער געטראפען דער וואנד.

אין דער צייט איז דער ערשראקענער וואכטער ארויסגעלאפען אונ געשריען: „געוואלד! גנבים! באלד איז ליכטיג געווארען אין גאנצען הויף; פיעל דיענער זיינען מיט פאקעלען אין דיא האנד געלאפען איבער דעם גארטען, אויך צוא דער שטאל; דיא הינד האבען שטארק געבוללען, דער גארטנער מיט נאך איינינע בעדינטע זיינען געשטאנען לעבען אפענעם טהירעל; אבער אללעס וואר אומזיסט, דען דיא באנדיטען זיינען אריין וויא אין וואסער.

פלוטצלונג האט זיך געהערט אגעשרייא: — חאפט זייא! אט שטעהען זייא אונטער דער אלטאנקע! גיכער! שנעל!

בענאהע צוואנציג קרעפטיגע דיענער האבען זיך אלאז געטאהן צוא דיא באנדיטען, וועלכע האבען זיך זויא ניך ניט געלאזט פאנגען.

ביידע גנבים האבען געקאמפפט וויא דיא גרעסטע העלדען; פיעלע פון דיא בעדיענטע זיינען פערוואונדעט געווארען, ענדליך נאך אפופצעהן מינוטיגען קאמפף, האט זייא דאך געלונגען איינעם צוא פאנגען אונ דער צווייטער איז וויא אקאטץ, אריבער איבערן פארקאן אונ איז פערשוואונדען אין דער פינסטערקייט ····

— בינדט דעם מערדער! — האט געדאנערט אפעסטע מאננער־שטימע, דאס וואר דער פרינציפאל (ווירטה) לעאן לעווינשטיין.

— פעסט בינד איהם דיא האנד אונ פים! היט איהם גוט ביז דיא פאליציע ווירד קאממען!

באלד האט מען דעם באנדיט געבונדען, וועלכער האט זיך וויא אשלאנג געווארפען.

אציגיינער (דיא ציגיינער יחיא)

— אציגיינער ! אציגיינער ! — האבען אלע אויסגעשריען און פאטש זיינען וויא האגעל געפלויגען — יאגט נאך דעם צווייטען , ער איז געלאפען אין וואלד !

איינינע בעדיענטע זיינען ארויס פון גארטען און באלד צוריק געקומען, דען עס וואר זייער פינסטער.

— זאלען איינינע פון אייך פאהרען אין שטאדט נאך פאליציע — האט דער ווירטה בעפוילען — און דיא איבעריגע זאלען שטעהן לעבען דעם פויגעל , אום ער זאל ניט אוועק פליהען ....

ביי דיא ווערטער איז ער אריין אין זיין פראכטיגען וואהנונג , אין איין שטונדע ארום זיינען דיא בעדיענטע געקומען פון שטאדט מיט איינינע פאליציייסקע ; אבערמאלס האבען זיך געהערט פייעריגע פעטש און אלס מען האט דעם ציגיינער ארעסטירט , איז אין שלאסס צוריק שטיל געווארען .

2

דיא יונגע חתן כלה.

אין צוויא מאנאטען ארום נאך דער בעשריבענער בעגעבענהייט, זעהען מיר דעם גוטבעזיטצער , לעאן לעווינשטיין , אמאן פון פינף און דרייסיג יאהר, מיט אהעכסט סימפאטישעס. עדעלעס געזיכט, זיטצען אין זיין רייכבעפוצטען זאאל מיט זיין רייצענדער יונגער פרויא, הדסה און פיהרען פאלגענדען געשפרעך:

— הדסה, מיין טהייערע זעעלע, — היינט איז ביי אונז אהייליגער פייערטאג : היינט פערבינדען מיר אויף עוויג אונזערע טהייערע קינדערליך , וועלכע גאט האט אונז נאך אלאנגען ווארטען געשאנקען ; היינטיגער טאג וועט אונז בלייבען איין איינדענקונג אויף עוויג , אויף קינדס קינדער און גאט זאל געבען , אז דער הייליגער בונד מיט מיין ברודערס קינדער, זאל זיין מיט פיעל גליק .

— אמן ! האט הדסה אויסגערופען — און צוויא בריליאנטענע טרעהרען האבען זיך אין איהרע שיינע אויגען געשטעלט — שאדע, מיין ליעבער , וואס היינט איז זויא טריביג, זאנסט וואלט איך מיט נעהמען אונזערע צעהנוואכיגע חתן כלה ....

— איך וואלט זויא וויא זויא ניט מיט נעהמען, דען מיט אזעלכע טהייערע יונגע נשמות דארף מען זיך ניט שפיעלען .... זייא קענען זיך בעהיטע גאט , צוקיהלען ; א , הדסה , מיט זייא מוז מען גוט

פארזיכטיג זיין אונ היטען וויא דאס שווארצע אפּפעל פון אויג!

— דוא האסט רעכט, מיין טהייערע, אבער ווייסט דוא וואס איך וועל דיר זאגען? מיך פערדריסט זעהר, וואס דיא שמחה איז ניט ביא אונז אין שלאס אונ מיר מוסען אויף אייניגע שטונדען צוא זימאנען אויף קנסמאל פאהרען, דען זינט דיא טרויעריגע שרעקליכע נאכט מיט דיא פערדס-דיעבע, (גנבים) שרעקט זיך מיין הערץ... מיר איז זאגאר אונאנגענעהם צוא פאהרען אין זימאנס שלאס אונ צוא לאסען אליין אונזערע טהייערע קינדערלאך.... אי, לעאן! גאט זאל געבען עס זאל אלעס זיין צוא גוטען.

— דוא, מיין טהייערע, שרעקסט זיך גאנץ אומזיסט, דען דער ציגיינער איז יעצט שוין באלד אין סיביר.... בעזאנדערס בלייבען מיט אונזערע קינדער פיעלע בעדיענטע, וועלכע וועלען וואכען לעבען זייא ביז מיר וועלען צוריק קומען. איך האב מיין עלטערען ברודער ניט געקענט ענטזאגען, וועלכער האט דורכאוים פערלאנגט, דאס דער קנסמאל זאל שטאט-פינדען בייא איהם אין הויף.

מאן אונ פרויא האבען נאך עטוואס געשפראכען, אויך בעפוילען זייערע דיענער, זייא זאלען גוט אכטונג געבען אויף דיא קינדער, ענדליך האט הדסה אונ לעאן אנגעצויגען זייערע טהייערעסטע קליידער אונ אהנע לוסט זענען ביידע מיט זייער טהייערען עקיפאזש אין זימאנס שלאסס אבגעפאהרען, וועלכער וואר צווייא ווערסט ווייט פון טורנאווקע. —

3.

שדים.

שמערקע גימפּעלס, אדער „שמערקע קאטיץ“ וויא אלע לעווינשטיינס הויז-בעדיענטע האבען איהם גערופען, קען אויף קיין פאל ניט אנט-שלאפען ווערען, אבוואהל עס וואר שוין צוועלף אוהר בייא נאכט.

שמערקע גימפעלס איז אהויכער מאגערער זיבעציגיאהריג יודעל מיט לאנגע גרויע האר. נאך אלס יונגעל האט ער בייא דער פאמיליע לעווינשטיין געדיענט אלס וועכטער. צוא זיין דרייסיגסטען יאהר, האט איהם דער אלטער רפאל, לעאנס פאטער, פערהייראט מיט איין ארימעס דיענסט-מעדכען, וועלכע האט איהם אזאהן געבאהרען. צוא פערציג יאהר איז ער (לא עלינו) איין אלמן געווארען אונ אזוי זיצט ער שוין דרייסיג יאהר אהן איין ווייב.

פון זיין יוגענד אן איז שמערקע אגרויסער אידיאט אונ פאר יעדער מינדעסטער בעוועגונג האט ער זיך ערשראקען אונ געשריען: „גוואלד“!

ניט איין מאל האט זיך געטראפען אונ דער טרייער משרת האט פלוטצלונג שפעט ביא נאכט גענומען שרייען: „געוואלד“; „געוואלד“! „גנבים“! דער גאנצער הויף איז אויס שרעק האלב נאקעט ארויסגע-לאפען, אמענדע איז מען ערפאהרען, דאס אויף שמערקען איז אקאטץ ארויפגעטרעטען .... דער פאר האבען איהם אלע הויז-דינער גערופען „שמערקע קאטץ“.

אויס מיטלייד האט איהם לעאן מיט זיין איינציגען זאהן גימפעל, וועלכער איז מיט איינגע יאהר צוריק אוועק נאך אמעריקא, אין הויף געהאלטען, אבוואהל דער אימער איבערגעשראקענער שמערקע, האט צוא קיין זאך געטויגט. מיר זעהען איהם, נאך לעאנס אונ הדסה-ס אבריזע צוא זייעם ברודער זימאן אויף דעם קנסמאל, שטעהן אין עסס-צימער אונ ברעכט זיינע מאגערע האנד .... דאס מויל האלט ער אפען: זיינע אויגען זיינען האלב פערמאכט אונ זיין שוואכעם הערץ קלאפט מאכטיג, גלייך וויא ער וואלט זיך פאר עטוואס שרעקען.

— וואס שטעהסט דוא שמערקע, וויא אגולם? — ווארום געהסט דוא ניט שלאפען? — האט איהם געפרעגט דיא אלטע נייאנקע שפרה — עס איז דאך שוין זווא שפעט, דוא וועסט זיך אויף דיא הערן ניט דער ווארטען, געוויס וועלען זייא דארט איבערנאכטיגען.

— זאל איך אזויא וויסען פון בייז, צוא איך וויים וואס מען טהוט — האט דער אלטער פויל געזאגט, קראטצענדיג זיינע ווייסע קאלטונגאוואטע האר — עפים שרעק איך מיך היינט מעהר וויא שטענדיג .... ערשט ניט לאנג בין איך ארויס געגאנגען אויף דעם הויף, וואו איך האב געזעהען זיך דרעהען שווארצע הויכע מענשען, אבער אלעם הייסט הויך, אפשר ביז צום הימעל .... איך האב געוואלט שרייען „געוואלד“! נאר דיא צונג איז מיר פערדרעהט געווארען, אונ איידער איך האב זיך אומגעקוקט זיינען זייא פער-שוואונדען וויא דיא שדים .... דער שווארץ יאהר האט אנגעטראגען דעם הערר זימאן, צוא מאכען אקנסמאל; חא! חא! חא! איך זאג בנאמנות, אונזערע הערן זיינען פריש אונ משוגע .... וואו האט מען עס געהערט, אז ביא קינדער פון צעהן וואכען זאל זיין תנאים .... מיין גאנץ לעבען האב איך ביא זייערע עלטערן געדיענט אונ זאל איך קריינקען, צוא איך האב אזעלכע נארעשקייטען געזעהן .... וואלטען זייא דען דאס אין צוואנציג יאהר ארום פערשפעטיגט? חי! חי! חי! ווער וויים, וואס זייא וועט נאך איינפאלען .... עס קען זיין זייא

וועלען דיא קינדער צום יאהר חתונה מאכען.... חא! חא! חא! איך האב שוין קיין כח ניט צו לאכען, דיא זייטען טהוען מיר וועה פון געלעכטער....

— שטיל, דוא קאטץ, פערדס-קאפ! — האט די אלטע שפרה אויסער זיך געשריען — מיש זיך ניט אין פרעמדע געשעפטען אונ געה צו אלדע שווארץ יאהר — זעה נאר וויא ער האט אויסגעשטשירעט זיינע פוילע ציין וויא איין אלט פערד... געה שוין חאלאין (שלאפען) אלטער הונד!...

— וואס זענט איהר אזוי בייז? — האט שמערקע אידיאטיש געפרעגט אונ אלאנגען גענעץ געטהון — איך האב מורא צו שלאפען.... איך וועל ווארטען, ביז אונזערע הערן וועלען צוריק קומען.

— פאר וועמען האסט דוא מורא? — האבען ביידע אממען זיך פערנאנדער געלאכט — פאר'ן בער? פאר דיינע אויסגעטראכטע שדים? האט דיך שוין ווייטער אקאטץ אן געריהרט? ווארט, שמערקע, זאלען נאר דיא הערן קומען... מיר וועלען אלעס ערצעהלען, פון דיינע פלוידערייען מיט דעם קנסמאל... פון דיינע שווארצע מענשען אדער קאטץ... וועסט שוין חאפען אמארק...

— רייזקע! שפרה! הינדהלע! — האט רחמנות — האט דער אלטער זיך געבעטען — איך וועל שוין מעהר ניט... זאל מיר דאס מויל פון הינטען שטעהן... זאל איך אזוי דער לעבען צו זעהען מיין איינציגען זאהן גימפעל.... איך געה שוין שלאפען, וויא איך בין איוד!...

ווייטער האט זיך געהערט אשאלענדעס געלעכטער; שמערקע איז אריין אין קארידאר אונ זיך געלייגט לעבען דער טהיר; באלד ווער פינסטער אין אלע צימערען; אלעס איז שטיל געווארען; אלע זיינען פערזונקען אין איין געשמאקען זיסען שלאף.

נאר איין שמערקע האט געביך ניט געקענט אנטשלאפען ווערען: שרעקליכע בילדער האבען זיך פאר זיינע אויגען געמאהלט. אבערמאלס האט זיך איהם פארגעשטעלט דיא הויכע שווארצע געזיכטער.... געדרעהט האט ער זיך אויף אלע זייטען; בענאהע צעהן מאל האט ער „קריאת שמע“ געלייענט אונ געשריען „שמע ישראל“....

— וואס קען עס זיין? — האט ער זיך זעלבסט געפראגט אונ געציטערט מיט דעם גאנצען קארפער — דאכט זיך זייא טאנצען אין גארטען.... ניט אנדערש דאס איז שדים........

4.

דיא פאמיליע לעווינשטיין.

אום מיינע ליעבע לעזער זאלען בעסער פערשטיין דאס קאפיטעל „דיא יונגע חתן כלה“ מוזען מיר פריהער בעקאנט ווערען מיט אונזערע העלדען לעאן אונ זימאן לעווינשטיין.

דיא פאמיליע שטאמט פון דעם גרעסטען אדעל אין פוילען: זייער פאטער רפאל, וועלכער וואוינט יעצט מיט זייער מוטער, יוכבד, אין דער פאלנישער שטאדט דרום, איז אמאן פון זעכס אונ פופציג יאהר, העכסט געבילדעט אונ פון עדעלען כאראקטער. מיט איינינע יאהר צוריק האט ער געוואוינט אין זיין גוט (אימעניע) טורנאווקע, וועלכע ליעגט ניט וויית פון דעם שטאדטיל ראטנעגראד.

זיין הויז וואר אפען פאר יודען אונ קריסטען; אלע ארעמע לייט פון שטאדטעל האט ער געשיטצט אונ געשטיטצט; זיינע רעליגיאנס-ברידער האט ער שטערבליך געליעבט, דאס ניט איין מאל האט ער מיט הייסע טרעהרען בעדויערט זייער לאגע, זעהענד, וויא זייא זינקען אין דעם פאנאטיזם אונ זענען ניט פעראייניגט וויא דיא ארומיגע פאלקער, פערקעהרט, זייא טהיילען זיך אין פיעלע סעקטען אונ איינער איז וויית פון צווייטען וויא פון מזרח ביז מערב. דאך האט ער זייא הערצליך געליעבט. דער יודישער פאטריאט האט געהאפט, דאס דיא צייט וועט דעם אונגליקליכען יוד עפענען דיא אויגען .... דער גוטער מענש וואר אימער גרייט זיך צוא אפפערען פאר זיין פאלק, פאר זיין רעליגיאן; ער האט זיינע ברידער געשטיטצט מיט געלד, זייא פערטהיידיגט מיט זיינע טויזענדער, אויך מיט דער פעדער, דען ער וואר אזעלטענער ליטעראט אין איינינע שפראכען; מיט איין ווארט: לעווינשטיין וואר בעוואוסט אין גאנץ פוילען אונ רוסלאנד, אלע האבען זיין נאמען מיט עהרע ערמאנט.

זיין גוטע פרויא יוכבד, וועלכע איז אין זיינע יאהרען, האט איהם צווייא זאהנע מיט איין טאכטער געבארען: זימאן זייער ערשטער זאהן וואר עלטער פון לעאנען מיט צווייא יאהר אונ זייער איינציגע אונגליקליכע טאכטער רבקה וואר אינגער פון לעאנען מיט זעכס יאהר.

מיט דער לעצטער האט זיך איין אונגליק געטראפען: ווען רבקה וואר איין יאהר אלט איז דיא אממע מיט איהר שפאצירען געגאנגען אונ איז ביז היינטיגען טאג ניט צוריק געקאמען. —

עס האט ניט געהאלפען דיא אונגליקליכע עלטערענס יאמער, אויך זייער שיטען מיט געלד און ביז היינט זיינען זייא אונגעטרייסט געבליעבען. זימאנען וויא אויך לעאנען, האט דער עדעלער פאטער, דיא בעסטע ערציהונג געגעבען און אויסער זייערע אויסגעצייכענטע לעהרער, האט ער זעלבסט אין זייא איינגעפלאנצט ליעבע אונד אכטונג צוא דעם הייליגען רעליגיאן און נאציאן, וועלכע ווערד פערפאלגט שוין באלד צווייא טויזענד יאהר. זימאן און לעאן זיינען העכסט געבילדעט און עכטע הייסע יודען וויא זייער גוטער ארדענט-ליכער פאטער.

מיט צעהן יאהר צוריק, האט רפאל זיינע צווייא גיטער (אימעניעס) זימאנען און לעאנען געשאנקען. דעם ערשטען האט ער געגעבען ווישניצע און דעם צווייטען טורנאוואקע; אליין איז ער ארויס אין זיין געבורטס-שטאדט דרום, וואו ער האט פיעל וואלדער און הייזער געהאט, מיט דער האפנונג, דאס דארט אין דער רוישענ-דער שטאדט וועט ער פיליכט פערגעסען זיינע אלטע ליידען ....

ביידע ברידער לעבען זעהר פריעדליך און שטיטצען זייערע ארעמע ברידער; ביידע זיינען וואהרע פאטריאט"ן און וייכען אויס דיא פאלנישע חראביעס, וועלכע זיינען מעהרסטענטהייל יודאפאבען (יודען-פיינד). ביידע פערזארגען זייערע ארימע ברידער מיט ברויט און יעדער וואך שיקען זייא אריין אין ראטנעגראד פון אלעם גוטען. אלע פאר פסח, זיינען דיא ארימע יודען פערזארגט מיט מצות, ערד-אפפעל אונד פלייש; אין זייערע הייזער פיהרט זיך גאנץ יודיש; אלע בעדיענטע זיינען יודען, דאך קענען דיא דארטיגע חסידים ניט פערציהען, וואס לעאן און זימאן געהן דייטש געקליידעט .... גלויבען ניט אין קיין „איינקעל“, שערען דיא בארד, דאבינין אין שול נאר ראש השנה און יום כפור, אויך פאר וואס זייערע פרויען טראגען קיין פאריקען ....

ביידע ברידער האבען געהייראט זעהר פיינע געלערנטע פרויען וועלכע שטאמען פון דיא רייכסטע יודישע פאמיליען. —

זימאנס פרויא, מלכה, האט אייניגע יאהר נאך איהר האב-צייט צווייא קינדער געבארען, וועלכע האבען בלויז אייניגע מאנאטען געלעבט, און הדסה מיט לעאנען ווארען קינדערלאז.

מען קען זיך לייכט פארשטעלען דיא ברידערס קריינקונג: ביידע האבען זיך גאנץ עלענד געפיהלט אין זייערע רייכע שלאססער; ביידע ווארען אימער טרויעריג, ענדליך האט זיך גאט איבער זיי ערבארעמט און אין פערלויף פון צווייא יאהר האט מלכה איין זאהן מיט איין

טאכטער געבארען, וועלכע מען האט גענאנט: אלבערט אונ צפורה.

אויך הדסה האט לעאנגען מיט צעהן וואכען צוריק אצווילונג אזאהן מיט אטאכטער געשאנקען, וועלכע מען האט אנאמען געגעבען, גבריאל אונ בלומע.

דיא ברידערס פריידען איז מיין פעדער ניט אימשטאנד צוא שילדערען: דעם ברית מיט דעם מז״ט וועלען דיא ראטנעגראדער יודען זויא גיך ניט פערגעסען; דיא ארעמע לייט האבען זיך ניט געהאט אויף וואס צוא בעקלאגען אונ דיא איבערגליקליכע ברידער וואַרען זויא בעטרונקען פון גליק, דאס זימאן האט זיין אינגערין ברודער איין פארשלאג געמאכט, דאס זייא זאלען צווישען זייערע יונגע קינדער איין היילינען בונד שליסען אונ ווען דיא קינדער וועלען פאליאהריג ווערען, זאלען זייא הייראטען. יעצט פערשטעהען מיר שוין ווארום לעאן מיט הדסה'ן זיינען צוא זימאנען געפאהרען אונ מיר קענען אונזער ערצעהלונג פארטזעצען. —

5.

אין וואלד.

עס וואר אפינסטערע סעפטעמבער נאכט; עס רוישט, עס טומעלט, עס לארעמט אין דעם לאנגען געדיכטען ראטנעגראדער וואלד; עס פייפט אשטארקער ווינד, וועלכער שטערט דיא רוהע פון דיא אלטע הויכע דיקע בוימער; מיליאנען געלע בלאטליך פאלען אויף דער ערד; דיא קליינע יונגע ביימעליך בייגען זיך צוא דער ערד, פונקט וויא דיא קליינע שוואכע מענשעליך בוקען זיך צוא דעם גרויסען, צוא דעם רייכערען אונ מאכטיגערען ....

אין מיטען געדיכטען וואלד, אין איין גרויסען טהאל, זעהען מיר שטעהן איינינע וואגען מיט לייווענט בעדעקט, צוא וועלכע עס איז צוגעבונדען איינינע פערד, וועלכע קייען געשמאק דאס גראז.

אין דיא וואגען ליעגען פיעל פרויען מיט קליינע קינדער אונ שלאפען זעהר געשמאק; אויך אויף דעם פערוויאלעטען גראז ליעגען פיעל מענשען פערזונקען אין איין טיעפען שלאף, אלזא איז אונז גאנץ לייכט צוא פארשטעהן, דאס דא האבען זיך בעזעצט איין קאמפאניע ציגיינער.

ניט וויט פון דיא וואגען ברענט איין טרויעריג פייעריל, לעבען

וועלכע עס ווארעמען זיך איין אלטער גרייזגרויער ציגיינער מיט גאנץ לאנגע ווייסע האאר; זיינע בליטצענדע אויגען זיינען טיעף אריין אין זיין געקנויטשטעס געזיכט; לעבען איהם ליעגט איין העסליכע אלטע ציגיינערין אויך צוויא קראפטיגע יונגע ציגיינער. —

אלע פיער זיינען שטארק פערטראכט אונ קוקען אויף דעם פייעריל, וועלכעס שיקט גאנץ בלאסע שטראהלען אויף דיא ארעמע שלאפענדע ציגיינער, אויך אויף זייא. אפטמאל ווערד דאס פייעריל פערלאשען, עס זעצט אשווארצער געדיכטער רויך אונ פלוטצלונג הייבט עס אן ליכטיג אונ העל צוא ברענען, גלייך וויא עס וואלט מיטפיהלען דיא טרויעריגע געדאנקען פון דיא ציגיינער....

— עדבין! — האט דער אלטער ציגיינער נאך אלאנגען שטילל שווייגען טרויעריג געזאגט — זעהסט דוא דאס פייעריל, וועלכער ברענט געגען אונז אונ עס צופלאקערט זיך יעדער מאל מעהר אונ מעהר? דאס זעלבע פייער ברענט אין מיין הערצען.... ראכע מוז איך נעהמען פון דעם פערפלוכטען יודישען גוטבעזיטצער, וועלכער האט אויף עוויג פון מיר גערויבט מיין איינציגען זאהן קאססיא.... איך וועל זיין לעבען פערביטערען, וויא ער האט מיין עלטער פערוויסט, פערביטערט....

מיין הערץ ווערד צופלאצט, ערמאנענדיג זיך, דאס מיין טהייערער קאססיא, ארבייט שווער טאג אונ נאכט אין דיא גאלד־גראבען פון סיביר....

ראכע פון דעם שטאלצען רייכען יוד! זאל ער וויסען, וואס מיר ציגיינער קענען! זאל ער פיהלען וואס איך פיהל!.... איך שוואר ביי דעם לעבען פון מיין אונגליקליכען זאהן, דאס מיין בלוט וועט ניט רוהען, ביז איך וועל דעם שלעכטען לעווינשטיין פערוויסטען, אונ היילינג איז דאס ווארט פון איין אלטען ציגיינער....

— אבער וואס קענט איהר דעם רייכען שטארקען מאנן טהון, וועהרענד איהר זענט זויא ארעם אונד שוואך? — האט אונזער בעקאנטער עדבין מיט צווייפעל געפראגט — איך האב שוין גענוג געקלערט וויא ראכע צוא נעהמען פאר מיין פריינד קאססיא אונ פאר מיינע וואונדען, וועלכע איך האב דאן אין גארטען בעקומען.... אבער ביז יעטצט האב איך קיין מיטעל געפונען וויא מיין ראכע אויסצופיהרען....

א, קינדער! — איהר קענט נאך פיעל יאהרען לערנען ביא דעם אלטען ציגיינער — האט באצציא מיט א טייפלישען שמייכעל געזאגט; זיינע אויגען האבען וויא ביא איין וואלף געפינקעלט —

וואס אייערע יונגע קאפ וועלען יאהרען לאנג זוכען, וועט עס מיין אלטער אין איין מינוט געפינען .... זעהט איהר, קינדער, מיין פלאן פון ראכע איז שוין פערטיג אונ גראדע דיא נאכט וועלען מיר איהם אונגעשטערט אויספיהרען....

— איך וואלט זעהר וועלען הערען אייער פלאן — האט עדבין בייגעריג געזאגט — פיליכט וועט איהר זיך נאטהיגען אין מיין הילפע, בין איך בערייט אייך צוא דיענען מיט לייב אונ לעבען.

— איך דאנק דיר, מיין פריינד, פאר דיין טריישאפט אונ דוא קעדער — האט דער אלטער זיך געווענדעט צום צווייטען יונגען ציגיי־נער — וועסט אויך מיטהעלפען דיין אלטען טרייען אנקעל זיין בלוטיגע ראכע אויס צואיבען?

— געוויס, אנקעל — האט דער יונגער ציגיינער ערינסט געזאגט אונ צווייא פויסטען געמאכט — איהר דארפט נאר בעפאהלען אונ איך וועל אלעס פינקטליך ערפילען....

— אונ איך וועל אויך ניט פון ווייטענס שטעהען — האט דיא אלטע ציגיינערין אויסגערופען — איך וועל אייך, קינדער, מיטהעלפען אין דער הייליגער ארבייט .... א, אונגליקליכער זאהן! איך וועל שוין מעהר דיך ניט זעהען, אבער אויך דער נידערטראכטיגער יוד, וועט מעהר זיינע קינדער ניט זעהען .... בלוט פאר בלוט! איך וועל אייך ווייזען אלע וועגען אונ אויסגאנגען פון לעווינשטיינס שלאס.... איך וואר דארט יעדען טאג .... איך האב אלעס גוט בעטראכט....

— שוייג, טעמרע! — האט דער אלטער שטרענג געזאגט — הערט, קינדער, מיין פלאן פון ראכע, מיט צעהן וואכען צוריק האט לעווינשטיינס פרויא אצווילינג געבארען, וועלכע זייא ליעבען מעהר וויא זייער לעבען .... היינט בין איך מיט מיין טעמרע לעבען שלאסס געוועזען, אונ מיר האבען צום גליק געזעהען דעם גוטבעזיטצער מיט זיין פרויא פאהרען נאך ווישניצע צוא זייער ברודער אויף איין באלל .... אין שלאסס זענען נור געבליעבען זייערע בעדיענטע, וועלכע שלאפען געשמאק .... צייט איין שטונדע האבען מיר אויסגעקוקט דעם גאנצען הויף .... דיא הינד האבען מיר אויף עוויג שטיל געמאכט, אום זייא זאלען ניט קענען שטערען אונזער ארבייט.......

אלזא, קינדער, מיר דארפען דיא בעסטע צייט ניט פערליערען אונ גלייך געהן אין טורנאווקע, וואו איך וועל אייך ווייזען דעם אריינגאנג אין דיא קינדערס שלאפציממער, וועלכע איהר וועט מיר דורך דעם פענסטער מיט אשטריק אראפ לאזען אונ אלס איהר וועט אויך האבען פולע טאשען מיט גאלד אונ זילבער, וועלען מיר אונטער

צינדען פון אלע פיער זייטען דעם שלאס ···· אוועק זאל אלעם מיט דעם רויך ···· זאלען זייא ליידען מאנגעל אונ קעלט וויא מיר ציגיינער ···· זאלען זייא בעקלאגען זייערע קינדער וויא איך מיין זאהן ···· זאלען זייא געדיינקען דעם אלטען ציגיינער ···· נוא, קינדער, וויא געפעלט איך מיין פלאן?

— זעהר קלוג האט איהר אלעם בערעכענט — האט עדבין שטיל געזאגט — אבער ליידער מוז איך מיין ווארט צוריק נעהמען אונ קען אייך דא ניט מיט העלפען, דען איך האב נאך ניט פערגעסען יענע שרעקליכע נאכט ···· איך שרעק מיך זעהר פאר דיא העלדישע דיענער ···· וועלכע האבען מיר דאן פיעל וואונדען גע־מאכט ···· איך וויים זעלבסט ניט, וויא איך בין לעבעדיג ארויס פון זייערע האנד ···· גיין באצציא, איך וועל מיין לעבען ניט איינ־שטעלען ···· איך האב געדענקט, דאס מען וועט דעם גוטבעזיטצער בעפאלען אין וואלד, אבער אין שלאס קען איך ניט געהן····

— א דוא פייגלינג! (טרוס) — האט דער אלטער געדאנערט אונ זיינע אויגען זענען מיט בלוט פערלאפען — דוא האסט גאר ניט פער־געסען, וואס דיין פאלשע צונג האט מיט איניגע מינוטען צוריק גערעדט ···· דוא האסט פערגעסען דאס פריינדשאפט, וואס איך האב דיר אגאנץ יאהר געוויזען ···· נידערטראכטיגער יונג! ווען ניט איך וואלסט דוא שוין לאנג אויף איין שטריק געהאנגען ···· ווער האט דיך געשיצט פון דער פאליציע ווען ניט איך? ווייסט דוא דען ניט, דאס מען זוכט דיינע שריט אונ טריט אונ נאר איך האב דיר דיא פרייהייט געגעבען? אונדאנקבארער! דעם אלטען באצציא ביזט דוא דיין זינדיגעס לעבען שולדיג אונ איהם מוזט דוא געהארכען, ווען ניט, זויא פערלאס גלייך אונזער קאמפאניע ···· מיר נאטהיגען זיך ניט אין אזעלכע פאלשע יונגען; פארט פון היער! געה אנטלאפענער קאטארזשניק! גיב זיך איבער אין דיא האנד פון דער פאליציע, וועלכע וועט דיך צונעהמען פאר אשיינעם גאסט ···· אוועק פון מיינע אויגען פערדארבענער מענש! איך וויים פאר וואס דוא ווילסט מיר ניט מיט העלפען, ווייל מיין פיינד איז אזא פערפלוכטער יודע וויא דוא····

עדבין האט טרויעריג אונ נידערגעשלאגען אויסגעהערט דעם אלטענס רייד, ענדליך האט ער שטיל געזאגט:

— זייט ניט זויא אויפגערעגט, באצציא, ווען איהר פערלאנגט דורכאוים איך זאל אהין געהן, זויא איז אייער בעפעהל ביא מיר הייליג אונ איך געה גלייך מיט אייך····

דער אלטער איז נאך עדבינם רייד עטוואס ווייכער געווארען, איינִיגע מינוט האבען דיא באנדיטען צווישען זיך גאנץ שטיל גערעדט און אם-ענדע האבען זייא דעם וואלד פערלאסען....

6.

ראכע פון אבאנדיט.

עס וואר אפינסטערע טריביגע נאכט; דער הימעל איז בעדעקט מיט שווארצע געדיכטע וואלקען; עס פייפט אווינט מיט רעגען געמישט; אין טורנאווקער שלאסם הערשט אטויטליכע שטיללקייט; נאר אין געדיכטען גארטען הערט מען דאס רוישען פון דיא אלטע הויכע בוימער, וועלכע ריידען צווישען זיך אויף זייער בוימער-שפראכע.... אפטמאל ווערען זייא שטיל, גלייך וויא וואלטען עטוואס בעמערקען ... עטוואס הערען .... פינסטער איז איבעראל; אלע פענסטער זיינען שווארץ וויא דיא נאכט, אויסער איין פענסטער פון צווייטען שטאק גיט פון זיך אדונקעלע שיין, וויא עס זעהט אויס האבען זיך אלע איבערגעגעבען אין דעם מאכט פון שטארקען שלאף, זאגאר דער ערשראקענער שמערקע, איז נאך זיין „קריאת שמע" געשמאק לעבען דער טהיר ענטשלאפען געווארען און ניט געזעהען דיא פיער שווארצע געשטאלטען, וועלכע זיינען אין גארטען לעבען אדיקען בוים, געגען דעם ליכטיגען פענסטער און גאנץ שטיל זיך בעראטהען:

עדבין! קעדער! — האט אשווארצע געשטאלט געזאגט, וועלכער וואר קיין אנדערער וויא דער אלטער ציגיינער — געהט שנעל און פערשפארט אלע טהירען .... ניט ווייט פון דער אלטאנקע ליעגט שטרויא ... ברענגט מיט זיך וויפיעל איהר וועט קענען און איך מיט טעמרען וועלען אין דער צייט בעשמיערען דיא האלצערנע וואנד מיט הארץ-אייל (סמאלע) ....

צווייא געשטאלטען זיינען פערשוואונדען געווארען און דיא אנדערע צווייא האבען גענומען שמירען דיא וואנד....

אין איין פערטיל שטונדע ארום, זיינען דיא ערשטע צווייא צוריקגעקאמען מיט גרויסע הויפען שטרויא, וועלכעס זייא האבען אויס-געשפרייט ארום דעם גרויסען געבויטען הויז, ענדליך האט דער אלטער באנדיט שטיל געזאגט:

— יעצט, קינדער נעהמט מיט זיך אלע נאטהיגע אינסטרו-

מענטען, אויך דיא שטריק···· קלעטערט ארויף אויף דעם הויכען בוים אונ מיט דער הילף פון דער דיקער צווייג ווערט איהר ערדרייכען דאס ליכטיגע פענסטער, וועלכעס איהר וועט גאנץ פארזיכטיג עפענען, דען דארט שלאפען דיא אממען מיט דיא קינדער···· ווייטער ווייסט איהר שוין אלליין, וואס איהר האט צוא טהון···· אינפאלס דיא אממען וועלען זיך ערוואכען, זויא מאכט זייא מיט צווייא קאפ קירצער···· היידא, קינדער! ארבייט וויא טיכטיגע ציגיינער! ···· זעהט מיר זאלען ניט צוא שאנדע בלייבען····

וויא צווייא קאטץ, זיינען צווייא געשטאלטען ארויפגעקלעטערט אויף דעם דיקען בוים; באלד איז איינער געשטאנען אויף איין פעסטען צווייג, וועלכע האט ערדרייכט דאס ליכטיגע פענסטער.

זעהר געשיקט האט ער לייזע געעפינט דאס פענסטער אונ ביידע זענען אריין אין צימער, וואו אין צווייא פיינע בעטטען זענען רוהיג געשלאפען דיא אממען מיט דיא שיינע רייצענדע קינדער, וועלכע האבען געשמאק געזויגען זייערע ברוסטען —

ביידע פרויען זיינען אונבעוועגט געלעגען אונ ניט געפיהלט, וויא דיא צווייא יונגע וואר־עמליך זויגען זייער בלוט.

דער שיין פון דעם דונקעלען בלויען לאמפף, איז געפאלען אויף דיא צווייא יונגע אונשולדיגע זעעלען, וועלכער האט דיא קינדער זויא הימליש, זויא מילד געמאכט, דאס זייא האבען אויסגעזעהען וויא צווייא קליינע מלאכים־לאך.

עדבין האט בעטראכט דיא געטליכע אונשולדיגע זעעלען אונ קוים איז זיין בליק געפאלען אויף דער ערשטער שלאפענדער פרויא, האט ער אשמערצליכען געשרייא געטהון: „הינדה"! אונ זיין גאנצער קערפער האט שרעקליך געציטערט, דאס ער איז קוים אויף דיא פים געשטאנען····

— וואס שרייסט דוא עדבין? — האט קעדער ערשראקען געזאגט — פערליער קיין צייט···· ווער גיך פערטיג מיט איינער אונ איך מיט דער צווייטער···· שנעל דיא צייט איז קורץ!····

— איך····קען····ניט····דיא····פים····ברעכען זיך····אונטער····מיר — האט עדבין קוים געשטאמעלט····

א, דוא פייגלינג! (טרוס) — האט קעדער ביין געמורמעלט — דוא ביזט נאך קיין עכטער ציגיינער···· איך וועל מיט זייא פערטיג ווערען אהן דיר····

וויא איין טיגער, איז דער באנדיט בעפאלען זיינע שלאפענדע אפפער אונ באלד האבען זיך דיא אונגליקליכע פרויען געבאדען אין זייער פרישעם בלוט····

— עדבין נעהם דיא שטריק, לאז אראפ דיא קינדער אונ איך וועל געהן אויפברעכען דעם אייזערנעם שראנק (קאססע). —

עדבין איז וויא צוגעשמידט געשטאנען אונ ניט געקענט ריהרען מיט קיין גליעד; זיינע אויגען ווארען פערלאפען מיט בלוט אונ זיינע ציין האבען מאכטיג געקלאפט.

— א, דוא פאלשער יונג, דוא טויגעניכטס! — האט קעדער בייז אויסגערופען — איך וועל אלעס אהן דיינע הילפע אבטהון, אבער קיין טהייל פון קיין געלד וועסט דוא ניט נעהמען....

שנעל האט דער רויבער ביידע פערשלאפענע קינדער איינגעוויקעלט אין איין פלושענע ווארעמע דעקע (קאלדרע), וועלכע ער האט ארומגעבונדען מיט אלאנגען שטריק אונ מיט דער גרעסטער פארזיכטיגקייט האט ער זיין לעבעדיגער גרויבטער וואארע דורך דעם פענסטער אין גארטען אראפ טראנספאטירט, מיט וועלכע צוויא שווארצע געשטאלטען זיינען פערשוואונדען....

קוים איז קעדער פערטיג געווארען מיט דער עקספעדיציאן, האט ער זיך צוא עדבינען געווענדעט.

עדבין! איך בעט דיך קום מיט מיר צום שראנק, דען דארט האבען מיר זעהר אשווערער ארבייט אונ דיא מינוט איז טהייער.... דער ווירטה קען גראדע אן קומען, דאן איז אלעס פערפאלען....

עדבין האט קיין ווארט געאנטווארטעט אונ וויא איין אוטאמאט (גולם) איז ער דעם מערדער נאך געגאנגען.

אין צווייטען צימער איז דיא אונגליקליכע אלטע שפרה געשלאפען, וועלכע האט זיך ערוואכט פון עדבינס אונפארזיכטיגע שווערע טריט אונ דאס לעצטע מאל האט זיא געעפענט איהרע אויגען, דען קעדער האט לאנג ניט געטראכט אונ איהר זיין שארפעס מעסער אין הארצען געשיקט....

דיא אונגליקליכע האט א שווערען זיפץ געטהון אונ איהר לעצטער אטהעם איז ארויס. עדבין האט אשטארקען ציטער געטהון אונ ווייטער נאך געגאנגען דעם שרעקליכען מערדער, ביז זייא זיינען געקומען אין אשיינעם מעבעלירטען פינסטערען צימער וואו דער אייזערנער געלד-שראנק איז געשטאנען.

קעדער האט אנגעצונדען א קליינע וועקסענע ליכט אונ גענומען פלייסיג ארבייטען ... דער פאר האט עדבין זעהר נאבלעסיג זיין קאמעראד מיטגעהאלפען: זיינע האנד האבען שרעקליך געציטערט, דאגעגען האט טיכטיג געארבייט דער פערדארבענער קעדער; צייט צעהן מינוטען וואר דער שראנק אפען, פון וועלכען ביידע האבען ארויסגענומען פיעל געלד אונ זילבער אונ ווערטה-פאפיערע אונ אלס דער

שראנק וואר גאנץ לעער, האבען זיך ביידע מיט דעם שטריק אראפ-
געלאזט אין גארטען....

אין איינינע מינוטען ארום וואר דער גאנצער שלאסס מיט אלער
געביידען איינגעטונקט אין ארויטען שרעקליכען פייער; דיא טרוקענע
האלצערנע וואנד אונ דאכער האבען געקנאקט, אשווארצער געדיכטער
רויך, געמישט מיט העלישע פלאמען, האט דעם בלויען הימעל
בעדעקט, דיא פונקען זיינען וויא שטערען געפלויגען, אונ דיא באנ-
דיטען זיינען פערשוואונדען. —

7.

דער צושטערטער באלל.

דער שלאסס וויסניצע, איז גרויסארטיג אילומענירט: זימאנס
פראכטיגער גרויסער זאאל איז בעלעבט פון פיעל מענשען; גאנץ
ווייט הערט מען דיא פריידענגעשרייען; אגאנצען טאג ווארען זימאנס
טהירען אפען פאר ארעם אונ רייך; אלע ראטנעגראדער יודען, פון
קליין ביז גרויס, זיינען געקומען גראטולירען דיא צווייא גוטהערציגע
ברידער, אויך זייערע גוטע עלטערן, וועלכע זיינען מיט איינינע
טאג צוריק צוא זייערע קינדער געקומען.

פיעל געלד אונ קליידער זיינען אין דעם טאג צוטהיילט געווארען,
אונ אבוואהל עס וואר שוין צווייא אוהר בייא נאכט, דאך האט
נאך פון באלל קיין ענדע גענומען.

דארט האבען זיך ניט געפונען קיינע רייכע גראב-בייכיגע גוט-
בעזיצער, קיין ספאזמאווע אנגעבלאזענע דאממען, קיינע געפודערטע
פריילין מיט קאוואלירען, זאנדערען איינפאכע יודען מיט לאנגע קא-
פאטעס, מיט הויכע פוילישע היטלען, אויך גאנץ אנשטאנדיגע פרויען
מיט געדיכטע פארוקען וויא דיא מאדע איז אין דיא קליינע פאל-
נישע שטאדטליך.

מען האט דארט ווייניג גערעדט פון פאליטיקע, פון ביסמארקען
מיט קליוולאנדען, פון ספאזמען אונ ווארעמבאדער.... מען האט אויך
ניט געהערט קיינע פראנצויזעשע פראזען.... דיא מאנסלייטע האבען
גערעדט פון זייערע געשעפטען, פון דער יעצטיגע שמחה, טהייל
האבען ערצאהלט מופתים פון דעם „קליינעם“, וועלכער האט זיך
ניט לאנג געזעצט אויף דעם טאטענס שטוהל....

דיא פרויען האבען געגאנגערט פון זייערע מאנגען, פון קינדער, מיט איין ווארט: דארט וואר איין גאנץ איינפאכע יודישע שמחה. אויבען אן בייא איין לאנגען טיש איז געזעסען דער ראטנעגראדער אלטער רב מיט דעם גליקליכען זיידען ר׳ רפאל; לעבען זייא זענען געזעסען ביידע מחותנים זימאן אונ לעאן, מען האט פערגעניגענד פערבראכט אונ זיך געגאסען מיט ספירט אונ וויין, אלע האבען זיך גאנץ היימיש געפיהלט אונ דיא ברידער לעווינשטיין האט מען מיט זייערע איינפאכע יודישע נעהמען גערופען.

— לחיים, זיידע ר׳ רפאל! — האבען פיעל שטימען פרייליך געשריען.

— לחיים, ר׳ זלמן! גאט זאל געבען דער בונד זאל זיין אויף עוויג אין אשעה מצלחת!

— לחיים, ר׳ לייביש! גאט זאל געבען איהר זאלט נחת האבען פון דיא קינדערליך אונ זייא מגדל זיין לתורה, ולחופה ולמעשים טובים אמן.......

צום בעוואונדערען, זיינען דיא חסידים געזעסען מיט רעספעקט אונ ניט געהאפט פון דיא טעלער, וויא דיא פוילישע חסידים האבען ליעב.......

בייא אבעזונדערען טיש, זיינען געזעסען דיא פרויען אונ האבען אויך בענעצט דעם ווארעם....

— ווינש אייך אגוט יאהר יוכבד — האבען איינינע מיט אמאל אויסגעשאססען — מאזעל טאף (מז״ט) מלכה-לאה! צום וואויל זיין הדסיל — האבען אנדערע געשריען — גאט זאל געבען.... אונ דיא ברכות האבען זיך וויא שנעע געשאטען....

אלס דער אבענד ברויט האט זיך גיענדיגט אונ דיא הויכע ספאד-קעס האבען דערפיהלט, אז דיא בייבער זיינען ווארעם, דער קאפ זאנט ווארטער.... אונ אויף דעם הערצען איז פרייליך, האבען פיעל געשריען:

— רבי זלמן מיר ווילען טאנצען, אז מיר האבען זוכה געוועזען צוא דער לעבען אייערע קינדערס קנאסמאל! ווילען מיר זיך פרע-הען .... לוסטיג! לעבעדיג! טאנצט ברידערליך! ריי! ריי! ריי!

איינינע האבען גענומען אפרייליכען חסידישען ניגון, דיא איבערגע האבען געשפרינגען וויא דיא ציעגען, געמאכט אראד אונ גענומען דעם זיידען מיט דיא מחותנים אין מיטטען .... דיא פרויען האבען געפאטשט מיט דיא האנד, זימאנען מיט לעאנען איז דער עהרליכער איינפאכע טאנץ פיעל בעסער געפעלען אלס דיא טאנץ פון דיא פרייליכע גרויסארטיגע באללער....

(ציניינער ח״א)

לעאן איז צוגעגאנגען צום קלאוויר און אויפגעשפּיעלט אפרייליך חסידיש מאנציל; דיא געשרייען: „לעבעדיג“! „שבת“! האבען פער-הילכט דעם זאאל און עס וואר פריידען איבער פריידען.

פלוצלונג איז אריין געקומען אבלאסער דיענער און מיט איין ערשראקענער שטיממע האט ער אייניגע ווארטער דיא ברידער אין אויער געזאגט: קוים האט דער בעדיענטער געענדיגט זיינע ווארטער, זיינען ביידע מחותנים שרעקליך בלאסס געווארען .... און צוגעלאפען צום פענסטער ...

— עס ברענט! עס ברענט! — האבען פלוטצלונג אלע אין איין שטיממ אויסגעשריען און גענומען ארויס לויפען — געוואלד! געוואלד!

דיא פרויען זיינען וויא טויטע געזעסען און זיך ניט געקענט ריה-רען פון זייערע ערטער....

— גיכער! — האבען ביידע פערצווייפעלטע ברידער צוא דיא בע-דיענטע געשריען — שפאנט איין אלע פערד און וואגען, טורנאווקע ברענט! — געוואלד! שמע ישראל! — האבען געשריען דיא האלב-בעטרונקענע חסידים — דאס שטאדטיל ברענט! לאמיר לויפען א היים זיך ראטעווען! .... (רעטען).

— מיינע ארעמע קינדער! — האט הדסה געשטאממעלט און איז אין אונמאכט געפאללען........

8.

דיא אונגליקליכע עלטערן.

שרעקליך רויט איז דער הימעל: גאנץ טורנאווקע איז איינגע-טונקט אין פייער; ווייט פליהען דיא פונקען, עס פלאמט אהעלישער פייער, עס איז ניט צוא דער קעננען דעם אלטען פראכטיגען שלאסס מיט זיינע רייכע געביידען, וועלכע ווארען פולל מיט געטריידע (תבואה) מיט אלעם גוטען, עס ברענען גאנצע בערג היא מיט שטרויא, וועלכע דער מאכטיגער ווינד טראגט גאנץ הויך אין דער לופט, און ווען אבלויער העללער פאס האט זיך געוויזען אין מזרח זייט, זיינען דיא ראטנעגראדער געריהמטע בראנד-לייטע (פאזשארנע קאמאנדע) מיט זייערע צובראכענע אינסטרומענטען און לאבערדיגע פאססער, געקומען לעשען דאס אונגעהייערע שטארקע פייער .... אומזיסט וואר זייער שווערע ארבייט, אונמעגליך איז דאס פייער צוא לעשען וויא דיא פלאממען פון דער העללע. —

דיא האלב-בעוויפטע חסידים שטעהן פון ווייטען אונ שרייען: „געוואלד“! זימאן לויפט ארום אונ ברעכט דיא הענד; זיין געזיכט איז שווארץ וויא קויל אונ פון זיינע אויגען פלייצען בלוטיגע טרעהרען

לעאן מיט מלכה'ן מונטערען דער אונמאכטער הדסה'ן, דארט שפריטצען איינינע מיט וואססער אויף דיא האלב-טויטע זיידע אונ באבע, עס פאלען איין דיא וואנד, עס זעטצט אשווארצער פערשטיקטער רויך, דיא געוואלדען דיא יאמערען הערט מען אויף איינע ווייערסט.

פלוטצלונג זיינען דיא געוואלדען געשטילט געווארען: אטרויעריגע שוידערהאפטע סצענע האט זיך פאר יעדענס אויגען פארגעשטעלט, יעדענס בליק איז געפאללען אויף איין שווארצע געשטאלט, וועלכע איז געלאפען גלייך אין דיא העללישע פלאממען....

זימאן האט דאס בעמערקט אונ וויא איין גייסט איז ער צוא דער געשטאלט צוגעשוועבט אונ איהר גערעטעט פון איין שרעקליכען טויט ....

— הדסה! — האבען הונדערטער שטיממען אויסגעשריען אונ יעדענס אויגען זיינען פולל געווארען מיט טרעהרען....

אונ וויא שרעקליך הדסה האט אין דער מינוט אויסגעזעהען! איהרע אויגען וואַרען ווילד אונ געגלאנצט געגען דעם פייער; איהרע שווארצע צופלאכטענע סאמעטענע האר, האבען פערשטעלט איהר בלאססעס געזיכט; איהרע קליידער וואַרען שוין האלב פערברענט אונ מיט א הייזעריגער פערשטיקטער שטיממע האט זיא הערצרייסענד געשריען:

— לאססט מיך לויפען אין דיא פלאמען! לאססט מיך שלעכטע פערדארבענע מענשען! א, וויא שאן וויא פראכטיג דארט איז! זעהט, אט זיינען זיא! אט זיינען מיינע שיינע קינדערליך! מיינע קליינע ווארימליך! זעהט, זיא שטרעקען צוא מיר זייערע מאגערע הענטע-ליך! פערלעשט דיא פלאממען! מערדער, פערלעשט! זייערע ביינ-דעליך קנאקען! לאססט מיך! גאט! צווייא אפפער!....

מעהר האט דיא וואהנזיניגע אונגליקליכע מוטער ניט געקענט ריידען אונ איז וויא אשטיין אויף דער שווארצער ערד געפאלען.

זימאן מיט מלכה'ן האבען איהר, צוזאמען מיט דיא פערמאטערטע אלטע עלטערען אין ווישניצע געפיהרט, נאר דער אונגליקליכער האלב-פערריקטער פאטער האט אויף קיינעם פאלל ניט געוואלט אוועק געהן פון פייער אונ האט זיך אין טורנאווקער וויסטע אבגעשטעלט. —

ארויטער רונדער קוגעל איז אויפגעגאנגען פון מזרח זייט, וועלכער האט דעם פערברענטען שלאסס נאך שרעקליכער אונ טרוי-עריגער געמאכט. —

באלד האט דיא זאנגע שפאציערט איבערן בלויען אונבעפלעקטען הימעל; ווייטער איז געקומען דער ליכטיגער טאג אונ בעלעבט ארעם אונ רייך; אבער ניט פאר לעאנען האט דיא זאנגע אין דעם טאג געשיינט; ניט פאר איהם וואר דער ליכטיגער טאג: פינסטער, וויסט איז זיין וועלט; פינסטער טריביג איז אין זיין הערצען; שווארץ וויא קויל איז זיין געזיכט; פערלאשען איז געווארען דער גלאנץ פון זיינע שאנע קלוגע אויגען: עהנליך איז ער צוא זיין פערוויסטען שלאסס; פערברענט, פערשמיערט מיט סאזשע, פערטריקענט דיא ליפפען; שווארץ איז זיין גאנצער קארפער, דאס הערץ פול מיט וואונדען ···· וויא איין אוטאמאט (גולם) איז ער ארומגעגאנגען אין בלויען רויך; דיא שווארצע פערברענטע ערד האט ער געשארט מיט זיינע צארטע האנד, וועלכע האבען קיין שמערץ געפיהלט ···· געזוכט האט ער עטוואס···· שטיל האט ער וויא אפערוואונדעטער לייב געברוהמט.

— מיינע קינדערלאך! מיינע ארעמע שאפעליך! איך זוך אייערע פערברענטע ביינדעליך! איך וויל זייא צודריקען צוא מיינעם הערצען! א, גאט! וויא איז ביי דיר רעכט געוועזען, דאס זאלכע צוויא אונשולדיגע זעעלען זאלען אוועק מיט דעם רויך! ווארום האסט דוא זייא מיר געגעבען אונ זויא גיך פערלאנגט דיין געשאנק צוריק מיט זויא אשרעקליכען טויט! א, פאטער!

ביי דיא ווארטער איז ער מיט איין יאמער אויף דער פערוויכערטער ערד געפאלען.

פיעל מענשען האבען שווער געארבייט, ביז זייא האבען דעם אונגליקליכען ערמונטערט אונ איהם אוועק געפיהרט צוא זימאנגען אין שלאסס, ענדליך איז דאס פייער פערלאשען געווארען; מען האט נאר געזעהען אבלויען רויך מיט פיעלע קוימען, וועלכע האבען אויסגעזעהען וויא מאנומענטען; אלע זיינען זיך צוגאנגען, יעדער האט מיט ביטערע טרעהרען בעדויערט דיא אונגליקליכע עלטערען. —

9.

אין שטאדטס-גארטען.

עס וואר אקאלטע הערבסט נאכט, אמאכטיגער ווינט האט געפייפט אונ געהויבען אין דערלופט, אלעס וואס ער האט בעגעגענט. אפטמאל האט אשווארצער וואלקען בעדעקט דיא קלארע מאנד, אבער באלד האט

זיא וויעדער העלל געשיינט אונ בעלייכט דעם גרויסען לעקצער שטאדטס-גארטען, וועלכער האט אין דיעזען אבענד גאנץ וויניג בעזוכער געהאט, אבוואהל דיא שטאדטס-אוהר האט ערשט דיא אכטע שטונדע געשלאגען; אלע אלעען וואַרען פוסט; דיא געדיכטע הויכע בוימער שטירמען אונ רוישען, גלייך וויא זייא וואלטען זיך בייזערען אויף דעם שלעכטען ווינט, וועלכער שטערט זייער רוהע; זעלטען איז צוא זעהען איין לעבעדיגע זעעלע.

נאר דארט אין איין פינסטערע לאנגע אלעע, זעהן מיר אויף אבאנק זיטצען איין יונגען מאנן אונ מיט דער הילף פון דער העלער מאנד, וועלכע דרינגט דורך איהרע שטראהלען דורך דיא געדיכטע צווייגען, וועלען מיר איהם קענען גוט בעטראכטען: ער איז איין עכטער בראנעט, בענאהע פינף-אונד-צוואנציג יאהר אלט; מיט שווארצע קליינע באקענבארד, פון מיטעלען וואוקס אונ פעסט געבויעט; אויף זיינע קליינע שווארצע אויגען טראגט ער גאלדינע פאנסנע; זיינע קליידער זענען זויבער אונ פראנטיש; זיין בארד איז געראזירט אונ אויף זיין אוים געצויגענעם דונקעלם געזיכט ליעגט זויא פיעל פרעכהייט (עזות), דאס באלד ביים ערשטען אויגענבליק קענן ער אויף אונז קיין גוטען איינדרוק מאכען. —

וויא עס זעהט אוים, איז ער שטארק אונרוהיג .... ענדליך האט ער ארויסגענומען זיין גאלדענע אוהר אונ צוא זיך געזאגט: — שוין אכט אוהר אונ זיא איז נאך ניט געקוממען .... זיא האט מיר פערשפראכען זיעבען אוהר היער צוא זיין אונ מען זעהט איהר ניט .... זאל איך זאגען אז .... אבער ניין! זיא ליעבט מיך שטערבליך .... דאס פייגעלע לאססט זיך פאנגען .... איך דארף נאטהיג איהרע גאלדענע פעדערין .... באלד וועל איך האבען איהרע טויזענדער .... יא, איהר פאטער שטעהט מיר אין וועג .... ער שטיקט מיך וויא אביין אין האלדז .... אבער דער אידיאט וועט מוסען בעסער ווערען, דען דיא מוטטער איז פון מיינער זייט .... איך געפעהל איהר .... זיא ווערד ענטציגט פון מיין דייטשעשער אויסשפראכע, פון מיינע אויסגעטראכטע געשיכטען אונ גליקען .... זאלל נאר דער געמאכטער פאלשער בריעף פון מיין גוטען ברודער זרחקען אן קוממען, בין איך מיט אלעם פערטיג .... אבער ווער ווייס צוא וועט עס זרחקען געלונגען? .... צוא וועט ער דעם בריעף גוט מאכען? ....

נאר שא .... דאכט זיך זיא געהט .... איך זעה אשווארצע געשטאלט .... דאס איז זיא ....

אין איינינגע מינוטען ארום איז צוא דעם מאנן צוגעקוממען איין הויכע שלאנקע פריילין, מיט לאנגע בלאנדע האאר; איהר געזיכט

וואר זעהר בלאס ···· אהרע אויגען האבען געגלאנצט געגען דער שיין פון דער העללער מאנד, אונ מיט איין געמאכטער פריילינער שטימע האט זיא אויסגעשריען:

— אווגוסט, מיין טהייער לעבען, שוין לאנג זיטצט דוא דא איינער אליין? ביזט דוא בייז אויף מיר? גלויב מיר, מיין זעעלע, איך בין ניט שולדיג, דען מיין פאטער וואר ביז יעטצט צו הויזע···· אונ איך האבע קוים ערוואַרט זיין אוועק געהן····

— אויף דיר בייז זיין? — האט דער יונגער מענש מיט איין פאלשער מאראלישער שטימע געזאגט אונ איהר פעסט ארום-גענומען — וויא קען איך בייז זיין אויף איין ענגעל גאטטעס···· אויף מיין לעבען אונ זעעלע? יא, איך האבע דיך שארלאטכען, מיט דען גרעסטען אונגעדולד ערווארטעט, אבער יעטצט בין איך וייטער רוהיג···· איך פיהל זיך גליקליך ווען דוא, מיין לעבען, געפינסט זיך לעבען מיר····

ביי דיא ווארטער האבען זיי זיך ביידע שטארק ארומגענומען, ליידער קענען מיר ניט הערען דאס קלינגען פון דיא הייסע קוססע, אויך דיא נאכטיגאַלען פון נאכטיגאל, דען דיא בוימער רוישען זעהר, גלייך וויא זייא וואלטען ניט מסכים זיין אויף דעם טהייערען שידוך····

ענדליך האט דער געליבטער, וועלכער רופט זיך אווגוסט פעלהאנדלער זיין ליעבענדער געפראגט:

— שארלאטע, מיין טרייסט, וואס הערט זיך ביי איך? וועלכע גוטע נייעס האסט דוא מיר געבראכט? איז דיין פאטער שוין וויכער געווארען? קענען מיר האפפען, דאס מיר וועלען זיך אין קורצען אויף עוויג פערבינדען? אדער פיללייכט איז דאס איינע פאלשע האפפענונג···· דאן···· דאן מוס איך שנעל פון היער אבריי‌זען···· איך קען ניט ווארטען, ביז דיא העללישע פלאממען פון מיין ערשטער ליעבע וועלען מיך פערניכטען···· איך קען ניט גלייכגילטיג בלייבען, ווען איך געה פארביי פאר אייער הויז, צוא וועלכען עס ציהט מיך וויא אמאגנעט, ווייל דארט געפינט זיך מיין לעבען, מיין זעעלע, מיין אידיאל···· ליידער טרייבט מען מיך פון דארט, וויא מען האט פערטריבען דעם ערשטען מענשען פון פאראדיז (גן עדן). גיין מיין טהייערע, איך מוסס גיך אבריי‌זען!····

ביי דיא ווארטער האט דער אפעריסט מיט זיין וייסער טאשענטוך אבגעווישט זיינע טרוקענע אויגען····

— האב מיטלייד, מיין טהייערער, האט דאס פריילין טרויעריג געזאגט אונ צוויא גרויסע טרעהרען האבען זיך געגען דער מאנד אבגעשפיעגעלט. —

דיינע טרעהרען לעבערען מיין ברוסט, דיינע ווארטער מאכען וואונדען אין מיין הערצען···· זארג ניט, מיין לעבען, וועסט זעהען, מיר וועלען גליקליך זיין: מיין ליעבע מוטער פערגאטערט דיך···· זיא ערוואַרטעט דיין קוממען מיט אונגעדולט···· אויך מיין פאטער וועט בעססער ווערען אונ וועגן ניט, האבע איך דער פון קיינע קרענ־קונג, דען ער אינטערעסירט מיך ווייניג מיט זיינע חסידישע קאפריזען···· איך ווייס זיכער, דאס וועגן ניט דאס אונגליק, וואלטען מיר נאך דיא וואך פייערען אונזערע גליקליכע פערלאבונג····

— וועלכעס אונגליק? — האט אווגוסט ערשראקען געפראגט.

— מיין מוטער האט פון איהר שוועסטער, הדסה לעווינשטיין, אטרויעריגע נאכריכט ערהאלטען, דאס איהר גוט (אימעניע) טורנאווקע, איז פערברענט געווארען, צוזאממען מיט איהרע צווייא אונגליקליכע קינדער, וועלכע זיא האט מיט אייניגע מאנאטען צוריק געבארען. איך קען דיר גאר ניט פארשטעללען וויא נידערגעשלאגען אונ פעריא־מערט מיין מוטטער איז פון דער נאכריכט, אבוואהל זיא האט איהר אונגליקליכער שוועסטער ווייניג געליעבט, נאר זיא איז דאך מיט איהר אונטער איין הערצען געלעגען אונ צוליעב דעם קען איך פאר־לייפיג מיט מיין ליעבער מוטער וועגען אונזער היילינען בונד ניט ריידען···· האב געדולד, מיין לעבען, מיר ערווארטען דעם בריעף פון גירער ראבבינער, צוא וועלכען מיין פאטער האט געשריעבען אונ געפראגט אויף דיר···· דאן האפפע איך, דאס אין איין מאנאט ארום וועלען מיר זיך אויף עוויג פעבונדען···· קיינער וועט דאן אין שטאנדע זיין אונז צוא שיידען····

ווייטער האבען אונזערע ליעבענדע דעם „קוש־קאנצערט" גע־שפיעלט···· ווייטער האבען געוישט דיא הויכע געדיכטע בוימער אונ גאנץ לאנג זיינען אונזערע ליעבענדע פערבליבען אין שטאדטס־גארטען. —

10.

אסטודענט פון אקליין שטאדטילדיגער תלמוד תורה.

מיינע ליעבע לעזער האבען געוויס ניט פערגעסען דיא בעגעבנ־הייט פון יענער טרויעריגער נאכט, ווען קעדער מיט עדבינגן זענען אין טורנאווקע געקוממען אום צוא רויבען דיא קינדער אונ אלס זיי זיינען צוגעקוממען צוא דיא אונגליקליכע שלאפענדע אממען, האט עדבין אשמערצליכען געשרייא געטהון „הינדה"! אום אייך דיא אורזאכע

צוא ערקלערען, מוזען מיר פריהער בעקאנט ווערען מיט עדבינס לעבענס-געשיכטע, דען ער וועט ניט שפיעלען א קליינע ראלע אין אונזער ראמאן. —

עדבין איז ניט קיין געבארענער ציגיינער: דעם נאמען, עדבין, האבען איהם דיא ציגיינער געגעבען, אבער זיין וואהרער נאמען וואר בערקע סאקאלי. זיינע ארעמע עלטערען, וועלכע האבען געוואוינט אין אקליין פאלנישע שטאדטיל, קרילאוו, זיינען איהם אבגעשטארבען אלס ער וואר דרייא יאהר אלט.

ערצויגען האט ער זיך בייא זיין פאטערס אלטע קרובה, וועלכע מען האט גערופען „יענטע דיא אלמנה“.

וויא יעדען איינעם איז בעוואוסט, האלטען דיא פאלנישע יודען גאנץ ווייניג פון א תלמוד תורה, ווייל עם דארף קאסטען געלד.... אין פיעל בעוואוסטע פאלנישע שטאדט געפינט זיך ביז היינט ניט קיין שולע פאר ארעמע קינדער, איבערהויפט אזא קליין שטאדטיל וויא קרילאוו, נאטהיגט זיך געוויס ניט אין אזעלכע קלייניגקייטען....

דער פאר פעהלען דארט ניט פערשיידענע קלויזען, פון זיידעס, אייניקליך, אוראייניקליך א. ז. וו.

עס געפינען זיך אין קרילאוו איינינע ארעמע מלמדים, אבער זייא מוז מען צאהלען זעבס רובעל א זמן און יענטע האט אזויא פיעל געלד קיין מאל ניט געהאט, זעלבסטפערשטאנדליך, דאס בערקעס ערציהונג וואר ניט צום בענייידען .... יענטע האט מיט איהם יעדען אבענד געלערענט „תורה“ און ווען איהם איז צעהן יאהר געווארען, איז ער ארויס פון יענטעס גימנאזיום מיט אגאנצען „אלף בית“. פון מעהר האט ער גאטץ זייא דאנק ניט געוואוסט....

דער פאר האט ער געוואוסט, אז בייא לייטען עסט מען אבענ-סערען מיטאג וויא בייא יענטען.... ער האט געוואוסט, אז דיא מארק-זיטצערקעס פרוכטען זיינען ניט שלעכט.... מען קען זיך מיט זייא ניט סמ'ן... און מיט זייערען אפרישען זעמעל (בולקע) קען מען זיך ניט איבערעססען.... יא, זייא ווילען ניט געבען, קען מען דען אלליין ניט נעהמען?

בערקע האט געהאט גרינגע האנד, קוים האט זיך נאר דיא מארק-זיטצערקע אויף איין מינוט פערקוקט, איז שוין אין זיין קעשענע געלעגען פון אללעם גוטען....

ווען ער איז „בר מצוה“ געווארען האט יענטע קיין סעודה ניט געמאכט און בערקע האט קיין דרשה ניט געזאגט, זאגאר דיא תפילין האט ער פאר אויגען ניט געזעהען.... דער פאר האט ער געזעהען,

אז דאנארשטאג אונ פרייטאג שטעהן דיא ווייבער אויפן פיש-מארק, אויך ביא דיא יאטקעס···· אונ ניט איין פרויא האט זיך בעוואשען מיט בלוטיגע טרעהרען, ווייל מען האט פלוטצלינג פון איהר קעשענע ארויסגענומען דיא לעצטע עטליכע גילדען, וועלכע זיא האט נעביך אגאנצע וואך געקליבען פאר'ן היילינען שבת····

בערקע האט געוואוסט, אז זונטאג איז אמארק-טאג, דיענסטאג איאריד אונ דאן דארף מען ניט פערשלאפען····

צוא זיין 15-טען יאהר, האט ער פאלקאם ערלערענט דיא נייע „גנבים שפראכע"···· ער האט אימער געזאגט, דאס ווען מען געהט לאטחינען (גנב'ענען) איז אפטמאל אסגולה, אשיינטיל···· (אצינדהאלציל) ער האט געזאגט, אז פאר אשמירה (פאליצייסקע) דארף מען זיך היטען אונ „סקען געטערעט" הייסט „ניט גערעדט"····

צוא זיין 18-טען יאהר איז ער דורכגעגאנגען פיער קורסען אוני-ווערזיטעט···· ד"ה: ער איז מיט מזל איבערגעקוממען פיער אסטראגען···· (קרימינאלע).

ביז צוואנציג יאהר האט ער פראקטיקירט אונ נייע ערפינדונגען געמאכט, וויא צוא עפענען דיא גרעסטע געהיימע שלאססער···· אונ צוא 21 יאהר, האט איהם דיא רעגירונג פאר זיינע ערפינדונגען בעפרייט פון מיליטער מיט איין מעדאלע „ערשטע קלאססע גנב"····

צוא 23 יאהר, האט איהם יענטע פערהייראט מיט איין ארימער דינסט-מעדכען, הינדה, מיט דער האפפענונג, דאס זיין עהרליכע פרויא וועט איהם מאכען פאר איין עהרליכען יוד····

צו 24 יאהר האט איהם די רעגירונג, פאר זיין פלייסיגקייט, געגעבען אשטעללע אלס אלחימיק*) אין דיא גאלדגראבען פון סיביר····

נאר ווייל דיא נייע שטעללע איז איהם ניט געפעללען, איז ער פון דארט אנטלאפען אונ אום צוא זיין זיכער פון דער פאליציע, איז ער בעקאנט געווארען מיט איין קאמפאניע ציגיינער, וועלכע האבען איהם צוגענוממען פאר אפיינעם גאסט, דען ער האט דיא „פערדס-קונסט" אויך גוט געקענט אונ געוואוסט, אז אפערד שטעהט ניט אין שטוב···· ער האט אויך געוואוסט, אז איין אנדערע סארט גניבה, מוז ער טראגען, אונ דער סארט···· טראגט איהם····

אין דער ציגיינער שפראכע האט ער גרעסערע פארשריטע גע-מאכט וויא אין זיין אמאליגען „אלף בית"···· אונ אין פערלויף פון זעכס מאנאטען, איז ער געווארען אוואהרער ציגיינער מיט אללע

ונאמרליך

---

*) אלחימיק, הייסט דער, וועה עס לערענט דיא קונסט פון גאלדמאכען.
(ציגיינער ח"א)

„ונאמרליך“ . . . מיט לאנגע שווארצע האר, מיר קירצע ציגייַנערישע קליידער, מיט זייער שפראכע, מיט עפענען פערדס-שטאללען א. ד. ג.

ווייטער וויא מיט איהם האט פאססירט, האבען מיר שוין בעשריבען אין דיא פאריגע קאפיטלען. —

דאס איז דיא ביאגראפיע פון אסטודענט פון אקליין שטאדטילדיגער פוילישער „תלמוד תורה“ . . .

11.

געוויסענסביססע, ליעבע אונד מארד.

אין דער זעלבער צייט, ווען טורנאוּוקע מיט איהרע אפּפער וואַרען איינגעטונקט אין העללישע פלאמען, האבען זיך דיא נידערטראַכטיגע ציגייַנער ארויסגעקליבען פון גרויסען ראטנעגראדער וואַלד.

דיא פרויען האבען געפּאקט זייערע זאכען; אין דיא ביידליך וואר אקאַטין-מוזיק: דיא געפרוירענע ציגייַנערישע קינדער האבען געיאמערט וויא דיא קאטין; דיא ציגייַנער האבען איינגעשפּאַנט דיא פערד אין דיא וואגען אונ צייט אין שטונדע זענען זייא שוין געוועזען גאנץ ווייט פון ראטנעגראדער וואלד.

אגאנצע נאכט זענען דיא באנדיטען געפאהרען מיט קריממע וועגען, אום מען זאל זייא ניט בעמערקען אונ פאר טאג, האבען זייא זיך אויף איניגע שטונדען אבגעשטעלט אין אין וואלדיל, וואו זייא האבען געפריהשטיקט אונ געגעבען דיא פערד עססען.

אזוי זענען זייא געפאהרען ביז דער צווייטער נאכט, ענדליך זענען זייא געקוממען אין אגרויסען געדיכטען וואלד, וועלכער געפינט זיך ניט ווייט פון דער בעוואוסטער פאלנישער שטאדט ליבנארייא.

דא האבען זייא זייער לאגער א'יפגעשלאגען אונ דיא פרויען האבען אגרויסען פייער געמאכט, ביי וועלכען זייא האבען צוגעשטעלט איניגע קעססעליך מיט וואססער, אויף פיעל גרויסע טאפ.

זייערע קליינע שווארצע קינדער, האבען זיך ערוואַרעמט אונ בעטאנצט ארום דעם פייער; דיא גרעססערע האבען געזינגען „ציגייַנערישע ליעדער“; דיא אלטע האבען גערעדט פון זייערע געשעפטען ···· פון פרישע שטאללען מיט פערד ···· א···· ז···· וו····

אנדערע האבען געווארפען קארטען, געשפּיעלט אויף פייפ-
לען א. ד. ג.

אין איין שטונדע ארום איז פערטיג געווארען דער אבענדברויט: אללע האבען זיטצענדיג אויף דער נאססער ערד מיט אפעטיט גע-געסען; דיא קליינע ציגיינערליך האבען אויסגעלעקט דיא ערדערנע שיססלען אונ טאפ, אטענדע זענען זייא אריינגעקראכען אין דיא בוידען, וואו זייא זענען געשמאק ענטשלאפען געווארען, דיא עלטערע האבען אנגעפילט זייערע פייפען (לולקעס) מיט אסארט גראז אונ פערגעניגענט געשפּראכען פון דער פאריגער נאכט .... אללע האבען זיך געפרייט אויף דעם גוטבעזיטצערס אונגליק .... ענדליך צוועלף אוהר זענען זייא וויא טויט געבליעבען ליעגען אויף זייערע ארטער ....

שטילל, רוהיג איז געווארען אין וואלד; מען האט נאר גע-הערט דאס חראפען פון דיא מידע ציגיינער אונ דאס רוישען פון דיא בלאטטליך; —

ליעבען דעם פייער, וועלכער ברענט שוין גאנץ דונקעל, זעהען מיר ליעגען דעם אלטען באנדיט באצציא, מיט זיין העקסע (מכשפה) טעמרע אונ ריידען גאנץ שטילל:

— באצציא, זאג מיר, וואס וועללען מיר טהון מיט דיא קינדער? — דענקסט דוא זייא צוא פערקויפען, אדער זייא וועללען בלייבען ביי אונז?

— דאס וועלען מיר, טעמרע, שפעטער זעהען .... מיר דארפען נאר וועגען דעם ניט קלערען, דען זייא צוא פערהאנדלען איז יעצט געפאהרליך .... זייא וועללען זיך ערציהען ביי אונז, קיינע אמען פעהלט ניט אין אונזער קאמפאניע אונ אין איינע יאהר ארום, קענען מיר פון זייא פיעל נוטצען האבען .... אנדערש, דאכט זיך קען ניט זיין ....

— יא, באצציא, עס קען בעססער ניט געבען .... מיין הערץ, מיינע וואונדען זענען פערהיילט: מיר האבען גליקליך אויסגעפיהרט אונזער ראכע .... דעם גוטבעזיטצערס רייכטהום, מיט זיינע קינדער זענען אין אונזערע האנד .... מיט געלד קענען מיר אונזער ליעבען קאססיא ארויסהעלפען פון זיין נויטה: מיר וועללען צוא איהם פאה-רען פיללייכט וועט אונז געלינגען איהם צוא בעפרייען .... נאר זאג מיר, ביי וועמען געפינט זיך דאס געלד?

— ביי אונזער קעדערען .... ער האלט עס ביי זיך אונ מארגען וועללען מיר עס פערגראבען אין אזיכערען ארט ....

ביידע באנדיטען האבען נאך עטוואס גערעדט און זיינען עגט־שלאפען געווארען. נאר איין ציגיינער קען ניט שלאפען .... דאס איז אונזער בעקאנטער בערקע סאקאל, אדער וויא דיא ציגיינער רופען איהם, עדבין:

גאנצע פיער אונד צוואנציג שטונדען האט ער קיין עססען פער־זוכט; זיין געזיכט האט זיך שרעקליך פערענדערט, זיינע אויגען זיינען טיעף אריין אין געזיכט, זיין קארפער איז אבגעשוואכט געווארען; אקליין וואָרימעל זויגט זיין בלוט .... עס פערגיפטעט זיין הערץ .... דאס וואָרימעל רופט זיך „געוויסענסביססע“ ....

מיר זעהען איהם ליעגען ניט וויט פון זיין שלאפענדען קאמע־ראד, קעדער, אויף וועלכען ער קוקט מיט שרעקליכע בליקקען פולל מיט האסס .... און גאנץ שטילל רעדט ער צו זיך, ווישענדיג זיינע בלוטיגע טרעהרען:

— אונגליקליכע הינדה! — איך דיין זינדיגער מאן בין שולדיג אין דיין אונצייטיגען טויט .... איך האב דיך ערמארדעט .... איך מער־דער, האב גלייכגילטיג געזעהען, ווא דער באנדיט, קעדער, האט דיין האלדז געשניטען ....

א, אונגליקליכע הינדה! דוא ווייסט וויא שטארק איך האב דיך געליעבט! אבער איך האב אנדערש ניט געקענט האנדלען, דען וויא האב איך געקענט זיך זעלבסט איבער געבען אין דיא האנד פון פאליציע?

פערציהע, מיין טהייערע אונגליקליכע פרויא! איך וועל זיין אטרייער פאטער צו אונזער קינד, וועלכעס דוא האסט מיר מיט איניגע מאנאטען צוריק געשאנקען .... איך וועלל איינשטעללען מיין לעבען און פאהרען נאך קריללאוו צו מיין מומע יענטע, אום צו ערפאהרען, וויא אונזער עלענדעס קינד געפינט זיך... ראכע וועלל איך געהמען פון דיין מערדער... בלוט פאר בלוט! מיט דעם זעלבען מעססער, מיט וועלכען ער האט דיין האלדז געשניטען, וועל איך זיין זינדיגען קאפ אבשניידען... הייליגע הינדה! זייא מיר מוחל...

בייא דיא ווארטער האט ער זיך האסטיג פון זיין ארט אויף געהויבען, זיינע אויגען זיינען געווארען מיט בלוט פערלאפען, זיין האנד אין וועלכער ער האט אבלאנקעס מעססער געהאלטען, האט שרעקליך געציטערט... מיט פארזיכטיגע טריטט איז ער צום שלא־פענדען קראפטיגען ציגיינער צוגעגאנגען און צייט איניגע מינוט וואר קעדערס קאפ אבגעטהיילט פון זיין זינדיגען קארפער.

בערקע האט גלייכגילטיג געזעהען, וויא זיין קאמעראד באד זיך

אין

אין זיין פרישעם בלוט . . . גאנץ קאלטבלוטיג האט ער בעטאפט
דעם ערמארדעטען ציגיינערס טאשען, פון וועלכע ער האט ארויס-
גענוממען דאס גאנצע געלד, אויך ווערטה-פאפירען און איז אין
וואלד פערשוואונדען . .

12.

אין נאיאב.

— בערוהיג זיך מיין טהייערע הדסה, האט לעאן לעווינשטיין
מיט טרעהרען זיין קראנקער אונגליקליכער פרויא געבעטען — האב
מיטלייד אויף זיך און אויף מיר, שוין צעהן טאג טריקענען ניט מיינע
אויגען . . . צעהן טאג האב איך ניט געקענט מיט דיר א ווארט אויס
ריידען, דען דוא ביזט בעוואוסטלאז געלעגען; דיא גאנצע צייט האב
איך געוואכט לעבען דיר; דיין יעדער זיפצען האט מיין הערץ גע-
לעכערט און יעצט, אז גאטט האט זיך אויף מיר ערבארעמט און
דיר איז עטוואס בעססער געווארען, פערגיסט דוא קוואלען טרעהרען,
וועלכעס קען שאדען דיין געזונד. מוטהיג זיך מיין זעעלע, זייא
אמענש מיט ענערגיע, אללעס איז פון גאט . . . מיר קענען קעגען
דער פארזעהונג (השגחה) ניט שטרייטען . . . ער האט אונז דיא
קינדער געגעבען און האט זיין געשאנק צוריק גענוממען . . . איך
וואר זייער פאטער און מיין שאדען איז ניט קלענער פאר דיינעם . . .
דאך בין איך מעהר ענערגיש, מיר קענען קיין זעלבסטמערדער זיין . .
מיר זיינען נאך יונגע מענשען, גאט וועט אונז טרייסטען און פערהיי-
לען אונזערע וואונדען . . . נעהם, הדסה, דיא מעדיצין, שטארק
זיך, טרויער ניט . . . און ווען מיין לעבען איז בייא דיר טהייער,
זייא בעשווער איך דיך זאלסט אללעס פערגעסען . . .

הדסה האט גענוממען אלעפפעל מעדיצין און מיט א שוואכער
קויםהערבארער שטיממע האט זיא געזאגט:

— לעאן, מיין איינציגער פריינד און שיטצער! וויא קענסט
דוא פערלאנגען און מיך בעשווערען, איך זאלל אין אללעס
פערגעסען?

יא, דיין ווארט איז אימער הייליג בייא מיר, אבער קענען
דען מיינע פרישע וואונדען זויא גיך פערהיילט ווערען? קען איך
דען גלויבען, אז דוא, מיין טהייערער, ביזט שוין געטרייסט און דיין
הערץ איז גאנץ וויא פריהער?

א, גאט! וויא איז ביא דיר רעכט געווען?... ווארום האסט
דוא מיר געגעבען דיא געלעגענהייט איך זאל קענען צווייפלען אין
דער פארזעהונג?... (השגחה) וו ו איז מיטלייד? יושר?
א, טרייסט מיך אונ פערציידע מיר גרויסער גאט!...
לעאנס אונ הדסה'ס אויגען זיינען פולל געווארען מיט טרעהרען;
זייערע בליקקען האבען זיך בעגעגענט, ביידע האבען גלייך געפיהלט...
ביידע האבען גלייכע וואונדען געהאט; דיא בלאססע, שוואכע, אונ-
גליקליכע מוטטער האט איהרע מאגערע האנד אויסגעשטרעקט אונ
איהר ליעבען געמאהל פעסט ארום גענוממען, געמישט האבען זיך
ביידענס טרעהרען, אונ ווארעו זויא פערצווייפעלט, דאס זייא האבען
ניט געהערט וויא דיא טהיר האט זיך געעפענט אונ זימאן, לעאנס
ברודער איז אריין אין צימער. —
— וויא האט איהר קיין שאנדע פאר זיך זעלבסט, איהר
מוטהלאזע מענשען! — האט זימאן מיט איין געמאכטען שטרענגען
טאן געזאגט — שוין באלד צוויא וואכען, אז מען יאמערט וויא
קליינע קינדער אונ וויא נעהמט זיך צוא אייך זויא פיעל טרעהרען?
וואס קענען זייא אייך העלפען?
א, דוא נארישער פעררינקטער ברודער! דוא האסט אויך אפרוי-
ענזעלע? וואו איז דיין מוטה, דיין פערשטאנד? ביזט דוא שוין
זויא אלט? ווערסט דוא שוין מעהר קיינע קינדער האבען? ׳דאנק
גאטט, וואס מיר זיינען לעבען געבליעבען... א, וויא האסט דוא
קיין שאנדע, אידיאט!
— אונ דוא, מיין שוואכעס וועזען — האט ער זיך ווייטער צוא
הדסה'ן געווענדעט — א גאטטעס מיטלייד... צוא נייצינ יאהר האט
איהר גאט וויא אונזער מוטטער שרה'ן איין צווילינג געשאנקען...
צווייא האלבע נשמות... אונ מעהר וועט שוין דער בארעמהער-
ציגער ניט געבען? זייא קיין קינד, הדסה. — ווערסט נאך האבען
אונ האבען... גאטט פעהלט ניט דיא לעבעדיגע סחורה... ער
האט אפוללען שאטצקאממער מיט נשמות... ער וועט דיר פיעל
בעססערע וואארע געבען, וויל איך צווייפעל, צוא דיין שוואכער
צווילינג וואלט זיך לאנג האלטען אויף דער וועלט... איך האב
באלד חרטה געהאט אויף דעם שידוך... האפפע, דאס פון היינט
איבער איאהר, וועלען מיר ווייטער זיין מחותנים... שידוך בלייבט
שידוך... נאר זייט מענשען מיט פערשטאנד...
וויא ביטער לעאנען מיט הדסה'ן ווער אויף דעם הערצען, דאך
האבען זייא זיך ניט געקענט איינהאלטען פון לאכען, אבוואהל דאס
וואר איין ביטערער היסטערישער געלעכטער. —

— דוא האסט רעכט, ברודערקע, — האט לעאן מיט אשמייכעל געזאגט — וואס אלט איז ניט יונג . . . איך בין דאך יונגער פון דיר, נאר זאג מיר, מיין חכם, וואס פער איין בריעף האסט דוא היינט ערהאלטען?

— יא, הדסה, האט זימאן איראניש געזאגט — עס קוממט דיר איין מזל טוב . . . דיין שוועסטער, שיינע, בעט דיך אויף איהר שארלאטעס פערלאבונג, וועלכע וועט שטאטטפינדען אין לעקץ דיעזען מאנאט . . . וויא איך פערשטייא, ווער דארט איין היינטמארישער „לימאן“ (ראמאן) אונ דיין שוואגער, מרדכי איז גראדע אונצופריעדען פון שארלאטעס בעשערטען . . . נאר צוא ער האט רעכט, דאס וועט אונז דיא צייט ערקלערען . . .

— גיב מיר, שוואגער, מיין שיינעס בריעף — האט הדסה זימאנען געבעטען — איך בין זעהר נייגעריג צוא זעהען, וואס זיא שרייבט.

זימאן האט איהר איין בריף דערלאנגט, אין וועלכען הדסה האט דיא ווארטער געלעזען:

„ליעבע שוועסטער“!

„דיא טרויעריגע נאכריכט פון דיין אונגליק, האט מיר מיין געזונד גערויבט. — איינינגע מאל בין איך אין אונמאכט געפאללען אונ קען ביז יעצט צוא מיינע קרעפטען ניט קוממען. גאט זאל דיך טרייסטען, מיין איינציגע ליעבע שוועסטער! ער זאל דיר דיין שאדען אומקערען. —

איך בעט דיך, הדסה, בערוהיג זיך אונ קומם צוא מיר אויף איינינגע וואכען, פיללייכט וועסט דוא ביא מיר פערגעססען אין דיין גרויזאמען אונגליק; אין איין וועגס, וועסט דוא זיין אויף מיין ליעבע שארלאטעס פערלאבונג, וועלכע דארף זיין מיט גליק אין צוויא וואכען ארום . . .

איך בין דיר ניט אימשטאנד צו בעשרייבען, וואס פאר איין טהייערען געבילדעטען מאן מיין שארלאטע וועט האבען . . . איהר ברויטיגאם קען זעכס שפראך אונ גוטהערציג וויא איין ענגעל . . . זיינע קלוגע רייד זייגען וויא פערעל . . . עס איז אפערגעניגען מיט איהם צוא פערברענגען . . . צום בעדויערען, איז מיין מארקוס, דער אידיאט, פון איהם אונצופריעדען . . . ער וואלט וועללען, אז שארלאטא זאל נעהמען אמאן אחניאק וויא ער אליין איז . . . א וויא אונגליקליך איך בין! וויא שלעכט איז, אז דיא כאראקטערע שטיממען ניט גלייך . . . זאג איך, אז עס איז טאג, זאגט ער עס איז נאכט א . . . ז . . . וו . . .

„ווערסט זעהען הדסה, ווער עס האט רעכט און וואס פאר איין באלדענער יונגערמאן ער איז ···· איך קען פיעל ניט שרייבען, ווייל עס דריקט מיר ביים הערצען, בעזאנדערס וויל איך דיר פערשאפען קיינע קרענקונג, דען דוא האסט נעביך גענוג דייגע ליידען ····

גריססע מיין ליעבען שוויגערברודער, לעאן, און מיט דעם גרעסטען אונגעדולד ערווארטע דיין קוממען, דיין טרייע אונגליקליכע שוועסטער, „שיינע בלומענטהאל“.

P. S.

„מיין שארלאטקע מיט איהר ברוטיגאם זיינען יעצט שפאציערען געגאנגען, אלזא נעהם ניט פיר אומגוט, וואס זיא שרייבען זעלבסט קיין גרוסס. —

— די זעלבע“.

— שלעכט, שלעכט מיט דיר, נארישע שוועסטער! — האט הדסה טרויעריג געזאגט, אלס זיא האט דעם בריעף איבערגעלעזען — ביזט נאך די זעלבע לייכטזיניגע שיינע וויא געווען ···· איך גלויב דיר, גוטער עדעלער שוואגער! גאט ווייס, וואס פאר איין שארלאטאן דיין דוממע טאכטער האט אויסגעפונען ···· נאר וואס קען איך העלפען, וואהרענד איך האב גענוג מיינע אייגענע צרות? ····

— נעהם זיך ניט צום הערצען, הדסה, האט זימאן ערווידערט — וויא דער מענש בעטט זיך, אזוויא שלאפט ער ···· זאג מיר נאר, שוועסטערקע, ווען דענקסט דוא זיך צוא שיידען מיט אונז? וויא איך האב געהערט, ווילסט דוא אונז אוועקווארפען ···· איז עס וואר? א, וויא ווען מיר לעבען אהן דיר!

— איך דאנק אייך, ברודער, פאר אייער גוט הערץ — האט הדסה מיט אביטערען שמייכעל געאנטווארטעט — א, קענט איהר קאמפלימענטען מאכען ···· איך דענק, איהר ווערט גאט דאנקען, וואס איהר ווירד לויז פון דער קלאג-מוטטער.

— זעהר עהרליך האסט דוא איהם, מיין טהייערע, בעצאהלט — האט לעאן געלאכט — זאל דער קלוגער וויטצלינג אויסוויינג וויסען, דאס ביי איין צווייטען געפינט זיך אויך עטוואס פערשטאנד····

וואס זאגסט דוא, זימאן, איא גוט בעצאהלט?

— זאל עס זיין איין אבקומענעש פאר מיינע זינד — האט זימאן שפאטיש געזאגט — איך נעהם עס אן פיר ליעב און בין בערייט נאך גרעססערע שטראפען צו בעקוממען, נאר מיט דער בעדינגונג, איהר זאללט עוויג בלייבען מיט אונז צוזאממען. —

— איך דאנק אייך, גוטער זימאן — האט הדסה וויישענדיג איהרע טרעהרען געזאגט — ליידער קען איך דא מעהר ניט פערבלייבען, דען

דער געגענד וועט מיר אימער עראינערען אונ ערוועקען מיינע ליידען פיללייכט וועל איך אין נאיאב אלעס פערגעסען....

— זאלל אייך גאטט געבען אגליקליכע רייזע — האט זימאן מיט איין פערשטיקטער שטימע געזאגט אונ טרעהרען האבען זיך אין זיינע קלוגע אויגען געשטעלט — איהר וועט מיך אפט האבען צוא גאסט אונ אויך איהר וועט אימער מיינע טהייערסטע געסט זיין, האפפע, דאס אין איין יאהר ארום, וועט איהר מיט אשיינעם געזונטען זאהן צוריק אין אייער שלאסס וואוינען.

אין צווייא וואכען ארום וואר שוין לעאן מיט הדסהן אין נאיאב.

13.

דער נאכט-וואנדלער.

עס וואר 4 אוהר פאר טאג. אין דעם שטאדטיל קרילאוו האט געהערשט אטויטע שטיללקייט, וועלכע איז אפטמאל געווארען געשטערט פון דיא האנערס קרעהען; פינסטער איז אבעראלל: קיין לעבעדיגע זעעלע איז צוא זעהען, אויסער דיא ציעגען, וועלכע ליעגען גאנץ רוהיג לעבען יעדער הויז אונ קייען דיא ערד; אללע טהירען אונ לאדען זיינען פעסט פערמאכט. נאר דארט פון איין אלט ניעדעריג הייזיל, וועלכעס האלט בייא כורעים פאללען, זעהען מיר ארויסגעהען איין אלטען בוקעלהאפטען (גארבאטען) יוד; מיט איין שנעע-ווייסע באָרד; אין איין האנד טראגט ער איין דונקעלע שמוטציגע לאנטערנע אונ אין דער צווייטער האלט ער אקליין שטעקעלע מיט איין אויסגעבויגען הענטיל, מיט וועלכען ער איז מכבד יעדען פערמאכטען לאדען מיט דרייא פעסטע קלאפ אונ מיט אהויכער יאמערליכער שטימע שרייט ער: „יודעליך! יודעליך! שטעהט אויף! שטעהט אויף, צו עבודת הבורא“! גאנץ ווייט קלינגען אב דיא ווארטער אין ווידער-קול אונ זייא קלינגען זויא טרויעריג, זויא מאראליש, דאס קיין פאעט איז עס אינשטאנד אויסצודריקען....

דיא ווארטער רייסען דעם אונגליקליכען יעקב'ן ארויס פון בעטט... זייא לאזען איהם ניט שלאפען, זייא עראינערען איהם, אז ער איז איוד.... אונ טרייבען איהם אין שול, וואו ער מאכט נאסס דאס אלטע תהלים'ל אונ בעווייגט זיין ביטער מזל....

לאנגזאם געהט דער אלטער מאגערער שמש, רבי שכנה, אין

דער צווייטער שטראססע; ער וויקעלט זיך בעסער איין אין צוריססע־נעם אלטען לעטניק, (פאלטא) ער הוסט זיך אויס, אום דיא שטימע זאל ריינער זיין. —

קוים האט ער אבערמאלס געוואלט ארויס שרייען דאס ווארט „יודעליך“, איז איהם ענטקעגען געקומען איין שווארצע געשטאלט, וועלכע וואר איינגעוויקעלט אין איין דיקען אבערמאנטעל. —

דאס געזיכט האט מען ניט געקענט זעהען, דען אווייכע הוט וואר אריבער גערוקט איבער דיא אויגען אונ עס וואר נאך גוט פינסטער.......

ערציטערט אונ ערשראקען איז געווארען דער שוואכער ר׳ שכנה...

— וו-ע-ר-ר-ר — א-י-ז-ז — ד-א-ר-ר-ר-ט? — האט דער שמש גע־שטאמעלט אונ געציטערט וויא איין בלאטט...

— איוד... — האט דיא געשטאלט געאנטווארטעט.

— אייער שטימע איז מיר בעקאנט... — האט דער אלטער שוין דרייסטער געזאגט — זענט איהר אהיגער?

איהר האט א טעות — האט דער אונבעקאנטער שטילל געזאגט אונ זיך געפלייסט זיין שטיממע צוא פערענדערען... — איך בין אפרעמ־דער... ערשט מיט איינינע מינוטען צוריק בין איך אהער געקומען צופאהרען... ווייסט איהר ניט ליעבער יוד, וואו וואוינט הייגט יענטע חיים לייבם?

— געהט גלייך מיט דער גאסס, (שטראססע) ביז איהר וועט צוקוממען צוא דער אלטער ווינט־מיהל אונ פונקט געגען איבער, אין איין אלטע הויז מיט אשטרויענעם דאך וואוינט יענטע חיים לייבם.

— איך דאנק אייך זעהר — האט דער אונבעקאנטער ערוויעדערט אונ איז שנעל אוועק. —

— ניטא פאר וואס... — האט רבי שכנה געאנטווארטעט אונ איז זיך ווייטער צוא זיין ארבייט געגאנגען.

אין איינינע מינוטען ארום איז דער אונבעקאנטער צוגעקוממען צוא אקליין ניעדריג הייזיל אונ פארזיכטיג געקלאפט אין טהיר.

— קטא טאם! (ווער איז דארט!) האט זיך פון אינערווייניג אפער־שלאפענע פרויענשטיממע געהערט...

— איך... — האט דער אונבעקאנטער געאנטווארטערט — עפענט וועט איהר זעהען ווער איך בין...

באלד האט זיך דיא טהיר געעפענט אונ דער אונבעקאנטער איז אריין אין אנידעריגען קליינעם ציממער, וואו עס האט זיך געהערט אפערשטיקטער גערוך, אונ איין אלטע האלב נאקעטע פרויא האט מיט איהרע ציטערדיגע האנד גרעססער געמאכט דאס פייער פון איהר

שמוטציגען לאמפעל, וועלכעס האט גאנץ דונקעל געברענט.

קוים האט זיא אבליק געטהון אויף דעם אונבעקאנטען, איז זיא שרעקליך בלאסס געווארען .... איהרע מאגערע וואנגען האבען זיך וויא מיט וואקס בעצויגען, איהר הערץ האט מעכטיג געקלאפט אונ גענוג צייט האט געדויערט, ביז זיא האט געקענט אווארט אויס-ריידען ....

— בערקע! — האט דיא אלטע אויסגערופען אונ זיך צוגעהאלטען בייא איהר צובראכענעם טיש אום זיא זאלל ניט פאללען ...

— בערקע! — האט דיא ערשראקענע פרויא אבערמאלס געזאגט, נאך דעם וויא זיא האט זיך עטוואס בערוהיגט — וויא קוממסט דוא אהער?

— מיט דיא פיסס — האט בערקע איראניש געאנטווארטעט אונ זיך געזעצט אויף אקויטיגע בענקעל — אבער, וואס האט איהר זיך איבער געשראקען? אמת, מען רופט מיך מיט מיין כשר'ן נאמען, בערקע, אבער קיין בער בין איך דאך ניט ....

— עס גלוסט זיך דיר נאך, הולטיי, צו ריידען גלייכ-ווארטליך? — האט דיא אלטע מיט איין פארוויפע געזאגט, וואהרענד פון איהרע אויגען זיינען טרעהרען גערונען — א, דוא פושע ישראל! מערדער! אבער וואס זענט איהר, מומע, זויא בייז אויף מיר? אזוי נעהמט מען צוא אליעבען גאסט?

— אזעלכע געסט מעגען ליעגען אין דער ערד — האט דיא אלטע בייז ערוויעדערט — זאג מיר נאר, בערקע, ביזט דוא געקוממען שיטען זאלץ אויף מיינע וואונדען? קארג צרות האאב איך פון דיר געהאט?

— אבער אין גאטעס וויללען, מומע, וואס ווילט איהר פון מיר? וואס פאר אשלעכטעס האב איך אייך געטהון? דאכט זיך, איך בין גאטט דיא נשמה שולדיג ....

— הלוואי וואללסט דוא זוא איהם שוין פון לאנג אב געגעבען, וואלט איך אזויא פיעל צרות ניט געהאט .... — האט יענטע מיט טרערען געזאגט — נאך ווייניג פאר דיר, מערדער? ווער האט מיך זויא אלט געמאכט? ווער האט בייא מיר זויא פיעל בלוט אונ קראפטען געריבט? צוליעב וועמען האב איך זיך פערזינדיגט יאהר אונ טאג, דאס איך בין פערשאלטען פון ביידע וועלטען .... ? א, דוא, כל-בוניק, הולטייא!

— האט מיטלייד, מומע.... איך....

— שטיל גזלן! — האט דיא אלטע בייז אויסגעשריען — איך וויל ניט הערען דיינע גניבה-שע תרוצים.... נאר דוא האסט מיך אונגליקליך געמאכט.... איך האב דיך וויא איינע מוטער ערצויגען אונ פון

דיר

דיר זויא פיעל געליטען, איך האב דיך געוואלט מאכען פאר אמענש אונ דיך חתונה געמאכט מיט איין עהרליכע יודישע טאכטער, וועלכע דוא ביזט ניט ווערטה געוועזען···· איך האב געמיינט דו וועסט ווערען איוד, וועסט אוועק ווארפען דיין שאנע ארבייט···· וועסט האבען דיין היים, דיין ווייב, וועסט זיין אטרייער פאטער צוא דיינע קינדער···· צום אומגליק האב איך פערגעסען וואס דיא וועלט זאגט „מיט וואס דער טאפ זאפט זיך אהן, דערמיט ווערד ער צובראכען“···· וויא זאטט דיא קאטץ זאלל זיין, דארף זיא האבען אמויז···· אונ בערקע דארף זיינע גניבות···· אבער וואס איז געווארען? איך האב אונגליקליך געמאכט איתומה···· נאר איך בין געוועזען איהר מלאך המות···· נאר מיר האט זיא צוא דאנקען פאר איהר אונצייטיגען שרעקליכען טויט···· איהר יונגעס בלוט שרייט צוא מיר פון דער ערד···· איך זעה איהר יעדער נאכט אין חלום···· זיא רופט מיך צום בעזים שעלעמאלע (בית דין של מעלה), זיא יאמערט, זיא שרייט: „וואס האסט דוא, חצופה, צוא מיר געהאט? ווארום האסט דוא מיך זויא יונג פון דער וועלט פערטריבען“? יא, בערקע, פערשפילט האב איך צוליעב דיר ביידע וועלטען···· מיין זינדיגע נשמה וועט קיין מאל פון גיהנום ניט ארויס···· אללמאכטיגער בארמהערציגער גאטט! גיב מיר גענאד אונ לייטזעליגקייט אין דיינע אויגען! שטראף מיך בייא מיין לעבען! שיק אויף מיר דיא תוכחה אונ איובס יסורים! איך וויל דא אבקומען אונ מיין זינדיגע נשמה זאלל געלייטערט ווערען אויף יענער וועלט! ········

בייא דיא ווארטער האט זיא מיט איהרע ביידע מאגערע האנד איהר בלאססעס געזיכט פערשטעללט אונ שרעקליך געיאמערט. —

נידערגעשלאגען, פערזארגט איז אונזער בערקע געזעסען; זיינע אויגען זיינען פול געווארען מיט טרעהרען אונ מיט איין בעקלעמטעס הערץ האט ער געזאגט:

— מומע! איך האב שוין מיין שטראפפע בעקומען···· פערוואגעלט, פערטריבען, בין איך פון מיין ליעבער פרויא אונ קינד, פון דער ליכטיגער וועלט···· איך ציטער פאר דער שיין···· פאר דער מינדעסטער בעוועגונג פון אקליין בלאטטעלע···· דער טאג איז ניט מיין···· דיא זאננע שיינט ניט פאר מיר···· איך האב מורא מיין געזיכט ארויס צוא ווייזען···· האט מיטלייד מיט מיר, ליעבע מומע! יא, איך בין שולדיג אין היינדה׳ס טויט···· איך האב איהר ערמארדעט, ניט איהר··· איך לייד פאר מיינע זינד···· גאט ווייסט דעם אמת, וויא איך האב זיא געליעבט אונ איהר שרעקליכער טויט האט

מיין הערץ געלעבערט .... לאזט מיך, מומע, לעבען אונ פערריכטען, וואס איך האב געפעהלט .... ערמארדעט מיך ניט מיט אייערע שטרענגע ווארטער .... שנייד ניט מיין פלייש, דען איך וויל לעבען אונ זיין אפאטער צוא מיין אונגליקליך יתומהלע .... זאגט מיר, וואו מיין קינד געפינט זיך .... איך וועלל מיט מיין עלענדעס קינד אוועק נאך אויסלאנד אונ ווערען איין ערהרליכער יוד .... איין טרייער הייסער פאטער. זאגט מיר, גיכער, דען עס קוממט שוין באלד דער טאג פאר וועלכען איך מוז זיך בעהאלטען .... האט מיטלייד, ליעבע מומע!

— איך וועל דיר, בערקע, צוליעב טהון אונ זאגען, וואו דיין ארימע קליינע טאכטער געפינט זיך — האט די אלטע געריהרט פון זיינע טרעהרען געזאגט — נאר דוא מוזט מיר פריהער דיא האנד געבען, אז דוא וועסט פון היינט אן ווערען אמענש, אטרייער פאטער צוא דיין אונשולדיג יתומה'לה, פיללייכט וועט גאטט אונז מוחל זיין דיא גרויססע זינד, וואס מיר, זייגען הנדה'לען בעגאנגען.

— נאט אייך מיין האנד — האט בערקע ערינסט געזאגט — איהר וועט זעהען, דאס איך וועלל אווארטס מאן בלייבען ....

— איך גלויב דיר, בערקע, זאללסט וויסען, אז דיין קינד געפינט זיך אין דארף, ליהין, ביא איין ארימע פרויא, וועלכע רופט זיך, טויבע געצעלס; געה אין גאטטעס נאמען .... נאר געדענק .... האלט ווארט!

ביידע האבען זיך היים געזעגענט אונ שנעלל אוועק איז דער נאכט-וואנדלער. —

14.

דיא בילדער.

שטעהט אויף, באצציא, — האט איונגער ערשראקענער ציגיינער דעם אלטען באנדיט געוועקט — איין אונגליק איז בייא אונז געשעהען.... ניט ווייט פון אייך, לעבען איין בוים ליעגט איין ערמארדעטער מענש מיט איין איבערגעשניטענעם האלדז....

— לאסס מיך שלאפען, עדיג, מיר וועלען היינט ניט פאהרען — האט דער אלטער ציגיינער געמורמעלט אונ זיך בעססער איבערגעדעקט מיט זיין לאכערדיגען ראק — בררר! קאלט!

— אין גאטטעס ווילען, באצציא, שטעהט אויף עס איז שוין

גרויסער

גרויסער טאג — האט דער יונגער ציגיינער פאסט פערצווייפעלט געשריען — מענשען קענען גראדע אן פאהרען, דאן זיינען מיר אונגליקליך ....

דער אלטער שורקע האט איינגע גענעץ געטהון, גאנץ לאנגזאם אונ פויל האט ער זיך אויף געזעצט, זיין גרויסען קאפ האט ער מיט איין האנד געקראצט אונ מיט דער צווייטער זיינע אויגען געריבען, ענדליך האט ער מיט אהייזעריגער פערשלאפענער שטימע געפראגט:

— וואס ווילסט דוא פון מיר, עדיג, וואס וועקסט דוא מיך זויא פריה? איז פאליציע דעם וואלד בעפאללען?

— מיר זיינען אונגליקליך .... ניט ווייט פון איך ליעגט איין טויטער מענש מיט איין אבגעשניטענעם קאפ .... מען קען נאך אונז בעשולדיגען ....

— איין ערמארדעטער מענש! — האט דער אלטער אויסגעשריען אונ איז שרעקליך בלאסס געווארען — וויא קומט עס צוא אונז? ווער איז ער?

— איך ווייס ניט .... איך בין ערשט אויף געשטאנען אונ האב דאס פון ווייטען בעמערקט, איך האב זיך געפירכטעט אהן איך אהין צוא צוגעהן ....

— שרעקליך! — האט דער אלטער געציטערט — קום, עדיג, מיט מיר, מען דארף זעהן ווער דאס איז.

ביידע זיינען צום טויטען קערפער צוגעגאנגען אונ קוים האבען זייא אויף דעם ערמארדעטען אבליק געטהון, זיינען זייא פון שרעק איינגע שריט צוריק געשפרונגען אונ אשמערצליכער געשרייא האט זיך פון זייערע פערדארבענע הערצער ארויסגעריססען ....

— קעדער, מיין ברודער — האט דער יונגער געיאמערט ....

— קעדער! יא, דאס איז ער — האט דער אלטער באנדיט, ברעבענדיג דיא האנד וויא אהונד געקלאגט .... — מען האט איהם ערמארדעט .... אונגליקליכער קעדער! דער בעסטער פון אונזער קאמפאניע! ....

פון זייער געשרייא האבען זיך אללע ציגיינער ערוואכט; דיא פרויען זענען פון דיא בוידען ארויסגעקראכען; דיא קינדער האבען וויא דיא קאטצען געמיאקעט; אלע האבען דיא האנד געריבען, ענדליך האט דער אלטער באציא פערצווייפעלט געזאגט:

— ברידער! מיר דארפען קיין צייט פערלירען אונ איהם גלייך בעהאלטען, זאנסט קענען מיר דעם גרעסטען אונגליק האבען .... גראבט אוים אטיעפען גראב, דען דיא צייט איז טהייער.

(ציגיינער ח״א)

— נעהם ארויס פון זיינע טאשען דאס געלד — האט דיא אלטע טעמרע געשריען — א, איין אונגליק!

דער אלטער שופט האט גענוממען זוכען אין דעם ערמארדעטען'ס טאשען, וועלכע ווארען גאנץ פוסט.... מיט ציטערדיגע האנד האט ער אויף געהויבען דעם טויטען פערבלוטיגטען קארפער, ביי וועלכען דער קאפ איז אויף אשטיקעל הויט נאך געהאנגען אונ דיא אלטע העקסע (מכשפה) האט מיט אקלאפענדעם הערץ בעטאפט דעם טויטענס קליידער אונ יעדעס גליעד.... געזוכט האט זיא לעבען איהם אויף דער ערד, געגראבען מיט דיא שארפע נעגעל, ליידער האט זיא גאר ניט גע-פונען....

— מען האט ביי איהם דאס געלד ארויסגענוממען — האט דיא אלטע טעמרע געשטאממעלט — מיר זיינען פארלארען!....

— דאס איז אייער ארבייט! — האט דער אלטער באנדיט שקריענדיג מיט דיא ציין צוא דיא ארומשטעהענדע ערשראקענע ציגיינער גע-דאנערט, אונ דאס גאנצע בלוט איז איהם אין געזיכט געקוממען — איהר האט איהם ערמארדעט אונ דאס געלד גערויבט.... מערדער! איהר זאלט דיא מינוט דאס געלד אבגעבען! איהר הערט?

— מיר וויסען פאן גאר ניט צוא זאגען — האבען אללע אין איין שטיממ געשריען.

— באצציא! האט דיא אלטע ציגיינערין ווילד אויסגערופען — עדבין איז פערשוואונדען... דאס איז זיין ארבייט... זעהט וואס איך האב אין קעדערס בוזעם געפונען.

ביי דיא ווארטער האט זיא איהם געגעבען איודישען בע-שריבענעם בויגען פאפיער, אין וועלכען צוויא קליינע בילדער ווארען איינגעוויקעלט.

— עדבין איז פערשוואונדען! — האט דער אלטער אויסער זיך פון צארען געקייכט אונ שוים האט געזעצט פון זיין מויל — א, איך בין אין אלעם שולדיג! איך האב זיך איבער אשלאנג ערבארעמט... איך! איך!

מיט ביידע פויסטען האט דער באנדיט אין זיין הערצען גע-שלאגען; פון זיינע אויגען האבען פייער געפינקעלט....

— ראכע! ראכע! האט ער געברוהמט — בלוט! בלוט!....

אגאנצע שטונדע האט געדויערט, ביז באצציא האט זיך בערוהיגט. אין דער צייט האבען איינגע ציגיינער דעם טויטען קעדערען בע-גראבען אונ דיא איבעריגע האבען גענוממען שפאנען דיא וואגען. —

— וואוהין וועלען מיר פאהרען? — האט טעמרע איהר צושטריי-עטען מאן געפראגט.

— ווייט···· גאנץ ווייט ···· — האט באצציא ווילד געאנטווארטעט.

— וואס וועלען מיר טהון מיט דיא פערפלוכטע קינדער? וועסט דוא זייא מיט געהמען?

— געוויס וועלען מיר זייא דא ניט איבערלאזען····

— צוא וואס נוטצען דיר, באצציא, דעם פערפלוכטען לעווינגשטיינס בילדער מיט דעם בעשריעבענעם בויגען פאפיער? פערברען זייא אין פייער···· דוא קענסט אמאל פון זייא דעם גרעסטען אונגליק האבען····

— איך וועל זייא האלטען ביא זיך — האט באצציא ביז געזאגט — זייא קעננען אמאל עטוואס נוטצען····

— געדענק, באצציא, זיי פארזיכטיג···· וועסט מיט זיי מאכען וויא מיט עדבינען···· איך פערשטייא ניט, וואס טויגען זייא דיר?

— עס איז ניט דיין געשעפט — האט דער אלטער שטרענג בעפוילען — האלט דיין מויל, אויב דוא ווילסט האבען דיינע עטליכע פוילע צעהנער····

טעמרע האט מעהר קיין ווארט גערעדט···· זיא האט געוואוסט, דאס איהר אלטער שפאסט ניט אונ איז אגוטער דאנטיסט···· (צאהן ארצט) מיט איין קלאפ קען ער איהרע אללע ציין ארויס געהמען···· אונ באצציא האט אין זיין בוזעם בעהאלטען דיא בילדער····

15.

דער בריעף האט געווירקט!

— זלאטע! זלאטע! — האט געשריען אהויכער דיקער מאנן פון מיטעלע יאהרען, מיט אלאנגע ברייטע בארד, מיט קלוגע גרויסע אויגען, וועלכער איז געזעסען אין אגרויסער פערפוטצטער זאאל אונגערויכערט אסיגאר. זיינע קליידער ווארען גאנץ לאנג אבער זעהר זויבער; אויף זיין שווארצען קאפ האט ער אסאמעטענע יארמילקע געטראגען אונ אויף זיין קלאר סימפאטישעס געזיכט איז איין אדעלקייט געלעגען.

— זלאטע! — האט ער ווידערגעהאלט — הערסט דוא ניט, אז דיין פאטער רופט דיך, אדער דוא מאכסט זיך ניט הערענדיג?

דיא טהיר פון אצווייטען צימער האט זיך געעפענט אונ איינגע שלאנקע פרויענצימער איז אריין אין זאאל.

— אז מען קלאפט אין טיש רופט זיך אן דיא שער···· —

האט דער מאנן, װעלכען מיר װעלען פון היינט אן רופען, מרדכי בלוממענטהאל, מיט אביסענדע איראניע געזאגט — אז מען רופט דער טאכטער, קומט דיא מוטטער ···· זעהר שאן האסט דוא, מיין װייב, דיין טאכטעריל אויסגעלערנט ···· עס שטעהט איהר שוין ניט אן מיט דעם פאטער צוא ריידען ···· איך האב איהר איינציגע מאל גערופען אונ זיא הערט מיך װיא דיא װאנד ····

— איך װיל אזויא! — האט דיא פרויא, װעלכע װאר קיין אנדערע װיא אונזער בעקאנטע, שיינע, הדסה לעװינשטיינס שװעסטער, ביז געזאגט אונ דאס בלוט איז איהר אין געזיכט געקומען — זאג מיר נאר, מרדכי׳לע, װאס װילסט דוא האבען פון קינד? װאס פערביטערסט דוא איהר לעבען? װאס לאסט דוא איהר דעם קאפ ניט אויפהייבען? אז אך אונ װייא איז צוא מיר! שוין אכטצעהן פינסטערע יאהר לייד איך זויא פיעל ···· איך ארבייט מיט דעם גאל ···· איך װיל איהם מאכען פאר אמענש, מיט לייטען גלייך אונ ער איז נאך דער זעלבער חניאק ···· דער זעלבער אידיאט ···· זיינע רייד קלעבען זיך װיא איין ארבעס (ליגז) אין דער װאנד אונ פערשפיעלט האב איך מיינע בעסטע יאהרען ···· װאס קלערסט דוא מיט זיך, מרדכי? צוא האסט דוא פערגעסען, אז דוא ביזט יעצט ניט אין קלויז? דארט קענסט דוא שרייען: בעריל, שמעריל, ביז אין דיין װייטען האלדז, אבער אין דער היים װען מענשען זיטצען, בעט איך דיך, זאלסט דיין נארישען חסיד ניט ארויס װייזען ···· צוא איז דיר שװער אונזער טאכטער צוא רופען „שארלאטא“? איך זאג אייך עס איז ניט אויס צוא האלטען! דאס קינד זיטצט יעטצט מיט איהר אװגוסטען אונ ער ליארעמט: „זלאטע! זלאטע!“ ריכטיג װיא דיא װייבער אין יאטקע ····

ביא דיא װארטער האט זיא איהר מויל פערקרימט. —

— עס איז מיר נאר אמיטלייד אויף דעם אונגליקליכען קינד ···· דאס גאנצע בלוט קומט איהר נעביך אין געזיכט ···· זיא קען דיא אויגען ניט אויפהייבען ···· האט איהר געהערט אזא אקט אין דער װעלט?

— רייד נאר עטװאס שטילער — האט מרדכי מיט איין ביטערען געלעכטער געזאגט — זאל אמװייניגסטענס דיין אװגוסטין אונזער שיינעם געשפרעך ניט הערען ···· איך װעל דיר, מיין לעבען, דאס מאל צוליעב טהון אונ װייל דוא רופסט מיך מיט מיין יודישען נאמען „מרדכי“ ניט „מארקוס“ דער פאר װעל איך דיין טאכטעריל פון היינט אן רופען מיט איהר היילינען נאמען „שארלאטא“ אונ אויב דוא װילסט, װעל איך צוא איהר נאמען צוא זעטצען נאך א „נון“ װעט עס מאכען צוזאמען „שארלאטאן“ ···· זעהסט דוא דעם נאמען פערדיענט

(ציגיינער ח״א)

פערדיענט זיא גאנץ עהרליך, איבערהויפט איהר שיינער ברויטגאם מיט זיין שוויגישער ראזירטער מארדע....

— אשוויין און אחסידישער שארלאטאן ביזט דוא אליין — האט שיינע אויסער זיך פון צארען שטיל געזאגט — ער איז פיל ארדענטליכער פאר דיר און אויב דוא ווערסט מיך בעטען, וועל איך דיר זאגען, אז ער איז פיעל עהרליכער און פיינער פאר דיין „צדיק", וועלכען דוא האסט דיין גאנצען רייכטהום אוועק געגעבען.... נארישער חסיד! חניאק! פלאסקידריגע! איך וועל דיר!........

שיינע האט ניט געקענט ענדיגען איהרע ווארטער, דען דאס דיענסט מעדכען האט אין דער מינוט געעפענט דיא טהיר און מרדכין אבריף איבערגעגעבען.

האסטיג האט מרדכי דעם בריעף געעפענט און געלעזען דיא ווארטער:

„געעהרטער הערר מ. בלומענטהאל"!

„איך ערפילע היער מיט מיין פפליכט איהנען צוא אנטווארטען אויף אייער ווערטהעס שרייבען פון 10 טען דיעזען מאנאט.

הערר פעלהענדלער, איז איינער פון מיינע בעסטע בעקאנטע איך קענע איהן אלס איינען ווירדיגען מאנן. —

ער איזט היער בעוואוסט אלס אויסגעצייכענטער ארדענטליכער געטריידע קויפמאן. זיין זעליגער פאטער ה' סאלאמאן פעללהענדלער, וועלכער איזט מיט זעכס יאהר צוריק געשטארבען און זיין איינציגען זאהן אלע געשעפטען, אויך אגרויסע מויער געלאסען, ווארּ איינער פון דיא גירער פארנעמסטע קויפלייטע, אויך זיין זעליגע מוטער, וועלכע איזט שוין לאנג טויט, האט געשטאמט פון גרעסטען אדעל. דער יונגער פעלהענדלער איזט אויך איין גרויסער פערזענדער (קאמיסיאנער) און שיקט פיעל געטריידע נאך אויסלאנד, וויא מען זאגט, מאכט ער גלאנצענדע געשעפטען.

גריסען זיא אין מיינעם נאמען הערן פעלהענדלער, האכאכטענד.

„ראבבינער אלבערט בוימריטטער"

„גירא, דען 15-טען דעצעמבער 187 יאהר". —

— נוא, וואס זאגסט דוא יעטצט נארישער פערריקטער חסיד? — האט שיינע טריאומפירענד געזאגט, אלס מרדכי האט דעם בריעף איבערגעלעזען — ווערסט דוא זיך וואגען שלעכטעס צוא ריידען אויף יענעמס קינד, וועלכעס איז דיר גאנץ אונבעקאנט? דארפסט דוא דען זיך ניט גליקליך שאטצען, ו̣אס אונזער שארלאטען האט גאט בעשערט מיט זויא אגרויכארטיגען ברויטיגאם? אקליינינקייט וויא פיעל גבן ער גיט איהר? פינף טויזענד טרובעס.... (רובעל) הייגט געהמט

אשניידער (ציגיינער ח"א)

אשניידער פיעל מעהר .... שאנדע זאלסט דוא האבען אין דיינע ווייטע אויגען .... עס וואלט שוין צייט געוועזען דוא זאלסט ווערען אמענש אונ וויסען דאס איך בין קליגער פאר דיר ....

— זאל זיין וויא דוא זאגסט — האט מרדכי ביטער געלאכט — געדענק, שיינע, נאר דוא וועסט אונזער קינד לעבעדיג בעגראבען .... איך גלויב דעם בריעף גאנץ ווייניג .... מיר געפעלט ער ניט אינגאנצען .... בעזאנדערס צוא קריגט מען שוין ניט שדוכים אין קורלאנד וואו ער איז פאפולאר, בעוואוסט? וואס איז איהם גראדע געפעלען איין איינפאכע מיידעל, וועלכע איז ניט פיעל געבילדעט אונ ניט איבעריג רייך?

— וואס זאל איך ריידען מיט אחניאק — האט שיינע מיט אביטערען שמייכעל געזאגט — גלויבסט דוא דען וועמען אויסער דיין „רבין", וועלכער זויגט אונזער בלוט? האסט דוא דען אגעפיהל? ווייסט דוא דען, וואס ליעבע איז? האסט דוא דען אין דיין לעבען וועמען געליעבט? אונ דיין אייגענע פרויא ווייסט דוא דען וויא צוא ליעבען? נידערטראכטיגער אידיאט! איך האב בעדארפט שטארבען קליינערהייט, בעפאר איך האב דיך דער קענט ....

— ווייסט דוא וואס, איך וועל דיר זאגען — האט מרדכי נאכדענקענד געזאגט — אין איניגע וואכען ארום דענק איך צוא זיין אין נולביל אונ פון דארט וועל איך מיט דיין אנקעל נאך גירא פאהרען אונ ווען אלעס איז וואהר, דאן האסט דוא מיין עהרען ווארט, אז איך וועל איינשטימען גלייך מיט דיר. בערעכען זיך, שיינע, אונזער זלאטען איז ערשט מיט דרייא מאנאטען צוריק זיעבעצעהן יאהר געווארען, היינט וואס דארפען מיר זיך זויא איילען איהר צופערשלייערען? „פון איילעניש קומט קיין גוטעס ארויס„ זאגט דיא שפריכווארט .... אונזער טאכטער קען נאך ווארטען איניגע יאהר. —

— וואס ווילסט דוא, מרדכי'לע, זיא זאל הייראטען צוא דרייסיג יאהר? מען זאל שארלאטען „אלטע מויד" רופען? האב איך דען ניט געהייראט צוא זיעבעצעהן יאהר? איך וויל ניט איהר זאלט אהין פאהרען אונ עס וויא לאנג אבציהען .... אויף אזעלכען יונגען מאן געפינען זיך פיעל אויגען .... בעזאנדערס טרויע איך אייך ניט .... דער אנקעל איז פון דער אלטער וועלט .... דוא דעסט גלייכען קענסט זאגען אמיינונג אויף אחסיד ... אונ ווען דיר געפעלט ניט קיין ראזירטע מארדע נאר אקאלטינאוואטע בארד, וועסט דוא שוין אויסטראכטען, וואס עס איז ניט געשטויגען אונ געפלויגען, אום דער פון זאל גאר ניט ווערען .... איך האבע קיין מאל געשטימט מיט מיין אנקעל גלייך וויא מיט דיר .... שוין מעהר אלס צעהן יאהר

אַז ער האט צוא מיר קיין בריעף געשריעבען אונ איך וויל ניט איהר זאלט מיינע פערזארגער זיין ····

ביא דיעזע ווארטער האט זיא הויך געשריען:

— אווגוסט! שרלאטא! קומט העריין!

דיא טהיר האט זיך גיעפענט אונ אונזער בעקאנטער אווגוסט, געארעמט מיט שארלאטען זיינען אריין אין זאאל

— אווגוסט! האט שיינע מיט פרייד געזאגט — מיר האבען פון גירער ראבבינער איין בריעף בעקאמען ···· דוא קענסט איהם לעזען וועסט דוא זעהן, וואס פאר אשלעכטער מענש דוא ביזט ·······

ביא דיא ווארטער האט זיא איהם דעם בריעף געגעבען.

אווגוסט איז שרעקליך בלאס געווארען ···· מיט שטארע בליקען איז ער דעם בריעף דורכגעלאפען אונ אגעהיימע פרייד האט זיך אויף זיין געזיכט געוויזען ····

דער נארישער מרדכי האט זיינע אויגען פון אווגוסטען ניט אראפ גענומען, גלייך ער וואלט וועלען פון זיין געזיכט לעזען, וואס אין הערץ טהוט זיך ····

באלד האט מען געבראכט דיא טהעע מאשינע מיט פער־שיעדענע פערבייסונגען, אלע האבען טהעע געטרונקען אונ פערגעניגענד זיך אונטערגעהאלטען, ענדליך האט אווגוסט פון אלע אבשייד גענומען אונ האט דאס צימער פערלאסען. —

קוים איז ער געקומען אויף דער שטראסע, האט ער שטיל געזאגט:

— בראווא זרחקע! ביזט אברודער ···· מען קען זיך אויף דיר פערלאסען ···· דער געשעפט האלט ניט שלעכט ···· דער בריעף האט געווירקט! ·······

16.

ניט קיין גלייכע פאאר.

מרדכי בלומענטהאל, איז איינער פון דיא גרעסטע טוכהענדלער אין דער פאלנישער שטאדט לעקץ, וועלכע ליעגט ניט וייט פון עסטרייכעשען גרענעץ. ער איז אמאן פון עטליכע דרייסיג יאהר אונ זעהט אויס פיעל עלטער. מרדכי האט זיך ערצויגען ביא גאנץ פרומע גאטס פירכטיגע רייכע עלטערן, וועלכע האבען געזעהען מיט אלע מיגליכקייטען זייער זאהן פאר איין עהרליכען יודע צוא מאכען.

ביז זיין פינפצעהנטען יאהר, האט ער ביי דיא גרעסטע מלמדים געלערענט אונ האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין גוטען קאפ אונ פעסטען פערשטאנד. קיין תנך אונ אנדערע קענטעניסע האבען איהם זיינע עלטערען, וועלכע ווארען הייסע ראדניזער חסידים, ניט געלערענט, וויא דיא מאדע וואר דאן אויך יעצט אין פוילען, אונ ווען ער וואר פונפצעהן יאהר אלט האט ער קיין העברעאישעס ווארט פערשטאנען .... נאר פאהרען צוא „איהם" אונ אנשרייבען ארבניש-קוויטעל האט ער געקענט גלייך מיט דעם גרעסטען חסיד ....

ער וואלט פילייכט עוויג געבליעבען זויא ווילד אונ אומוויסענד, ווען ניט אצופאל, וועלכער האט מרדכי'ן געעפענט דיא אויגען אונ איהם פאר איין פאלקאמענעם מענשען געמאכט: זיינער אקאמעראד וועלכער האט מיט איהם איניגע יאהר ביי איין מלמד געלערענט, איז פלוטצלונג אהנע דיא עלטערענס וויסען אין איין ליטווישע ישיבה אנטלאפען אונ אין איניגע יאהר ארום איז ער צוריק געקאמען אפאלקאמענער מענש, אהעברעער, אמשכיל, אבוואהל דיא דארטיגע חסידים האבען געזאגט, דאס חיים'קע איז אביסעל געחאפט אין דער טמאה .... מרדכי האט זיך זעהר געפריינד מיט זיין יוגענד-קאמעראד, וועלכער האט איהם געגעבען צופערשטיין וויא אונוויסענד ער איז .... אונ אין געהיים האבען ביידע פלייסיג דיא העברעאישע אונ רוססישע שפראכע געלערענט, אויך אין דער פאלנישער שפראכע האבען ביידע גוטע פארשריטע געמאכט, דאך האט דיא בילדונג מרדכי'ס זיטען אונ כאראקטער אומגיענדערט; זיינע קליידער האט ער ניט קירצער געמאכט, אויסער קלאסישע ביכער האט ער ניט געלעזען; ער האט אויך ניט געטוישט זיין הויכע היטעל, נאר דיא פאות האט ער עטוואס קירצער געמאכט אונ געטראגען אקלארען קראגען, וועלכעס האט זיינע עלטערען זעהר געקראנקט. — ....

צוא זיעבצעהן יאהר האבען איהם זיינע פרומע עלטערען פערהייראט מיט אונזער בעקאנטער שיינען אונ אין איניגע יאהר ארום, נאך דער האכצייט, זיינען זייא געגאנגען בעטען פאר אונז. —

זייער גרויסער טוכהאנדעל מיט אצווייא שטאקקיגע מויער, האט זיך ביי מרדכי'ן אבגעשטעלט, אבוואהל ער האט געהאט איין עלטערען אונבעקאנטען ברודער, דוד, וועלכער איז שוין גאנץ לאנג אוועק נאך אויסלאנד; ווייל דיא עלטערען האבען איהם פון זיך פערשטויסען דער פאר, וואס יענער וואר פרייא געזאגען. —

נאך ביי זייער לעבען, האבען זייא אלעס אויף זייער יונגערען זאהן, מרדכי, אבגעשריעבען אונ שוין מעהר אלס פינפאונדצוואנציג יאהר, אז דוד איז פערפאלען געווארען וויא אין וואסער

נאך

נאך דיא עלטערנס טויט, איז מרדכי איין טיכטיגער קויפמאן געווארען. ער וואר ביא יעדען איינעם בעליעבט פאר זיין עדעלען שטילען כאראקטער אונ גוט הערץ; ער האט געהאסט דעם כבוד, אויך דיא פעטע עליות מיט דער מזרח וואנד אין שול .... אימער האט ער דיא ערשטע גרעסטע נדבה געגעבען אונ צום ראדניזער צדיק איז ער אלע יאהר געפאהרען, אבוואהל ער האט קיין מאל ניט געגלויבט, דאס יענער איז אנביא, נאר ער האט איהם גערעכענט פאר זיין בעסטען פריינד, פאר וועלכען ער קען אלעס ערצאהלען, וואהרענד פאר דיא היינטיגע פריינד דארף מען האלטען דיא צונג צווישען דיא ציין .... פון דיא היינטיגע לוקסוס, צב״ש: טהעאטער, באללער, מאסקעראדען, א. ז. וו. האט ער גיט געוואוסט; זיינע בעסטע פערגעניגען וואר זיין האנדעל אדער דער היים, מיט איין ווארט: ער וואר אשטילער רוהיגער יודישער מענש, אהנע היינטיגע קאמפלימענטען אונ פאלשהייט .... אבער זיין ווארט וואר אימער הייליג. — דאגעגען זיין פרויא, שיינע, וועלכע האט איהם צוויא קינדער, איין זאהן מיט איינע טאכטער געבארען, וואר אקאנטראסט פון איהם.

זיא מיט איהר שוועסטער הדסה, ביא וועלכע דיא עלטערען זיינען גאנץ יונג אבגעשטארבען, האבען זיך ערצויגען ביא אריכען אנקעל אין נולביל, וועלכער האט זיא וויא אטרייער פאטער בעהאנדעלט.

אגרויסער אונטערשייד וואר צווישען דיא ביידע שוועסטער: הדסה האט גיענדיגט איין אכט קלאסנע גימנאזיום מיט איין גאלדענע מעדאלע; זיא האט געליעבט דיא בילדונג אונ וואר ארוהיגעס רייצבארעס קינד אונ דער פאר האבען איהר אלע געליעבט, איבערהויפט איהר ליעבער טרייער אנקעל ר׳ אברהם ראזענבלאט האט איהר פאסט פערגאטערט. —

אקאנטראסט פון איהר וואר אונזער שיינע, וועלכע האט גאנץ ווייניג געלערענט אונ געליעבט אלע פריליכע פערגווילונגען אונ וואו איין באלל, וואו אטהעאטער וואר זיא דיא ערשטע; אימער האט זיא געשטרעבט צוא לוקסוס אונ רייכטהום, דיא מאדע וואר איהר לעבען אונ וויל איהר טרייער אנקעל האט מורא געהאט, דאס איהר לייכטזיניגקייט וועט איהר אמאל אין אונגליק שטירצען, האט ער איהר גאנץ יונג פערהייראט מיט דעם לעקצער רייכען טוכהענדלערס זאהן, מרדכי, אבוואהל זיא האט אימער געזאגט, דאס זיא מוז אדאקטאר אדער אמיוויגסטענס איוריסט הייראטען — באלד וויא איהרע שוויגער-עלטערען זיינען אבגעשטארבען אונ זיא איז געווארען דיא איינציגע ווירטהען פון האנדעל, האט זיא גענומען ארויס ווייזען איהר לייכט-

זינגיגען כאראקטער: דער מאן וואר ביא איהר איין פאנטאפעל .... מיט קיין אנדערען נאמען וויא „חסיד“ „חניאק“ האט זיא איהם ניט גערופען; אימער האט זיא געשפילט ארא:לע פון אנגעפערליכע קראנקע אלע זומער, וויא איין עהרליכער יוד פערפעלט ניט צוא דאבנען האט זיא געמוזט אין דיא בעדער פאהרען, אבוואהל דיא לעקצער דאקטורים, וועלכע זיינען ניט ארויס פון איהר שטוב, האבען אימער געזאגט, דאס איהר פעהלט אקרענק .... ווען דער אונגליקליכער מרדכי איז געקומען פון האנדעל, האט זיא געהאלטען אין איין קרעכצען אונ אויס גערעכענט איהרע אלע קרענקען: ספאזמים, נערוועזיש, נירען־קראנקהייט, מאגען־קאטאר, שטיינער אין בויך א. ז. וו. אבוואהל פריהער מיט איין האלבע שטונדע, איז זיא פערטיג געווארען מיט אהאלבע הוהן אונ לעער געמאכט איינינע באקאלען וויין ....

מיט איהרע קינדער, אויך מיט דיא דיענסטען האט זיא פאלניש געשפראכען אונ צווישען אונז זאל עס בלייבען, האט זיא יעדעס ווארט צוקיילט אונ צובייליט .... פיליכט האט אמאל אדיענסטמעדכען פערגעסען אונ צוא איהר אידיש ווארט גערעדט, האט זיא איהר גלייך ענטזאגט. — איהר טאכטעריל, שארלאטא, האט דיא מוטער נאך איהר געשמאק ערצויגען: וואס דאס קינד האט נאר ארויס גערעדט, איז שוין בעשאפען געווארען .... דיא בעסטע לעהרער האבען שארלאטען רוסיש, פאלניש, דייטש אונ פראנצויז געלעהרענט אונ אלעס האט דאס קינד געקענט וויא מען זאגט „אויף דעם שפיטץ מעססער“ .... קיין מאל האט זיא קיין אוראק געמאכט, דען דיא טרייע מוטער האט איהר ניט ערלויבט צוא ברעכען דאס קעפיל אויף דיא נארריש־קייטען .... (נאך איהר מיינונג) דער פאר האט שיינע איהר געקליידעט נאך דעם לעטצטען זשורנאל אונ איהר מיט גענומען אין דיא בעדער ....

דיא טרייע מוטער האט אין איהר טאכטער איינגעפלאנצט פיע־אכטונג אונ האס צוא איהר אייגענעם פאטער .... אימער האט זיא פאר איהר שארלאטען געקלאגט דאס זיא לעבט פאר איהר פאטער איין אונגליקליכען לעבען, דען ער איז פון דער אלטער נארישער וועלט.... אחסיד, אפלאסקידריגע, אאידיאט.... דאס גוטע קינד האט מיטלייד געהאט אויף איהר אונגליקליכער מוטטער אונ שרעקליך געהאסט איהר אידיאטישען פאטער, וועלכער לאזט זייא (נאך איהר מוטערס מיינונג) דעם קאפ ניט אויפהייבען ....

אין דער לעצטער צייט, אלס שארלאטע איז זיבעצעהן יאהר מיט פיער מאנאטען אלט געווארען אונ זיך גערעכענט פאר איין פאל־קאממענעס היבשעס פריילין, האט זיא זיך אויף אבאלל בעקאנט מיט

אונזער בעוואוסטען אווגוסט פעלהענדלער, וועלכער האט זיך פאר-
געשטעלט אלס קורלאנדער קויפמאן אונ דעם גאנצען אבענד האבען
ביידע פיעל געטאנצט אונ איינינע מאל זיך געגאנגען אבקיהלען אין
גרויסען גערדיכטען גארטען, וואו אווגוסט האט איהר אויף אריינער
שניפישאקער דייטשישער שפראכע ליעבע ערקלערט···· דיא פייגליך
האבען געזונגען···· דיא גלאקעליך האבען געקלונגען···· דער פער-
ליעבטער האט זיך אויף היינטיגער מאדע געווארפען אויף דער ערד····
אונ אהייסער קוש האט זיך אין גארטען געהערט····

מיט אהערץ פול מיט פריידען, איז שארלאטע דעם אבענד
אהיים געגאנגען געארעמט מיט איהר פריש-געבאקענעם געליעבטען,
וועלכער האט איהר בעגלייט ביז אין פינסטערען קארידאר, וואו עס
האט זיך אבגעשפיעלט דער זעלבער קאנצערט וויא אין גארטען····

שארלאטא, וויא עס זעהט אויס, האט קיין שלעכטען קאפ
געהאט אונ גיך איבערגענומען דער מוטערס לעהרע···· זיא האט
געוואוסט אז לויט געזעץ (זאקאן) פון בלינדען אמור, (גאטט פון
ליעבע) דארף דיא געליעבטע ווייניג עסען אונ זיין מלאנכאליש
א···· ד···· ג····

באלד אין דער פריה ביים פריהשטיק האט זיא געמאכט דיא
ערשטע פראבע: דיא קאפפע אויך דעם קוכען האט זיא ניט בע-
ריהרט···· מיט איהר טרייע מוטער האט זיא ווייניג גערעדט אונ
געזעסען וויא איין סטאטוע····

שיינע איז געווארען אונרוהיג: דיא גיטרייע הייסע מוטער האט
בעדענקט, אז איהר איינציג טאכטעריל איז בעהיטע גאט ניט געזונד····

— וואס איז דיר, שארלאטינקע, מיין גאלד? — האט שיינע
ערשראקען געפרעגט — וואס עססט דוא ניט, טאכטער? פיללייכט
האסט דוא דיך געסטערען אויף דעם באלל צוגעקיהלט, אדער עטוואס,
שאדליכעס געגעסען? זאל איך רופען אדאקטאר? פיהלסט דוא
קאפ שמערצען?

ביי דיא ווארטער האט זיא איהר האנד צוא שארלאטעס קאפ
צוגעלייגט····

שארלאטא האט גאר ניט געענטפערט אונ מיט א יאמער איז
זיא ארויפגעפאלען אויף איהר פערצווייפעלטער מוטערס הערץ····
געוויינט האט דאס קינד איהר טרוקענע אויגען אונ געקלאגט וויא
דיא גבאיטע פאר יו"ב ביים קנייטיל לייגען····

— איך···· בין···· פערליעבט···· — האט איהר טאכטעריל שטיל
געזאגט אונ אראפ געלאזט איהרע שיינע אויגען····

— חא! חא! חא! האט דיא מוטער פרעהליך געלאכט — וואס אקינד קען! דאס איז עס אין גאנצען? אויף דעם דארף מען זיין זויא פערזאמערט? ערצעהל מיר, מיין זעלע, אין וועמען האסט דוא דיך זויא שנעל פערליעבט?

שארלאטא האט איהר גוטער מוטער פון אלעס ערצאהלט.... זאגאר פון גארטען אונ קארידאר.... שיינע האט געשטראהלט פאר פרייד.... דיא טאכטער האט געענדיגט איהר שולע מיט בלויזע פינפען.... אונ צוא מיטאג האט דיא טרייע מוטער איהר טאכטערס געליבטען איין געלאדען, וועלכער האט זיך לאנג ניט געלאזט בעטען אונ ערצאהלט גאנצע בארג מיט גליקען, דאס ער איז אמיליאנער, מיט הייזער, מיט גלאנצענדע געשעפטען א. ז. וו. מוטער אונ טאכטער האבען איהם געקוקט אין מויל אריין אונ יעדער ווארט וואר בייא זייא הייליג, אויסער איין מרדכי-ן איז דער פלוטצליכער ראמאן ניט געפעלען, נאר ווער האט דעם „חניאק“ געהערט?

געגען זיין ווילען האט ער געמוזט אבריעף שרייבען צום גירער ראבבינער, וועלכען אווגוסט האט פאר זיין בעסטען פריינד פארגעשטעלט.... אונ דעם בריף פון פאסט ארויסגעקריגען. דעם ראבבינערס אנטווארט האבען מיר שוין אין פאריגען קאפיטעל געלעזען, דאך האט דער חסידישער פאטער דעם בריעף אויך ווייניג געגלויבט.... געהאסט האט ער זיין טאכטערס בעשערטען מיט דער בלויער מארדע.... פעראכטעט האט ער זיין לייכטזיניגער טאכטער, מיט איהר טרייער מוטער.... נאר וואס האט ער געקענט טהון? וואס פיר אווערדע האבען זייגע רייד? זאגאר פאהרען אין גירע זיך נאכפרעגען, האט איהם זיין קלוגע פרויא ניט ערלויבט, וויא מיר האבען שוין פריהער געשריעבען. מרדכי האט געהאט אשטילען רוהיגען כאראקטער, אויך עטוואס פלעגמאטיש; ער האט זיך ניט געקענט קריגען אונ מאכען לייטישע געלעכטער; עלענד, אונגליקליך, האט זיך דער ארדענטליכער מאן אין זיין אייגען הויז געפיהלט; אלע זענען איהם וויא פרעמד, אלע קוקען אויף איהם מיט בליקען פול מיט האסס.... זייגע בעסטע פערגעניגען וואר נאר זיין איינציגער פיעריאריגער זאהן, שלמה'לע, וועלכען ער ערציהט נאך זיין ווילען, וועלכען ער ליעבט וויא זיין לעבען, אויך דאס קינד איז צוא איהם מעהר צוגעבונדען, אלס צוא זיין טרייער מוטער; ניט איין מאל זאגט דער אונגליקליכער פאטער צוא זיך זעלבסט: א, גאט! וויא שלעכט איז, אז עס טרעפט ניט קיין גלייכע פאאר....

17.

פון בערקעס אוניווערזיטעט.

אין דעם בעוואוסטען לעקצער גאסט-הויז „איטאליא“ אין איין שיינעם מעבעלירטען צימער, זעהען מיר זיטצען אונזער בעקאנטען קורלאנדער קויפמאנן, אווגוסט, מיט איינעם רייכגעקליידעטען מאנן און ווייל דער ראמאניסט איז אונז שוין גענוג בעקאנט, וועלען מיר נאר זיין קאמעראד מיט אונזער פעדער אבמאהלען: ער זעהט אויס פון אונגעפער דרייסיג יאהר, פון הויכען וואוקס, מיט אקאהלען קאפ .... (צוליעב אגעוויסע אורזאכע). פון זיין אויסגעצויגען בלאססעס געזיכט קענען מיר גלייך פערשטיין, דאס דער מענש האט זיינע יוגענדליכע קרעפטע דער ליידענשאפט אב געגעבען .... פון זיינע קליינע בליטצענדע ווייסע אויגען לעזען מיר וויא אויס אבוך, דאס דער מענש איז אויף אלעם פעהיג .... דאס ער איז דיא פערדארבענ-הייט זעלבסט .... זיין טייפלישער שמייכעל, זיינע דיקע ליפפען, פון וועלכע עס זעהען זיך ארויס זיינע פוילע קרומע צייהן, זיין אונגעהייערע ברייטע רויטע נאז מאכען איהם אזויא אבשטויסענד און עקעלהאפט דאס עס איז שרעקליך אויף איהם צוא קוקען ....

— בראווא, זרחקע! מאלאדעץ יעי באהו! — האט דער גירער קויפמאנן מונטער אויסגערופען — דיין בריעף איז זעלטען גוט געמאכט.... מיט דעם ראבבינער זיגעל (חתימה) מיט אלע וואמערליך.... חא! חא! חא! דיא פערד ווייסען גאר ניט, אז דער ראבבינער אלבערט בוימריטטער, איז גאר זרחקע הייבער ....

— סקען געטערעט.... (רייד שטיל), פייפקע, איאלד, (מענש) קען נאך סליחה-גען.... (אויס זאגען), דיין כלה קען אזויא טרעפען ווער דער ראבבינער איז, ריכטיג וויא זיא קען וויסען, אז אווגוסט פעלהענדלער. איז פייפקע ריקער .... נאר זאג מיר נאר, פייפקע, וויא קומסט דוא צוא דיא יאלדען?

— וואט טעביע נא.... (האסטוא דיר) אשיינע פראגע אחלעבין.... אט אפנים עס איז מיר דאס ערשטע מאל? האסט דוא שוין פערגעסען וואס עס איז געוועזען אין לאקיש, עשראוו, און אין נולביל? ....

איך האב ניט פערגעסען, ברודער, אבער דארט ביזט דוא דאך ניט געקראכען אין דיא הויכע פענסטער? ...

קאקאי טי דוראק! .... (וואס אנאר דוא ביזט) פריהער פאנגט מען אן פון קליין .... און מען ענדיגט ביא גרויס .... איך האב

זיך

זיך אויף דער וועלט אויסגעלערענט דייטש ברעכען .... (שפרעכען), דאנגערוועטטער, גראדע, צום ביישפיעל, מערסי, ענגעל, ליעבכען, אונ נאך פיעל ווארטער .... יעצט קען איך גאנץ דרייסט קריכען צוא דיא אריסטוקראטקעס........

חא! חא! חא! חי! חי! — האט זרחקע האלטענדיג זיך פאר דיא זייטען ווילד געלאכט — א, איך האב שוין ניט קיין כוח צוא לאכען.... אח! אח! פייפקע ריקער אדייטש מיט לונגען.... וואס איך האב.... האסט דוא געשלונגען.... חא! חא! חא!

— דאוואלנא, בראט, (גענוג, ברודער,) — האט פייפקע ערינסט געזאגט — ערצאהל מיר, זרחקע וויא אזויא האסט דוא אלעס געמאכט? איך האב נאר געציטערט מיין יאלד זאלל דעם קאנווערט ניט בעקוקען .... דאנקען גאטט, וואס אלעס איז גלאט אונ שאן צוגעגאנגען....

— געבוים .... (האב קיין פורכט), וואס זרחקע קען, וועלען טויזענדער אזעלכע יאלדען פון זייערע האנד אונ פיס ניט וויססען... חאטיא, (אבוואהל) איך בין ניט קיין דייטש מיט לונגען .... נאר פריהער זאג מיר, פייפקע, וויא אונ וואו האסט דוא דיך מיט דער גרויסצייטיגע ממזר (גרויסארטיגע מאמזעל) בעקאנט? דער נאך וועל איך דיר אללעס ערצאהלען....

— איך וועל דיר, בערקע, צוליב טהון — האט דער קורלאנדער לאכענד געזאגט אונ אפאפיראס פערוויכערט — דוא ווייסט דאך, דאס ווען מיר זענען ארויס פון דיא הויכע פענסטער .... (קרימינאל) בין איך אהן אקאפיקע אונ אהן אשטאך ארבייט געבליעבען ... צום גליק האב איך אין טהעאטער אבגעפוצט (געגנבעט) אגאלדענעם גייער, (אוהר) פאר וועלכע איך האב זיך גרויסארטיג בעקלייד ... שפעטער האב איך נאך בייא איין לעשטש (מאן) עטליכע קלויסטער (הונדערטער) צוגעבעטען, דאן בין איך שוין געווארען איין רעכטער מיליאנער, אונ פערבייא געהענדיג אהויז, וואו איך האב געהערט פריילך שפיעלען, בין איך אומגעבעטען אריין צווישען דיא געסט .... דארט האב איך זיך מיט מיין פייגעלע בעקאנט אונ דיא ארבייט איז גאנץ לייכט צו געגאנגען .... איך האב איהר גלייך נאך דיא ערשטע עטליכע טאנץ, וויא דיא מאדע איז, געבעטען זיא זאלל מיט מיר געהן אין גארטען זיך אבקיהלען .... אונ דארט האב איך איהר אויף מיין הויכדייטש ליעבע ערקלערט .... באלד אויף דעם צווייטען טאג האט מען מיך אהין פערבעטען .... דיא מוטער איז אגרויסע בהמה .... אונ ווערד ענציגט פון מיין קאפולער דייטש .... דיא נארישע טאכטער קוקט מיר אין

דיא

דיא איינגליך .... יא , דער זבראם (פאטער) שטעהט מיר וויא אביין אין האלדז ... נאר איך האב איהם טיעף אין דער ערד .... ער האט בייא זייא אפנים וויא אהונד .... וועסט זעהען , דאס נאך אין איין מאנאט ארום וועלער איך זייער איידעם, אדער וויא זיי זאגען „שוויגערזאהן“, ביז איינינע טאג נאך דער חתונה .... אונ פאשאל מיט זרחקע הייבער ....

— אטליטשנא .... (אויסגעצייכענט) — האט זרח-קע לאכענד געזאגט — איך האב מיט דיר געטראפען .... דעסט גלייבען דוא, האסט זיך ניט וואס מיט מיר צוא שעמען .... מיין פייפקע, דער גראף, טרעפט מיך אין גאסס אונ פערלאנגט, איך זאל איהם פון אגירער בעוואוסטען מענשען אבריעף שרייבען אונ איהם איבערשיקען צוא בלוממענטהאלען .... מעהר האט ער מיר ניט געוואלט זאגען .... איך וועל ניט לייקענען, אז דיין היטען זיך פאר מיר האט מיך גוט פערדראסען, נאר פאר אגוטען ברודער וועל איך אללעס טהון, בעזאנדערס האב איך באלד געוואוסט, אז מיין פייפקע וויל דא וויטער וועמען אנפייפען .... מיין קאפ האט אויך ניט געקראנקט .... איך האב נאך ביז היינט ניט פערגעססען דעם בריפפענשטעללערס דייטש אונ אזויא וויא איך האב זיך ערמאנט, דאס דער בעוואוסטער גירער ראבבינער רופט זיך, אלבערט בוימריטטער, האב איך בייא איין דרוקער אבגעדרוקט הונדערט קאנווערטען מיט פאסט-פאפיער .... מיט דעם ראבבינערס פירמא .... באלד האב איך פערטיג געמאכט אגוטען בריעף, וועלכען איך האב אריין געווארפען בייא וואקזאל אין פאסט-וואגאן אונ זאל דער יאלד געהן זוכען פון וועמען דער בריעף איז .... ער קען שוין אסאך וויסען .... יעצט, מיין קורלאנדער סוחר, אז מיין בריעף איז יא געפאלען, היים עטוואס געבען אין פיסק, דען עס איז מיר שוין טרוקען אין מויל ריידענדיג.

פייפקע האט אנגעקלונגען אונ באלד האט מען אריין געבראכט, נאך זיין בעפעהל, אגרויסע פלאש ספירט מיט פערשיידענע פערבייסונגען אויך אדוטצענד ביער אונ ביידע האבען וויא עכטע שכורים מיט טהעע גלאזער געטרונקען, דאס צייט איין פערטיל שטונדע וואַרען דיא פלאשער גאנץ לעער. —

— פייפקע ! — האט דער בעזויפטער זרחקע הייבער, ווארפענדיג מיט'ן קאפ געזאגט — וועגן רעכענסט דוא צוא פאהרען צוא דיין ווייב אונ קינדער ?

— טשארט איך פאבערי .... (נעהמט זיא דער טייפעל) — האט דער צווייטער באנדיט געמורמעלט אונ זיך אויף דעם שטוהל געוואקעלט — אויף וועלכער ווייב פראגסט דוא ? אויף דער ערשטער,

אדער

אדער אויף דער צעהנטער ? פריהער מוז איך מיט מיין געליעבטער שארלאטען הייראטען.... מען דארף בלייבען אווארט'ס מאן.... אונ שפעטער וועלל איך אזויא מאכען: דיא וועלכע עס וועט מיר מעהר געלד געבען, מיט דער וועלל איך לעבען.... בין איך אונגערעכט ?

— פרעקראסנא.... (שאן) — איך וואלט שוין וועלען זעהען דיא טויזענדער אין אונזערע קעשענעס.... זשאלקא, (אשאדע) וואס אונזער פריאטעל (פריינד), בערקע, איז יעצט ניטא.... ער פעהלט אונז וויא איין אויג אין קאפ....

איך האב געהערט, דאס ער איז פון סיביר אנטלאפען, געוויס וועלען מיר איהם אמאל בעגעגנען.... אבער פייפקע, דוא שלאפסט שוין ? ברררר! קאלט, איך וויל אויך שלאפען.... ברררר!....

ביידע בעזויפטע באנדיטען זיינען ביים טיש פעסט אנטשלאפען געווארען. זייער חראפען האט מען איבערין גאנצען קארידאר גע-הערט; יעצט, ליעבע לעזער, קענען מיר פון דארט אונגעשטערט אוועק געהן, דען מעהר קיינע נייעס וועלען מיר שוין דארט ניט הערען.... זייער ביאגראפיע איז פארלייפיג איבעריג צוא בעשרייבען, געוויס פערשטייט איהר זעלבסט, אז זייא שטאממען פון בערקעס אוניווערזיטעט....

18.

פאטער-ליעבע.

שרעקליך פינסטער איז אין דעם דארף ליחין: עס שטורמט אקאלטער דעקאבער ווינט, וועלכער טראגט דעם ווייסען שנעע אין דער לופטען אונ בעדעקט אלע שטרויענע דאכער; טהיערען אונ פענסטער זיינען פערשאטען מיט בארגער שנעע; איבעראלל הערשט אטויטע שטיללקייט; נאר פלוטצלונג האבען דיא הינד אנגעפאנגען שטארק צוא בילען, דען זייא האבען פון ווייטען בעמערקט אווייסען מענש געהן, וועלכער וואר פון קאפ ביז צוא דיא פיס איינגעטונקט אין שנעע, דאס זיינע קליידער, זיין געזיכט וואר אונמיגליך צו זעהען.

בענאהע צוואנציג הינד זיינען דעם מאן בעפאלען, נאר העלדיש האט ער זייא מיט זיין לאנגען שטעקען פערטריעבען אונ זיך ווייטער געגאנגען, גלייך וויא איהם וואלט קיין זאך אינטערעסירען.

אנידערינע (ציוויינער ח"א)

אנידעריגע טהיר פון אבויערען-הייזעל האט זיך געעפענט אונ אבויער איינגעהילט אין אווייסען פעלץ איז ארומגעגאנגען, וועלכער האט מיט אקראפטיגער שטיממע דעם מענש געפרעגט:

קטא טאם אידיאט? (ווער געהט דארט?)

דער אונבעקאנטער האט זיך אבגעשטעלט אונ דעם בויער געפרעגט:

— זאגט מיר גוטער מענש, אין וועלכען הויז וואוינט, געצעל, דער היגער דארפס-שניידער?

— דאס דריטע הויז פון דאנען — האט דער בויער געאנטווארטעט אונ איז צוריק אריין אין שטוב.

שנעלל איז דער מענש צוגעגאנגען צום דריטען הויז אונ לייזע (שטילל) געקלאפט אין פענסטער.

— ווער קלאפט דארט? — האט זיך פון אינעווניג געהערט איונגע פרויען-שטיממע.

— עפענט, טויבע, — האט דער מאן שטילל געזאגט....

— געציל? — האט דיא זעלבע שטיממע מיט וואונדער געפראגט — אזוא גיך ביזט דוא שוין פון צווייטען דארף געקומען? ווארט, גלייך מאך איך פייער....

באלד האט זיך דיא טהיר גיעפענט אונ דער נאססער גאסט איז אריין אין אקליינעם ענגען צימער, וואו ער האט פון זיך זיין וואסערדיגען פאלטא אראב געווארפען אונ מיט זיינע בליקען עטוואס געזוכט....

— ווער זיינט איהר? — האט דיא פרויא אונרוהיג געפרעגט, אלס זיא האט געזעהען איהר גרויסען אירטהום.... (טעות).

— איך בין דער פאטער פונ-ם קינד, וועלכעס מיין הינדה האט אייך איבער געגעבען....

זיינט איהר בערקע? — האט טויבע מיט שרעק אויסגערופען — דאכט זיך איהר זיינט געוועזן....

— איך בין געוועזן .... — האט בערקע מיט אשמייכעל אונטער-געהאפט — נאר איהר זעהט דאך, אז איך בין צוריק געקוממען....

— וואס-זשע ווילט איהר יעצט זויא שפעט בייא נאכט?

— איך וויל .... איך וויל יעצט מיין קינד אבנעהמען .... אונ וויפיעל עס קוממט פון מיר, וועלל איך אייך גלייך מיט דאנק בע-צאהלען....

— יעצט אין אזא שרעקליכען וועטער ווילט איהר דאס אונגליקליכע יתומה-לע נעהמען? ניין, איך וועלל עס אייך ניט געבען....

— קיינער האט ניט דאס רעכט מיך אויף צוהאלטען אונ איבער

מיין

מיין קינד צוא בעפעהלען — האט בערקע ביין געזאגט — קיין אנדערע צייט האב איך ניט ....

— אונ איך וועל אייך אויף קינעס פאל דאס קינד ניט געבען.... פיליייכט וועט איהר עס וועלען נעהמען מיט געוואלד, שוואר איך אייך ביא מיין לעבען, דאס פון מיין געשרייא וועלען זיך אלע בויערען צונאנד קומען, דאן ....

זיא האט ניט געענדיגט איהרע ווארטער, דען דאס קינד האט זיך ערוואכט אונ אנגעפאנגען צוא וויינען. טויבע האט דאס קינד פון שמוטציגען וויעגעלע ארויסגענומען אונ עס איהר ברוסט געגעבען.

באלד איז דאס קינד שטיל געווארען, מיט גרויס אפעטיט האט עס דיא ברוסט געזויגען; מיט איין האנטעלע האט דאס קינד טויבעס מאגערע געלע וואנגען געגלעט; מיט דיא בלויע קינדישע אייגעליך אונ מיט אזים שמייכעלע האט עס אויף דער וואלטהעטערין געקוקט, גלייך וויא עס וואלט טויבען דאנקען פאר איהר עדעל הערץ....

פלוטצלונג האט דאס קינד אבליק געטאהן אויף בערקען אונ איהר בלאנדענע קאפעלע שטארקער צוגעדריקט צוא טויבעס מאגערע ברוסט, גלייך וויא עס וואלט זיך שרעקען פאר דעם אונבעקאנטען....

— שרעק זיך ניט מיין שאפעלע — האט טויבע מיט איין מיט־ליידענדען טאן געזאגט אונ דאס קינד אבגעלאזען — שפרינצעלע, זעה נאר, דאס איז דאך דיין טיאטיע .... (פאטער) ער האט דיר געבראכט קעקעס.... (צוקערקעס) אונ האט דיך אזויא ליעב....

צווייא גרויסע טרעהרען האבען זיך אין בערקעס אויגען גע־שטעלט; גלייך האט ער ארויסגענומען איינינע קאנפעקטען מיט איין קוקלע אונ עס דעם קינד געגעבען —

אין אנפאנג האט דאס קינד ניט געוואלט נעהמען אונ איהר שאן קאפעלע אין טויבעס ברוסט בעהאלטען, אמענדע נאך אלאנגען בעטען האט עס אויסגעשטרעקט דיא צארטע האנטעליך אונ דעם פאטערס פריזענט גענומען.

— קום צוא מיר, שפרינצעלע, — האט בערקע מיט אפערשטיקטער שטימע דאס קינד געבעטען, וועלכעס ער האט געגען איהר ווילען אויף דיא האנד גענומען אונ עס פעסט צוא זיין קלאפענדעס הערצען צוגעדריקט ....

— נעהם ארום דיין טיאטיא (פאטער) — האט ער מיט טרערען ערווידערט אונ מיט דעם קינדס האנטעליך זיין האלדז ארום גענומען....

ער וואר זויא געריהרט, דאס ער האט ניט געהערט וויא דיא

טְהִיר הָאט זִיךְ גֶעפִינְט אוּנ אַמַאגֶערֶער נִידֶערִיגֶער יוּדֶעל פוּן מִיטֶעלֶע יָאהרֶען, מִיט אַקְלֵיין שְׁפִּיטְצִיג בֶּארְדִיל, אִיז אַרַיין אִין צִימֶער, אוּנ אַלְס עֶר הָאט פוּן זִיךְ אָבְּגֶעשָׁאקֶעלְט דֶעם שְׁנֶעע הָאט עֶר צוּא זִיךְ גֶעזָאגְט:

אֶ, עֶס אִיז יֶעצְט אַיין עֲבֵרָה אַהוּנְד אַרוֹיס צוּא טְרַייבֶּען....

— גֶעצְעל! — הָאט טוֹיבֶּע עֶנְטְצִיקְט אוֹיסְגֶערוּפֶען — דַאנְקֶען גָאט, וָואס דוּא בִּיזְט יֶעצְט גֶעקוּמֶען....

— עֶס פְרֵייט מִיךְ זֶעהר, וָואס דוּא, מַיין וַוייבּ, גֶעהמְסְט מִיךְ הַיינְט צוּא פַאר אַלִיעבֶּען גַאסְט....

בַּייא דִיא וֶוארְטֶער הָאט עֶר צוּא זַיין וַוייבּ מִיט זַיינֶע קְלֵיינֶע אוֹיגֶעלִיךְ גֶעוואוּנְקֶען, גְלַייךְ עֶר וָואלְט פְרָאגֶען: „וֶוער אִיז דֶער אוֹרַח“?

— גֶעצְעל! — מִיר הָאבֶּען אַגַאסְט, שְׁפְּרִינְצֶעלֶעס פָאטֶער אִיז גֶעקוּמֶען....

— בֶּערְקֶע! — הָאט גֶעצְעל עֶרְשְׁרָאקֶען גֶעזָאגְט — אֶ, אִיךְ הָאבּ דִיךְ גָאר נִיט בֶּעמֶערְקְט, וִויא אִיךְ בִּין אַיוּד.... וָואס־זְשֶׁע מַאכְסְט דוּא? וֶועלְכֶער רוּחַ הָאט דִיךְ צוּא אוּנְז פוּן אַזוֹיא וַוייט גֶעבְּרַאכְט?....

— דֶער שְׁנֶעע מִיט דֶעם שְׁטוּרְם ווִינְט.... אִין אַיין וֶועגְס וֶועל מִיךְ יֶעצְט בַּייא אַייךְ מַיין שְׁפְּרִינְצֶעלֶען אָבּ נֶעהמֶען....

— אִין אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶער נַאכְט ווִילְסְט דוּא דָאס קִינְד נֶעהמֶען? וִויא הָאסְט דוּא נִיט גָאט אִין הֶערְצֶען.... דָאס קִינְד וֶועט דָאךְ גֶעפְרוֹירֶען וֶוערֶען?....

— וָואס קֶען אִיךְ הֶעלְפֶען? דוּא וַוייסְט דָאךְ, גֶעצְעל, אַז בַּייא טָאג קֶען אִיךְ נִיט.... בֶּעזָאנְדֶערְס הָאבּ אִיךְ אַגוּטֶען פֶּעלְץ, עֶס וֶועט אִיהר בֶּעהִיטֶע גָאט נִיט שַׁאדֶען....

— אָבֶּער אִין גָאטֶעס ווִילֶען, בֶּערְקֶע, הָאט דֶער אָרִימֶער שְׁנַיידֶער אוּנְרוּהִיג גֶעפְרֶעגְט — וואוּהִין וֶועסְט דוּא מִיט דֶעם קִינְד פָאהרֶען?

— צוּם בַּאהְן.... אוּנ פוּן דָארְט נָאךְ אַמֶעריקא.... נָאר זָאג מִיר גֶעצְעל, וִויא פִיעל גֶעלְד קוּמְט דִיר פוּן מִיר? אִיךְ קֶען דָא לַאנְג נִיט פֶערְבְּלַייבֶּען.... דִיא נַאכְט שְׁטֶעהט נִיט....

— דָאס קִינְד אִיז זִיעבֶּען חֳדָשִׁים אַלְט — דַיין וַוייבּ, הִינְדָה, הַרְבּוֹנָה בְּרָכָה, (זִכְרוֹנָהּ לִבְרָכָה) הָאט אוּנְז קַיין קָאפִּיקֶע גֶעגֶעבֶּען, קוּמְט אוּנְז גְלַייךְ צְוֶוייא אוּנְד פֶערְצִיג רוּבֶּעל.... דָאס מַאכְט צוּא זֶעכְּס רוּבֶּעל אַחוֹדֶשׁ. —

— זֶעהר גוּט, הָאט בֶּערְקֶע גֶעזָאגְט — אִיךְ וֶועל אַייךְ מַיינֶע פְרֵיינְד פוּנְפְצִיג רוּבֶּעל גֶעבֶּען, וֶועט זַיין אַגְלַייכֶער חֶשְׁבּוֹן.... אוּנ דוּא גֶעצְעל,

וועסט אזויא גוט זיין און מיר דיין אלטען צוריסענעם טלית געבען, פאר וועלכען איך וועל דיר בעזאנדערע צעהן רובעל צאהלען און שאף מיר דיא מינוט אפוהר ····

בייא דיא ווארטער, האט בערקע זעכציג נייע איינציגע רובעל אויף דעם שמוטציגען טיש אויסגעציילט. —

אבערמאלס האבען געצילס אויגען געשטראהלט פון פרייד, זעהענד אויף דעם טיש דאס בארגעל פאפירליך ···· דאגעגען איז טויבע שטארק בלאסס געווארען און איהרע גרויע גרויסע אויגען זענען פול געווארען מיט טרעהרען ····

— וואס וויינסט דוא, טויבע, האט געצעל מיט אפארווירפע געזאגט — האסט דוא דען ניט געוואוסט, אז פרעמדס איז ניט אייגענס און דוא וועסט אמאל מוזען שפרינצעלעו אוועק געבען? אמת, דאס קינד איז מיר אויך אשאד, אבער פעהלען דען דיר קינדער? וועק אויף אונזערע זעכס שטיקליך, זייא האבען געוויס אגאנצען טאג אין מויל ניט געהאט···· איך האב געבראכט ברויט מיט הערינג ···· גיב זייא אין דיא פיסקליך, זאלען זייא וויסען, אז „איך" זייער פאטער בין געקומען ···· הערסט?

זאגענדיג דיא ווערטער האט ער אויף א סיפראן שטימעלע געשריען:

— לייבקע! חיימקע! שמערקע! אסתרקע! איטקע! צירקע! שטעהט אויף! „איך" בין געקומען! עסט ברויט מיט הערינג!

זעכס הונגעריגע אויסגעדארטע נאקעטע נשמות מיט צוריסענע העמדליך, וועלכע זענען אויף דער קאלטער ערד געלעגען מיט שמאטעס בעדעקט, זייגען אויף זיין געשרייא אויפגעשטאנען און מיט דיא אויסגעצערטע האנטליך זייערע פערשלאפענע אויגען געריבען, גלייך וויא זייא וואלטען זיך וועלען איבער-צייגען, צוא זעהען זייא דאס ניט אין חלום····

— גיב זייא, טויבע, יעדען אחלק, (טהייל) אויך דוא בערקע נעהם עפעס אין מויל אריין און איך וועל געהן זעהען אפוהר. —

געצעל איז ארויס פון שטוב; דיא קינדער האבען זיך וויא הייש־עריקען צוא געהאפט צום שווארצען ברויט מיט הערינג···· דיא ציינדליך האבען געקנאקט, דאס ברויט איז פערשוואונדען ···· און אין אהאלבע שטונדע ארום, איז געצעל געקומען מיט א פוהר. —

בערקע איז שרעקליך בלאס געווארען: מיט ציטערענדע האנד האט ער דאס אונשולדיגעס קינד אין איין בוישען פעלץ איינגעהילט; מיט טרעהרען האט ער זיך מיט טויבען און מיט געצלען געזעגענט, וועלכער האט איהם זיין קויטיגען געלאטעטען טלית געגעבען ····

אבגעוואשען מיט איהרע טרעהרען; איינגע מאהל האט זיא עס צוגעדריקט צום הערצען אונ עס איינגע הייסע קוססע געגעבען, אויך דיא זעכס זאטטע קינדער האבען קייענדיג דאס ברויט מיט געוויינט, אונ באלד איז בערקע ווייט געוועזען פון דארף ליחין.

אלס בערקע איז איינגע ווערסט אבגעפאהרען, האט ער דעם בויער געפרעגט:

— וואוהין פאהרסט דוא מיט מיר?

— צוא נולבילער באהן האט מיך געצעל בעדונגען — וואר דעם בויערס אנטוואורט.

— פאהר נאך הרובשוב — האט איהם בערקע בעפאהלען — איך וועל דיר דעם זעלבען פרייז געבען, נאר שנעלל....

דער בויער האט זיינע קליינע פערד איינגע בייטשען געגעבען, אונ זיך אויף הרובשובער וועג גענוממען. —

19.

גנב בלייבט גנב.

פיעל געפעהרליכע אונהיילבארע קראנקהייטען גיבט אויף דער וועלט, וועלכע עס העלפט קיין ראטה, קיין מעדיצין אונ אונמויגליך, אז דער ליידענדער פון דיא געוויסע קראנקהייטען זאל געזונד ווערען. —

איינגע פון דיא קראנקהייטען קען מען ציילען: גניבה, קארטענשפיעל, שכרות.... ווען א גנב שווערט מיט טרעהרען ביא גאט, דאס ער וועט זיין פראפעסיאן אוועק ווארפען אונ ווערען איין ארדענטליכער מענש, ווען אקארטענשפיעלער שווערט ביא זיין לעבען, אונ פערזיכערט אונז אז קיין קארט וועט אין זיין האנד ניט קוממען, ווען א שכור זאגט אויף זיין עהרען ווארט, דאס ער וועט דעם ביטערען טראפען מעהר אין מויל ניט נעהמען.... (חוץ שבתים אונ ימים טובים) איז זייא ווייניג דא וואס צוא גלויבען, דען „דיא געוואהנהייט איז דיא צווייטע נאטור", וויא אמאגנעט ציהט דיא אונגליקליכע צוא זייער פראפעסיאן.... זאגאר אין טרוים (חלום) זעהט יעדער פון זייא זיין געליעבטען געגענשטאנד, אונ ווען איינער פון דיא געוויסע קראנקע ווערד אמאל איין ארדענטליכער מאנן, מוזען מיר בעהויפטען, אז ער איז איין אויסנאהמע. —

דאס זעלבע זעהען מיר מיט אונזער „בעל תשובה" בערקע

סאקאל. געוויס האט איהר, ליעבע לעזער, מיטלייד געהאט מיט דעם פערצווייפעלטען באנדיט אונ איהם געגלויבט, אלס ער האט וויא אביבער פאר יענטען געקלאגט, וועלכער ער האט געשווארען אונ זיין האנד געגעבען, דאס ער וועט איין ארדענטליכער מענש ווערען···· געוויס האט אייך אויך גערירט דיא סצענע ביא געצעל דעם דארפס שניידער, ליידער האט איהר איין אירטהום געהאט, דען וויא עס איז מיגליך דעם נעגער (שווארצען מענשען) זיין שווארצע הויט צוא בייטען, זויא איז מיגליך דעם דיעב (גנב) איין עהרליכער מאן צוא ווערען···· ער קען אהן גניבה ניט לעבען, וויא א פיש אהן וואסער. —

דיא זעלבע נאכט, ווען בערקע האט זיין קינד ביא געצלען אבגענוממען, איז ער מיט דעם בויער איינגע שטונדען געפאהרען אונ גאנץ פריה האט ער זיך אבגעשטעלט אין אידישען שענק, איינגע ווערסט אונטער דער פאלנישער שטאדט הרובשוב, וואו ער האט אבגעדונגען איין בעזונדערען צימער אונ גלייך געשיקט נאך דער ווירטהען, וועלכע איז באלד געקומען אונ געפראגט איהר נייעם גאסט, וואס ער פערלאנגט.

— ליעבע פרויא! — האט בערקע מיט אנגעמאכטער טרויעריגער שטיממע געזאגט — איך זעלבסט בין איין ליבגארייער···· מיט צוויא וואכען צוריק האט מיך אשרעקליכער אונגליק געטראפען, דען מיין ליעבע פרויא, מיט וועלכער איך האב אין גאנצען צוויי יאהר אבגעלעבט, איז פלוטצלונג געשטארבען אונ מיר איבער געלאזט דאס קליינע יתומה'לע, וועלכעס איך פיהר יעצט נאך נולביל צוא מיין ווייבס עלטערען, אום מען זאל איהר צוא איינע אממע אוועק געבען···· קענט איהר מיר גילייכט שאפען אפרויא וועלכע זאל וועלען דאס אונגליקליכע הונגעריגעס קינד אנזייגען? איך וועל גאנץ ארענטליך בעפרידיגען אונ איהר וועט אייך ביידע וועלטען קויפען, דען איך מוז זיך, נאך אזא שווערע רייזע, אויף איין טאג ביא אייך אב־שטעלען אונ זיך עטוואס אויסרוהען····

— איך געה גלייך ברייגען אבעקאנטע כריסטען — האט דיא ווירטהען גערירט געזאגט אונ דאס צימער פערלאססען.

קוים איז דיא פרויא ארוים פון צימער, האט בערקע צוא זיך געזאגט:

— וויא איך בין איוד, אז גלייבערס פון דעם קען ניט געבען···· דאס קען טאקע נאר אזא קלוגען יונג וויא בערקען איינפאלען···· דארט איז מיין הינדה געשטארבען אונ דארט מוז זיך מיין קינד ערציהען···· נאר זייא זענען שולדיג אין איהר טויט אונ אויף זייא ליעגט דער שולד פאר דעם קינד צוא זארגען···· יא, איך האב

מיין מומען געשוואוירען, דאס איך וועל ווערען איין ערליכער יוד אונ אטרייער פאטער צוא מיין קינד ···· אבער וויא ווערד מען איין ערליכער יוד ? וואס וועל איך טהון ? ווערען איין רב ? אדער שרייבין טווילים ? (תפילין) אונ וויא פאהרט מען נאך אמעריקא אהן אפאספארט ? זאל איך ווארטען, ביז מען וועט מיך פאקען בייא דער גרענעץ אונ מיך צוריק שיקען פון וואנען איך בין געקוממען ? איז דען ניט גלייכער צוא וואוינען אין רוסלאנד ? וואס קען איך דארט טהון ? ארבייטען אויפ'ן טאג ? גיין, צוא דעם בין איך ניט געוואהנט ! אונ מיט וואס בין איך ניט קיין טרייער פאטער ? וויל איך דען מיין קינד שלעכט פערזארגען ? וואס וועט איהר דארט פעהלען ? וועט זיא דען דארט ניט האבען קיין בעסערע ערציהונג וויא בייא מיר ? יענע זענען געבליעבען אהן קינדער ···· זייא וועלען עס רעכנען פיר אגליק אונ עס האלטען פיר אמצוה ···· איהר וועט דארט ניט פעהלען וויא מען זאגט „פון פייגעל מילך" ···· דאכט זיך דער גרעסטער ערליכער יוד וואלט בעסער ניט געטהון ···· אונ ווען ניט, וואס פאר איין ראלע שפיעלט בייא נאש בראט (אונזערע ברודער) אווארט, אדער אשבועה ? ··· זעהר גלייך האב איך געטהון, וואס מיר איז איינגעפאלען צוא קויפין בייא געצלען זיין אלטען טלית ···· איך וועל מיין טאכטער אין איהם איינוויקלען, אום יענע זאללען וויסען, אז דאס קינד שטאמט פון יודען ··· איך מיז היינט דינגען אפוהר נאך טורנאווקע אונ פון דארט וועלל איך צופוס געהן נאך ווישניצע ··· דער געגענד איז מיר גוט בעקאנט ···· אונ צייט איין שטונדע בין איך פערטיג מיט דער ארבייט ···· איך וועל ערשט וויסען צוא זאגען פון אוועלט אונ האבען ארוהיגען קאפ ···· מיט דער צייט, ווען מיין טאכטער וועט ווערען גרויס, וועל איך איהר אלעס ערצאהלען ···· איך רעכען, דאס איך וועל שפעטער האבען אגוטען שמאלץ גראב···· דאס קינד וועט איהר פאטער גלויבען אונ ראכע נעהמען פאר איהר מוטערס טויט ···· זייער רייכטהום וועט בלייבען בייא מיר ···· בראווא בערקע ! דוא האסט איין מיניסטערישע קאפ ··· דוא ביזט ווערטה אקויש אין פיסקעל ···· נאר שא ···· דאכט זיך מען געהט····

דיא טיהר האט זיך געעפענט אונ דיא ווירטהען איז אריין געקוממען מיט איין יונגע כריסטען, וועלכע האט דאס פערשלאפענע געפרוירענע קינד אויף דיא האנד גענומען אונ עס איהר ברוסט געגעבען.

בערקע האט איינינע גלאז טהעע אויסגעטרונקען אונ איז געשמאק אנטשלאפען געווארען. אונ בייא נאכט אלס ער האט דער ווירטהען פאר אלעס בעצאהלט, האט ער אבערמאלס אפוהר געדונגען אונ איז

מיט דעם קינד נאך טורנאווקע געפאהרען, אום אויס צופיהרען זיין טייפלישען פלאן.... פערגעסען האט דער שורקע זיין שוואור, זיין האנד, ווייל גנב בלייבט גנב....

20.

אין אגליקליכער שעה.

אין אלע לעקצער הייזער האט מען גערעדט פון שארלאטא בלומענטהאלס האכצייט, וועלכע מען האט מיט צוייא וואכען צוריק געפייערט. —

יעדער האט געשילדערט דיא פערפוצטע גרויסארטיגע זאאל, דיא פארנעהמע געסט, דיא פיעלע געשמאקע שפייזען, דיא רייכע בופעטען, דיא זעלטענע מוזיק.... א. ז. וו.

דיא ארעמע לייט האבען בעוואונדערט דיא פינף-פונטיגע בולקעס, דאס פעטטע פלייש, דיא פערשיעדענע געטראנקען, און אלע האבען זיך ניט ווייניג געוואונדערט, ווארום דער מחותן, ה' מרדכי בלומענטהאל, האט זיך זויא ווייניג געפרייט. פערקערט, דיא גאנצע צייט פון דער האכצייט וואר ער זעהר טרויעריג און פערצווייפעלט....

אלע רייכע פריילין האבען שארלאטען בעניידעט, (מקנא געווען) וואס זיא האט געהייראט מיט דעם יונגען בילדשאנעם קורלאנדער מיליאנער.... אלע האבען איהר דאס גליק ניט פערגונען און זיך געוואונדערט, ווארום דער גירער באנקיר האט זיך גראדע אין שארלאטען פערליעבט, וועלכע איז ניט איבעריג שיין און גאנץ ווייניג געבילדעט.

— וואס האט ער אין איהר דער זעהען? האבען טהייל פון דיא אלטע פריילין בייז געפרעגט — איהר סימפאטישעס געזיכט, וועלכעס איז עהנליך צוא דער גרינער טויז? איהרע שאנע צייין, וועלכע זענען פריהער גאטס דער נאך פרעמדם? איהרע שאנע אפפעשע (מאלפעשע) טאליע, איהר בילדונג מיט דיא אנדערהאלבען פראנצויזישע פראזען? און וויפיעל מיטגיפט (נדן) האט מען איהר געגעבען? אקליינינקייט אכט טויזענד רובעל? ... איין ארעם אדוואקאטעל נעהמט דאך שוין מעהר.... ניין! ניט אנדערש ער איז אגרויסער קורלאנדישער פערד"........

נאר פון דיא אלע רייד קענען מיר ווייניג נוטצען האבען, אלזא וועלען מיר בעסער אריין געהן אין מרדכי בלומענטהאל'ס רייכען

וואוינונג, אונ אבוואהל עס איז שוין עלף אוהר בייא נאכט, דאך וועלען מיר האבען דאס גליק צוא הערען פאלגענדען אינטע-רעסאנטען געשפרעך:

— וואס זיטצט דוא מארקוס, אנגעבלאזען וויא איין אינדיק? — האט שיינע איהר פערטראכטען געמאהל געפראגט, וועהרענד איהר געזיכט האט וויא פייער געפלאממט אונ איהרע אויגען האבען וויא צוויא ליכט געברענט — דארפסט דוא דען ניט גאט דאנקען, וואס מיר האבען אונזער איינציגער טאכטער גליקליך פערהייראט מיט אזא רייכען ליבענסווירדיגען יונגען מאן וויא אונזער אווגוסט? אשפאסט דעם גרויסען נדן, וואס מיר גיבען איהר! אחלעבין עס וואלט שוין צייט געוועזען דוא זאלסט מעהר פערשטאנד האבען....

— איך וויים ניט שיינע, וואס דוא פערלאנגסט פון מיר.... צוא ווילסט דוא איך זאל זיך שטעלען טאנצען? עס טאנצט זיך מיר גענוג אין קאפ.... דער געשעפט ווערט ערגער פון טאג צוא טאג; דיא קאנקורענציע איז גרויס; אלע טאג הערען זיך אנדערע באנקרא-טען.... אין איין מאנאט ארום דארף איך צאהלען איינינע וועכסלען אויף פונפצעהן טויזענד רובעל. אונ וואו נעהמט מען אזויא פיעל געלד, וואהרענד אין האנדעל לייזט זיך ווייניג? גלויב מיר, מיין ווייב, איך וויים זעלבסט ניט אויף וועלכער וועלט איך בין.... ווען אווגוסט זאל קענען בייא אונז אמווייניגסטענס איין מאנאט פערבלייבען, ביז איך וועל דיא וועכסלען צאהלען, וואלט איך שוין גאר ניט גע-זארגט.... איך וואלט איהם דאן זיינע זעכס טויזענד רובעל מיט פערגעניגען געגעבען, ליידער וויל ער מארגען פאהרען אונ וואו נעמט מען זעכס טויזענד רובעל? זאל איך געהן צוא א פריצענטניק, וועט ער דאך מיר אבשינדען דיא הויט? אונ וואס וועל איך טאהן אין איין מאנאט ארום, ווען דיא וועכסלען וועלען צאהלבאר ווערען? וואו וועל איך דאן נעהמען? פערגעס ניט, דיא האכצייט האט אונז פיעל טויזענדער אבגעקאסט, מיר האבען זיך גענוג פערשולדיגט.... שלעכט שיינע, דוא ווייסט גאר ניט וויא ביטער מיר איז.... גאט וויים, וואס מיין ענדע וועט זיין....

— צוא דיר דארף מען האבען אגעזונטע לונג אונ לעבער — האט דיא טרייע פרויא בייז געזאגט — דיר איז אימער ערגער פון דער גאנצער וועלט.... צייט איך קען דיך האלסט דוא אין איין קלאגען.... אונ ווען אפרעמדער זאל הערען דיינע רייד, וואלט ער מיינען, אז מען דארף פאר דיר קלייבען נדבות.... נארישער מענש! וואס עס וועט זיין אין פיער וואכען ארום דארף מען יעצט ניט זארגען.... דאכט זיך, אזא הייסער חסיד וויא דוא, דארף גלויבען אין איינציגען גאט.

וועלכער קען אין איין מינוט פון דער גרעסטער נויטה ארויס העלפען, בעזאנדערס איז נאך דער אונגליק ניט אזויא גרויס, ביז אין דער צייט קענסט דוא צעהן אזעלכע וועכסלען אבצאהלען .... נאר וואס זאל איך מיט דיר ריידען, אז דיין ווייסטע נאטור איז שוין אזויא, צוא קלאגען וויא אביען .... בייא לייטען פרייט מען זיך, אז גאט העלפט אונ מען דער לעבט חתונה צוא מאכען אקינד, אונ ער בעוויינט דעם רובעל .... טאג וויא נאכט הערט מען ניט מעהר נאר: וועכסעל אונ וויטער וועכסעל .... אז אך אונ וועה איז צוא מיר! ....

— איך בעט דיך שיינע, — האט מרדכי פאסט מיט טרעהרען געזאגט — שנייד ניט מיין פלייש.... דיין יעדעס ווארט מאכט מיר אוואונד אין הערצען.... קענסט דוא דען פיהלען דאס זעלבע וואס איך? ווילסט דען וויסען, וואס אין געשעפט טהוט זיך? פון וועמען שטאמט מיין אונגליק, אז ניט פון אייך? שווייג בעסער, וועט פיעל גלייכער זיין....

— פון אונז שטאמט דיין אונגליק! — האט שיינע אויף איהר אבער־שטיממע געשריען אונ שוים האט געזעצט פון איהר מויל — דוא אידיאט! דוא נארישער חסיד וואגסט אזעלכע ווערטער פאר דיין מויל צוא ברייענגען! אז דוא ביזט אמענש אהן אקאפ, פערשטעהסט ניט וויא אגעשעפט צו פיהרען .... מאכסט שולדען איבער שולדען, ווילסט דוא דעם צווייטען בעשולדיגען? פאר וואס? פאר דיא גרויסע פער־געניגען, וואס איך האב בייא דיר? פאר דיא טהייערע קליידער, וואס דוא האסט מיר געמאכט? דאכט זיך אשוסטערס אווייב טראגט שענערע קליידער וויא איך .... וואס פערלאנגסט דוא פון מיר? איז שארלאטא ניט דיין קינד וויא מיינע? וויא קענסט דוא איהר וויניגער וויא אכט טויזענד רובעל געבען? פערגעס ניט, איך מוז מיט דיא קינדער נאך גירא פאהרען אונ וויא וועל איך קענען פאר אווגוסט'ס פריינד מיין קאפ אויפהייבען? וואס פאר אפנים וועט האבען אונזער קינד, אלס אלע וועלען ערפאהרען, דאס מיר האבען נאר זעכס טויזענד רובעל נדן געגעבען? וואס וועט מען זאגען? מען וועט אונז רעכענען פאר בעטלער, שלעפער, אונזער קינד וועט קומען צוא שאנד אונ שפאט .... זיא וועט עס ניט איבער טראגען .... א, מערדער! וואס ווילסט דוא פון אונזער לעבען? וויא האסט דוא קיין שאנדע פאר לייט? נאר וואס זאל איך ריידען? איך וויים, דאס דוא פערגינסט אונז ניט דעם ביסען פון מויל .... איך וויים פון וואנען דיין אונגליק שטאמט .... נאר בייא דיין "צדיק" איז דיין רייכטהום געבליעבען! ....

— גענוג פאר היינטיגען אבענד — האט מרדכי מיט איין זיפצן געזאגט

געזאגט — קיינער וועט מיר ניט גלויבען וויא גרויס מיין אונגליק איז···· נאר דאס וועל איך דיר זאגען: מעהר איין קאפיקע פון זעכס טויזענד רובעל, וועל איך ניט געבען ···· דאס וועל איך מארגען לייהען ביא דן פריצענטניק ···· איך קען ניט זיך צושפרייטען מיט פרעמדע געלד! איך קען ניט! ···· מעהר האט דער אונגליקליכער ניט געקענט ריידען, דען זיינע טרעהרען האבען זיין שטימע פערשטיקט····

— זעה נאר זעה, וויא ער קלאגט וויא אהונד ···· — האט שיינע איהם נאכגעקרימט — חא! חא! אוואהרער טהעאטער, וויא איך בין איודישע טאכטער ···· שאדע וואס דיא קינדער זענען אין טהעאטער געגאנגען, זאנסט וואלטען זייא מעהר פערגעניגען האבען אונ פיעל מעהר זעהען אונ הערען····

שיינע איז פלוטצלונג שטיל געווארען, דען עס האט זיך גע־הערט מענשען טריט, באלד האט זיך דיא טיהר געעפינט אונ שארלאטא געצארעמט מיט איהר ליעבען געמאהל, אויך זרחקע, וועלכען אווגוסט האט פאר אפריינד געמאכט, זיינען אריין אין זאאל. —

— וואס מאכט איהר קינדערליך? — האט שיינע מיט פרייד גע־זאגט — האט איהר גוט פערבראכט דיא צייט אין טהעאטער? האבען דיא נייע אקטיארען גוט געשפיעלט? נאר פון דיא פראגען וועט איהר ניט זאט ווערען ···· וויא איך פערשטעה האט איהר זיך אין דער צייט גוט אויסגעהונגערט; איהר וועט טהעע טרינקען, עטוואס צוא בייסען אונ שפעטער וועט איהר צייט האבען מיר אלעס צוא ערצעהלען····

— מאריא! — האט שיינע געשריען — ברענג דיא טהע־מאשינע מיט דעם אבענדברויט!

אין איינינע מינוטען ארום האט דאס דיענסט-מעדכען אלעס אויף דעם טיש געשטעלט; דיא מוטער מיט דיא קינדער האבען מיט אפעטיט געגעסען אונ דער ביא גאנץ פריילך זיך אונטערגעהאלטען, אויסער מרדכי, האט פון דעם אלעס ניט פערזוכט, זאגאר זיין גלאז טהעע האט ער ניט בעריהרט, ענדליך נאך אלאנגען שטיל שווייגען, האט ער פלעגמאטיש אווגוסטען געפרעגט:

— ווען דענקסט דוא, אווגוסט, דיין רייזע צו מאכען?

— ניט שפעטער וויא מארגען וואר זיין אנטווארט.

— קענסט דוא פיליכט נאך איין מאנאט ביא אונז פערבלייבען?

— אויף קיינעם פאלל — האט אווגוסט אונרוהיג געאנטווארטעט — פערגעסט ניט, ליעבער פאטער, איך האבע מיינע פיעלע געשעפטען אויף דעם ווינט געלאסען ···· איך מוס מארגען פאהרען. —

— אלזא אגוטע נאכט — האט מרדכי מיט אפערצוויפעלטער שטימע געזאגט אונ איז אריין אין שלאפצימער. —

אגאנצע שטונדע, נאך מרדכי'ס אוועק געהן, איז אווגוסט מיט זיין פאלשען קוזין ווילהעלם (זרחקע הייבער) אויך שיינע מיט שארלאטען ביים טיש געזעסען ····ביידע ברידער האבען פריליכע געשיכטען ערצאהלט אונ פארגעשטעלט דאס לעבען אין קורלאנד א. ז. וו.

ביידע פרויען האבען פיעל פערגעניגען געהאט, ענדליך זענען אלע אין זייערע צימערן שלאפען געגאנגען.

אויף דעם צווייטען טאג, דרייא אוהר נאך מיטאג, זענען אונזערע העלדען אבגעריינט אין אגליקליכע שעה. —

21.

דאס אונטערגעווארפענע קינד.

— זימאן, דוא שלאפסט? — האט מלכה לעווינשטיין איהר געמאהל מיט איין פערשלאפענער שטימע געפרעגט — ווער האט אין אונזער שלאפצימער דעם לאמפ פערלאשען? איך קען אויף קיין פאלל ניט אנטשלאפען ווערען ···· דאכט זיך איך הער אין קארידאר איין קינד וויינען. —

— איך שלאף ניט — האט זימאן געאנטווארטעט — בערוהיג זיך, מלכה, קיין קינד וויינט ניט אין קארידאר, דאס האט זיך דיר געמוזט פארשטעלען אין טרוים (חלום), גלייך וועל איך ליכטיג מאכען אין צימער.

— וויא פיעל איז יעצט דיא אוהר? — האט מלכה געפרעגט, אלס זימאן האט אליכט אנגעצונדען.

— צוועלף אוהר — וואר זימאנס אנטווארט.

— אי מיין ליעבער, וויא גרויס דיא היינטיגע נעכט זענען ···· איך וואלט שוין גערן עס זאל טאג ווערען ···· מיין הערץ שרעקט זיך זעהר, איך וועל שוין היינטיגע נאכט ניט שלאפען.

— איך ווייס ניט, וואס דוא, מיין לעבען, שרעקסט זיך היינט כעהר וויא אימער — האט זימאן שוין עטוואס אונרוהיג געזאגט — דאכט זיך אין הויף איז אלעס שטיל אונ רוהיג, ווארום הער איך גאר ניט?

— דוא קענסט, זימאן, שלאפען וויפיעל דיין הערץ געלוסט; איך וועל מיינע קליידער אנציהען אונ זיטצען, ביז עס וועט טאג ווערען.

גיין, מיין טהייערע, איך וועל גלייך מיט דיר דיא נאכט איבער זיטצען, דען אבוואהל איך בין קיין פיינגלינג, (טרוס) דאך האבען מיך דיינע ווארטער בעאונרוהיגט···· מיר וועלען צוזאממען לעזען דעם נייעם בוך, וועלכען איך האבע הייטע פון שטאדט געבראכט···· דאכט זיך איך הער אויך פון קארידאר איין קינדער-שטיממע···· איך וועל אויף וועקען אונזערע בעדיענטע.

בייא דיא ווארטער האט ער אנגעקלונגען אונ צייט איינינע מינוטען זיינען אריין געקוממען איינינע פערשלאפענע האלב-נאקעטע דיענער, וועלכע האבען מיט ערשטוינונג בעטראכט זייער ערשראקענעם פרינציפאל.

— קינדער! — האט זימאן אונרוהיג געזאגט — דאכט זיך, מיר האבען געהערט פון קארידאר איין קינדער-שטיממע···· עס קען זיין, מיר האבען איין אירטהום, (טעות) דאך מוזען מיר זיך ערקונדיגען···· צינד אן איינינע ליכט אונ מיר וועלען אלע געהן אין קארידאר.

זימאן האט אויף זיך זיין שלאפראק גענוממען, אויך מלכה האט איהרע קליידער אנגעצויגען, באלד זיינען געקוממען דיא בעדינטע מיט ברענענדע ליכט אונ אלע זיינען אריין אין לאנגען פינסטערען קארידאר, וואו עס האט זיך ווירקליך געהערט אגעוויין פון אקליין קינד. —

— זימאן! דוא הערסט? — האט דיא ערשראקענע מלכה אויס-גערופען אונ שרעקליך געציטערט — האלט מיך צוא, דען איך פאל····

— שרעק זיך ניט מלכה, מיר וועלען באלד זעהען, ווער דיא לעבעדיגע סחורה איז.

— פרינציפאל! — האט אדיענער געשריען — דארט אין ווינקעל לעבען טהיר, ליעגט אפעלץ (פוטער) פון וועלכען עס הערט זיך אקינדער-שטיממע····

אלע זיינען צוא דער טיהר צוגעגאנגען, מיט ציטערענדע האנד האט אדיענער דעם פעלץ אויף געהויבען אונ ארויסגענוממען אקליינעם קינד, וועלכעס וואר איינגעוויקעלט אין איין טלית····

דאס קינד האט שרעקליך געוויינט; אלע זיינען וויא פער-שטיינערט געבליעבען, אויסער זימאן האט זיין מוטה ניט פערלארען אונ מיט אהויכער שטיממע בעפאהלען:

— נעהמט אריין דאס אונגליקליכע קינד אין שטוב, ברענגט ווארעמע מילך, דען דאס קינד איז געפרויערען אונ שפעטער וועלען מיר זיך בעראטהען, וואס מיר האבען צוא טהון.

בייא דיא ווארטער זיינען אלע אריין אין ליכטיגען זאאל. באלד האט דיא מאגד (דיענסט) איין ווארעמע גלאז מילך געבראכט. וועלכע דאס קינד האט מיט אפפעטיט געשלונגען···· מיט דיא שווארצע אייגעליך אונ מיט אשמייכעלע האט עס יעדען בעוונדער בעטראכט,

גלייך ווי עס וואלט דאנקען די גוטע מענשען פאר דער רעטונג....

אלע האבען קוקענדיג אויף דעם שיינעם קינד פיעל טרעהרען פערגאסען, איבערהויפט מלכה, וועלכע האט דאס קינד אויף איהרע האנד געהאלטען אונ עס אצווייטע גלאז מילך געגעבען.

— ארעמעס קינד! — האט מלכה מיט טרעהרען געזאגט — א, ווי שאן, ווי רייצבאר דאס מעדכען איז! ווער ווייס וועלכע נויט איהרע עלטערען האט געצווינגען, זיי זאלען זיך גרויזאם געגען זייער אייגען קינד האנדלען.... אונגליקליכע עלטערען! איהר זענט בעדויערענסווערטה! געוויס האט איהר אנדערש ניט געקענט....

— דו האסט רעכט, מיין טהייערע, האט זימאן געאנטווארטעט — דאס קינד איז ווירקליך פון יודען... דאס צייגט אונז דער אלטער טלית.... מיר מוסען זעהען עס זאל אין געהיים בלייבען, דען ווען פאליציע וועט פון דעם ערפאהרען, קען מען פון אונז פאדערען, מיר זאלען דאס קינד אין פינדעל-הויז איבערגעבען....

— קינדער! — האט זימאן זיינע בעדיענטע בעפאהלען — קיין איינער פון אייך וועט איין ווארט וועגען דעם ארויסברענגען, דאן פערליערט ער גלייך זיין שטעלע, איהר הערט?

די בעדיענטע האבען ביי גאט געשווארען, דאס קיינער פון זיי וועט פון דעם אוואָרט ניט אויסריידען אונ זיינען אויף זייערע ערטער געגאנגען.

— דו ווייסט זימאן, וואס מיר איז איינגעפאלען? — האט מלכה געזאגט, אלס זיא איז אליין מיט זימאנען אין צימער געבליבען — מיר וועלען דאס קינד שיקען אין נאיאב צו הדסה'ן, וועלכע וועט זיך שעטצען גליקליך דער מיט אונ עס ווי איהר אייגען קינד ערציהען... פיללייכט וועט עס זיין איין באלזאם צו זייערע בעטריבטע הערצער אונ וועלען פערגעסען זייערע וואונדען.... זעה נאר, מיין לעבען, ווי דאס אונגליקליכע קינד נעהמט מיך ארום מיט איהר קליינע צארטע הענטעליך.... איך הער ווי איהר אונשולדיג הערצעלע קלאפט פון פרייד.... א, גאט! מיר דאנקען דיר, וואס דו האסט אונז די געלעגענהייט געגעבען צו רעטען איין אונשולדיגע יודישע זעעלע,

— זעהר קלוג האסט דו מיין לעבען בערעכענט — האט זימאן געריהרט געאנטווארטעט — געוויס האט די פארזעהונג (השגחה) זעלבסט געוואלט, דאס מיין אונגליקליכער לעאן אונ הדסה זאלען איין טרייסט געפינען.... יא, מיין טהייערע, נאך מארגען, וועל איך זיי דער פון שרייבען.... גליקליך וועט זיך ביי זיי ערציהען דאס אונטערגעווארפענע קינד. —

ענדע דעם ערשטען טהייל

דיא ציגיינער

אדער

ראכע פון אבאנדיט

איין אינטערעסאנטער ראמאן פון פאלנישען און אמעריקאנישען
יודישען לעבען, אין פיער טהייל.

פערפאסט פון

שלום לעדערער אויס לחם.

צווייטער טהייל

פערלאג און אייגענטהום פון מרדכי קאצענעלענבאגען בוכהענדלער, ווילנא.

ווילנא
תרנ"ח.

ЦЫГАНЕ.

Романъ въ 4-хъ частяхъ. Ш. Ледерера.

Часть II.

Изд. и соб. виленскаго книгопродавца М. Каценеленбогена.

ВИЛЬНА. Тип. Вдовы и бр. Роммъ. Жмуд. пер. соб. домъ № 328.
1897.

Дозволено цензурою 8 Іюля 1897 г. Вильна.

1.

דיא ליעבע פארר.

— לעאן, — האט הדסה איהר געליעבטען געמאהל געפרעגט, אלס זייא זיינען אין עסצימעמער געזעסען אונ געפריהשטיקט — האט מען שוין געבראכט דיא פאסט? איך בין זעהר נייגעריג צוא וויסען, וואס עס הערט זיך בייא מיין שוועסטער שיינע.

— ניין, מיין טהייערע, דען ערשט צעהן אוהר ברענגט מען דיא פאסט אונ יעצט איז קוים ניין אוהר, בעזאנדערס דענק איך, דאס דיין שוועסטער איז בייז אויף דיר, דער פאר, וואס דוא ביזט אויף דער האכציים ניט געפאהרען אונ זיעט דיר געוויס שוין קיין מאל ניט שרייבען, אבוואהל זיא ווייס גאנץ גוט דאס דוא האסט זיך זעהר שוואך געפיהלט צוא אזעלכער ווייטער רייזע.

— דאס קען ניט זיין, ליעבער לעאן, דען אין מיין פאריגען בריעף האב איך איהר אללעס בעשריבען; איך גלויב, דאס זיא וועט ניט זויא שלעכט זיין אונ פערגעסען איהר אונשולדיגער שוועסטער.

— דאס וועלען מיר זעהען אין איין שטונדע ארום — האט לעאן שטיל געזאגט אונ זיין קאפפע געטרונקען — ווען היינט וועט קיין בריעף ניט זיין, זויא גלויב איך, דאס מיר וועלען פון איהר שוין ניעמאלס קיין בריעף ערהאלטען.

לעאן מיט הדסה'ן האבען נאך אציית געשפראכען, ענדליך איז אבעדינטער געקומען אונ איהם צוויא פערזיעגעלטע בריעף געגעבען.

— איין בריעף איז פון לעקין — האט לעאן מיט פרייד געזאגט — אונ דער צווייטער איז פון אונזער ליעבען זיימאנען, אלזא הדסה, וועלכען וועלען מיר לעזען?

פריהער וועלען מיר שיינעס בריף לעזען דער נאך זיימאנס, דען פון זיימאנען האבען מיר ערשט מיט איינינע טאג צוריק איין בריעף ערהאלטען, געוויס גיבט דארט קיינע בעזאנדערע נייעס.

לעאן האט דעם לעקצער בריעף גיעפענט אונ געלעזען דיא ווארטער:

„ליעבע טרייע שוועסטער!

מזיעל-טאף! (מזל טוב) מיין טהייערע איינציגע שוועסטער!

(ציינער ח״ם)

אבוואהל

אבוואהל דיר איז ניט אנגעשטאנגען צוא קומען אויף מיין איינציגער טאכטערס האכצייט, דאך שרייב איך דיר דעם בריעף אונ וויגש דיר, דאס איבער איאהר, זאל דיך גאט בעגליקען מיט אשיינעם ביינזאכער – (בן זכר).

שאדע, וואס דוא, שוועסטערקע, האסט ניט גענומען אטהייל אין אונזערע פריידען. דוא וואלסט האבען זויא פיעל פערגעניגען, וואס איך קען דיר גאר ניט פארשטעלען. איך בין דיר ניט אימשטאנד צוא בעשרייבען. וואס פאר איין האכצייט איך האב געמאכט ···· זייט לעקין איז אשטאדט, איז נאך אזא גרויסארטיגע האכצייט ניט געוועזן ···· דיא פארנעמסטע לעקצער לייטע, דיא שענסטע דאמען מיט קאוואליערען האבען אויף דער האכצייט ניט געפעהלט ···· גאנצע טאג אונ נאכט האט מען געטאנצט; אגאנצע וואך איז דיא מוזיק ניט ארויס פון מיין הויז ···· מיט אייןווארט: דיא גאנצע שטאדט פון קליין ביז גרויס ריידען נאך יעצט פון דיא זעלטענע טענץ, פון דיא רייכע בופעטען, פון דיא טהייערע געשמאקע שפייזען אונ אלע בעניידען מיין שארלאטען, וואס גאט האט איהר אזא רייכען גוטהערציגען בעשערטען צוגעשיקט ··· א הדסה! דוא האסט בעדארפט זעהען שארלאטען אין איהר ווייסען אטלעס-קלייד ···· זיא האט אויס-געזעהען וויא אוואהרע פרינצעסין ··· אונ אווגוסט האט בעשיינט דיא גאנצע זאאל ···· יעדער האט געזאגט, דאס ער זעהט גאר ניט אויס וויא איוד, נאר וויא איין עכטער פרינץ ········

איך בעדויער זעהר, וואס דוא ווערסט ניט האבען דיא געלעגענ-הייט צוא קענען מיין זעלטענעם שוויגערזאהן, דען מארגען פריה רייזען מיר אב נאך גירא ···· איך וועל דארט וויא אטרייע מוטער, מיינע קינדער איין ארדינען אונ מיט זייא איניגע וואכען פערברענגען. —

דיין טהייערען פריזענט, אויך דיא דיפעשע, האבען מיר ריכטיג צוא קאבעלעס פאנע ···· (קבלת-פנים) ערהאלטען, פאר וועלכען מיר דאנקען דיר זעהער. פערבלייבע געזונד, טהייערע שוועסטער! פון קורלאנד וועל איך דיר בעזאנדער שרייבען, געריסע הערצליך מיין ליעבען שוויגער-ברודער לעאן, וויא אויך זיין ווערטהער פאמיליע, דיין איבערגליקליכע שוועסטער, שיינע בלומענטהאל. —

P. S. מיין מארקום איז אין האנדעל, אויך שארלאטא מיט איהר ליעבען געמאהל, זיינען אין שטראסע געגאנגען, אלזא שרייב איך פאר זייא אגרוס, — דיא זעלבע; —

— עס פרייט מיך זעהר — האט הדסה מיט אביטערען שמייכעל געזאגט, אלס לעאן האט דעם בריעף איבערגעלעזען — גאט זאל

געבען, דאס דער פלוטצליכער גליק זאל זיך ניט ענדיגען מיט אדראממע ··· יעצט לעאן, וועלען מיר לעזען זימאנס בריעף — אונ לעווינשטיין האט ווייטער פאלגענדעס געלעזען:

טהייערער ברודער אונד שוועסטער!

„וויל ביא אונז אין הויז איז פארגעסטערן אנייעס פארגעקומען, אלזא וועט איהר אייך אויף מיין יעטצטיגען בריעף ניט וואונדערען וואהרענד איך האב אייך ערשט מיט איינגע טאג צוריק געשריבען. לעאן! הדסה! מיר קומט אמזל טוב ··· אונזער קארידאר האט מיר געסטערן אשיינע טאכטער געשאנקען ··· דיא נידערקונפט (געבורט) איז גאנץ לייכט צוגעגאנגען אונ ריכטיג צוועלף אוהר ביא נאכט, האט ער זיך אהן איין הייבאממע ענטבינדען ·······

„חא! חא! איך זעה, דאס איהר, מיינע טהייערע, קוקט אויף מיר מיט קאלבערנע אויגען, וויא אויף — איין וואהנזיניגען, אלזא אום איהר זאלט אייך ניט שרעקען, דאס איך בין, בעהיטע גאטט, ניט ביא מיין קלארען פערשטאנד, וועל איך אייך אללעס דייטליך בעשרייבען: געסטערן צוועלף אוהר ביא נאכט, אלס מיר זיינען שוין געשמאק געשלאפען, האט מיך מיין ליעבע מלכה אויפגעוועקט מיט דיא ווארטער, דאס איהר דאכט זיך, אז אקינד ווייגט אין קארידאר ··· איך האב פון איהר געלאכט אונ געדענקט, דאס עס האט זיך איהר אין טרום (חלום) פארגעשטעללט, נאר אין איניגע מינוטען ארום האב איך אויך דעם זעלבען קאנצערט געהערט אונ שטעללט אייך פאר וויא ערשטוינט מיר זיינען געבליעבען, אלס מיר זיינען אין קארידאר מיט ליכט געגאנגען, האבען געפונען אשיינעס רייצבארעס קינד, וועלכעס וואר איינגעוויקעלט אין איין אלטען טלית (דאס האבען געוויס דיא אונגליקליכע עלטערין געטהון, אום מיר זאלען וויסען אז דאס קינד שטאמט פון יודען ····)

איך בין אייך ניט אימשטאנד צוא שילדערען, וויא שאן, וויא קלוג, וויא רייצבאר דאס קינד איז! עס איז אמעדכען פון אונגעפעהר אכט מאנאטען אונ זעהט אויס וויא פון איין יאהר. אין דער קורצער צייט, האט עס זיך ביא אונז זויא בעליעבט געמאכט, דאס מיר רעכענען עס פאר אונזער אייגען קינד, ליידער וויל מיין גוטע מלכה עס אייך אוועק שענקען, פיליכט האט דיא פארזעהונג פאר אייך אטרייסט געפונען, ביז איהר וועט אייערע אייגענע קינדער האבען ···· נאר ווען איהר זיינט פון דעם פארשלאג אונצופריעדען, זויא שרייבט מיר גלייך, דאן וועל איך אייך מיין הערצליכען דאנק געבען. —

מעהר קיינע נייעס גיבט ביא אונז; אלע זיינען בשעפטיגט אין טורנאווקע, וויל מען האט געסטערן פערשיעדענע מאטעריאלען געבראכט, איך דייגק, דאס נאך אין איין מאנאט ארום וועלען מיר זיך מיט גליק שטעלען צוא דער ארבייט, אונ אויפבויען אשאנערען שלאס אלס פריהער. ערוואַרטע מיט אונגעדולט אייער גיכען אנטוואַרט; מיין ליעבע מלכה, וויא אויך מיין שאנע פאר גריסען אייך הערצליך. אייער טרייער ברודער״

זימאן לעווינשטיין,

— אשיינע נייעס, וויא איך בין איוד, — האט לעאן אויםגערופען — א וואס עס קען זיך היינטיגע צייטען טרעפען! איך וואלט ניעמאלס גלויבען, דאס יודישע עלטערען זאלען זויא טיראניש האנדלען ··· נאר נויט ברעכט אייזען ··· געוויס האבען זייא אנדערש ניט געקענט ··· וואס זאגסט דוא, הדסה, ווילסט דוא דאס קינד ערציהען?

— מיט דעם גרעסטען פערגעניגען — האט הדסה מיט טרעהרען געאנטוואַרטעט — איך וועל עס וויא אטרייע מוטער ערציהען, פיליייכט וועט מיר דער אללערהעכסטער צוליב דעם, אייגענע קינדער שיינקען ··· איך בעט דיך, לעאן, שרייב זימאנען, אז מען זאל אונז גלייך דאס קינד שיקען. א, אונגליקליכע אונשולדיגע וועלט! וויא דוא ביזט נאר ארוים אויף דער וועלט, האסט דוא שוין געליטען ··· גאט ווייס, צוא דוא וועסט אמאל וויסען, ווער דיינע וואהרע עלטערען זיינען ···· אונגליקליכע פאטער אונ מוטער! וועמען פון אייך זאל איך בעשולדיגען! ····

לעאן האט גלייך וועגען דעם צוא זיין עלטערין ברודער געשריבען אונ מיט אונגעדולט האבען דאס קינד ערוואַרטעט דיא ליעבע פאר. —

2.

דער קראפט פון וויין.

אין עססאדער האטעל „בערלין“ אין צוויא פראכטיגע צימערען לאזשירען, שוין איינינע טאג, פיער פארנעמע רייכע פאסאזשירען.

וויא עס שיינט. דארפען זייא מיליאנערען זיין, דען זייא לעבען זויא דיא פירסטען אונ וואו אפרייליכע פערווילונג, וואו אטהעאטער אציזק א. ד. ג. ווארען זייא דיא ערשטע.

ערשט מיט איניגע מינוטען צוריק, זיינען זיא געקומען פון טהעאטער, אלזא וועט ניט שאדען צוא הערען זייער אינטערעסאנטען געשפרעך:

— א, אווגוסט, מיין לעבען, וויא שאן וויא פראכטיג איז דיא שטאדט עססאד! — האט איונגע שאנע פרויענצימער ענטציקט אויסגערופען — וויא גלייך, וויא ריין זיינען אירע שטראססען, וויא רייך, וויא גרויסארטיג איז דער טהעאטער; וויא געזונד און זויבער זיינען אירע מענשען; מיט איין ווארט; אלעס איז דא צום בעוואונדערען. —

יא, שארלאטכען, — האט איונגער פראנט געזאגט און איהר אקוש געגעבען — עססאד איז שאן, אבער נאך שאנער און פראכטיגער איז דיא שטאדט גירא, וואו מיר וועלען מארגען אין דיזער צייט זיין....

— און מיר געפעלט פיעל שאנער דיא שטאדט וויען — האט דיא עלטערע פרויענצימער איהר מיינונג געגעבען — דיא אנטיקען, וואס דארט געפינט זיך גיבט ניט אין עססאד.... נאר גענוג, קינדער, צוא ריידען, מיר וועלען זיך בעסער אויסרוהען, דען יעצט איז שוין צוועלף אוהר ביינאכט און גאנץ פריה מוזען מיר אבפאהרען.

— פערצייהעט, מאדאם בלומענטהאל — האט זיך אבער געקליי-דעטער יונגער הערר אבגערופען, וועלכער וואר קיין אנדערער, וויא אונזער בעקאנטער, זרחקע הייבער — מיר זיינען ביא טאג גענוג געשלאפען, יעצט וועלען מיר עטוואס פערברענגען... פערגעסט ניט, ווערטהע מאדאם, דאס היינט איז מיין ליעבען אווגוסט געבורטס-טאג... און וויפיעל שאמפאנער ווערד יעדען יאהר אין דעם טאג אויסגע-טרונקען? שאדע וואס מיר זיינען יעצט אויף דער רייזע, זאנסט וואלטען מיר וויא אימער אגרויסארטיגען באל מאכען...

— זארג ניט, ברודער, — האט אווגוסט לאכענד געזאגט — איך וועל דאס מאל אויך קיין באנקראט בלייבען.... מיר וועלען יעצט מאכען אקליינעם באל....

ביא דיא ווערטער האט ער אנגעקלונגען, און אדינער איז פלוצליך אריין אין צימער.

— אויזאן! האט אווגוסט בעפאהלען — ברייננ אגוטען אבענד ברויט, שאמפאנער, פארט-וויין, פאנש, נאר שנעל, עס זאל לאנג ניט דויערען!....

דער דינער האט זיך פערנייגט און צייט איניגע מינוטען וואר געגרייט אגרויסארטיגער טיש מיט פערשיעדענע געשמאקע שפייזען, אויך פיעל פלאשער וויין.

אונזערע בעקאנטע פאסאזשירען האבען מיט אפעטיט געגעסען און פערגעניגט געשפראכען; הערר הייבער האט אנגעגאסען פיער גרויסע טהע-גלאזער וויין און פריילוך געשריען:

— עס לעבע דער קעניג פון באל; מיין געשאצטער אווגוסט! עס לעבע זיין ליעבע יונגע פרויא, שארלאטא, מיט זיין טרייער שוויגער מוטטער! פאר אייער געזונדהייט!...

ביי דיא ווערטער האט ער אין איין אטהעם זיין גלאז וויין אריין געצויגען. —

ביידע עדעלע פרויען, אויך אווגוסט האבען זייערע גלאזער לעער געמאכט, וועלכע זרחקע האט באלד מיט וויין פערפילט און צוייט איין האלבע שטונדע ווארען אלע פלעשער גאנץ לעער...

— אייוואן! — האט זרחקע מיט איין בעזויפטער שטימע געשריען — ברענג נאך זעכס פלאשער וויין, נאר שטארקען!.. הערסט?

דער בעדיענטער האט גלייך זיין ביטע ערפילט און באלד זעכס פרישע פלאשער וויין געבראכט, וועלכע האבען געהאט דיא זעלבע ענדע וויא דיא ערשטע....

מאדאם בלוממענטהאל איז געווארען פרעהליך... איהרע וואנגען האבען וויא פייער געפלאמט, איהרע אייגעליך ווארען מיט וויין פערגאסען... זיא האט געהאלטען אין איין לאכען און זיך הערצליך געקושט מיט הערר הייבער... איהר טאכטעריל שארלאטא, ביי וועלכער דאס געזיכט וואר רויט געפלעקט, האט אויך ניט געשוויגען און מיט איין הייזעריגער שטימע האט זיא שאנע ליעדער געזונגען... אויך אווגוסטען הערצליך געקושט....

— בראווא! — האט זרחקע אין איין שטימע געשריען — בראווא שארלאטא! בראוואווא, מאדאם בלוממענטהאל! איהר קענט טרינקען וויא... וויא עכטע אריסטאקראטישע פרויען! וויוואט! וויוואטטט!!!

ביידע בערוישטע פרויען האבען זרחקעס ווערטער ניט געהערט... זייערע געזיכטער זיינען שרעקליך בלאס געווארען און צוריק געגעבען וואס זייא האבען געטרונקען....

מוטער און טאכטער האבען איינעגע אונפערשטאנדליכע ווערטער גערעדט... באלד זיינען זייא פעסט אנגעשלאפען געווארען און שטארק האט געווירקט דער קראפט פון וויין....

3.

אין דער מוטער הוהס קליידער.

— אותוסט, מיר איז ניט גוט! — האט שארלאטא ליעגענדיג אין בעט געקרעכצט אלס זיא האט זיך אין דער פריה פון איהר שטארקען שלאף ערוואכט — גיב מיר אגלאז קאלטע וואסער... עס ברענט מיר אויף דעם הערצען... עס ברעכט מיר יעדעס גליעד... דער קאפ דרעהט זיך מיר שרעקליך... א, איך האלט עס ניט אויס!...

— וועק איהם ניט, שארלאטע — האט שיינע שטיל געזאגט אונ זיך קוים פון איהר בעט אויפגעהויבען... — איך וועל געהן עפענען דיא לאדען, דען איך זעה ניט וואו דאס וואסער שטעהט...

ביא דיא ווארטער האט זיא דיא איגעוועניגסטע לאדען גיעפענט...

— שארררלאטטטא!... — האט שיינע געשטאמעלט, אלס עס איז ליכטיג געווארען אין צימער... — אווגוסט מיט ווילהעלמען זייגען אוועק... דיא טהיר איז אפען... איך זעה ניט אונזערע זאכען... אונזער שמוק... (צירונג) ביידע צימערען זייגען לער... מיר זייגען אין איין העמד געבליעבען... גאט וויס, פיליכט זייגען זייא אין שטראסע געגאנגען אונ אדיב (אגנב) האט דאס אלעס צוגענומען... איך וועל רופען דעם בעדינטען.

— איוואן! איוואן! האט שיינע פערצווייפעלט געשריען אונ אנגעקלונגען — באלד איז אפערשלאפענער דיענער אריין אונ געבליעבען שטעהן לעבען טהיר.

— זייגען דיא הערר'ן שוין לאנג אוועק געגאנגען? האסט דוא ניט בעמערקט אפרעמדען מענשען נעהמענדיג אונזערע זאכען?

דער ערשראקענער דיענער האט איין אידיאטישען בליק אויף ביידע פערצווייפעלטע פרויען געווארפען אונ שטיל געזאגט:

— דרייא אוהר ביא נאכט, האבען מיך דיא הערר'ן נאך איין עקיפאזש געשיקט אונ זייגען מיט דיא זאכען צום באנהויף (וואקזאל) געפאהרען .... זייא האבען מיר בעפוילען, איך זאל אייך ניט וועקען, ביז זייא וועלען נאך אייך צוריק קומען מעהר קען איך אייך ניט זאגען, דען איך בין ביז יעצט געשלאפען ....

— מיר איז ניט גוט! — האט שיינע גיאמערט אונ לייכענבלאס געווארען — מיר זייגען פערלארען! מיר זייגען אונגליקליך! ....

— מוטער! — האט דיא נאקעטע פערצווייפעלטע שארלאטא אויס-

גערופען — שרעק זיך ניט .... בערוהיג זיך .... זייא וועלען געוויס באלד קומען, דען וויא קענען זייא אהן אונז פאהרען ? ....

— איוואן ! האט שיינע ניט מיט איהר שטים געשריען — אויף גיך צום באנהויף, פיליכט וועסט דוא דארט טרעפען דיא הערען ....

זאג זייא דאס מיר זיינען זעהר אונרוהיג אונ זייא זאלען גלייך דיא מינוט קומען ... שנעל צום גירער באנהויף ! ווען דוא וועסט זייא דארט ניט געפינען, זיא געה אין אלע שטראסען, אין אלע האנדלען אונ קום גלייך מיט זייא .... וועסט קריגען אויף ביער, שנעל !

— טאכטער ! — האט שיינע ציטערענדיג שטיל געזאגט אלס דער דיענער איז אוועק — דיא געשיכטע מיט דיא זאכען איז ניט גלאט ... גאט ווייסט וואס דיא ענדע וועט זיין .... איך דענק, אז אווגוסט מיט זיין קוזין .... א, איך קען עס פאר מיין מויל ניט ברענגען ....

— וואס דענקסט דוא ? — האט שארלאטא געפרעגט אונ איהר קערפער האט שרעקליך געציטערט — גלויבסט דוא, דאס זייא זיינען אוועק געפאהרען אהן אונז ? ניין, דאס איז אונמעגליך .... וועסט זעהען, אז זייא וועלען באלד קומען .... געוויס מוז דויערען דאס עקספעדירען דיא זאכען ....

— ניין טאכטערקע, — האט שיינע ברעכענדיג דיא האנד געזאגט — דוא וועסט מיר ניט איין רעדין .... ווען אווגוסט זאל זאגאר וויא לאנג זיין פערנומען מיט דער עקספעדיציאן, וואלט ער דאך אמווייניגסטענס אונזערע טאגליכע קליידער ניט מיט גענומען .... מיר זיינען דאך יעצט געבליעבען וויא גאט האט אונז בעשאפען .... וואס טהוט מען ? וואס טהוט מען ? ....

שיינע מיט שארלאטען האבען גענוג צייט צווישען זיך גערעדט .... זייערע הערצער האבען מאכטיג געקלאפט : מיט דעם גרעסטען אונגעדולד האבען זייא דעם דיענער ערווארטעט וועלכער איז ענדליך געקומען, מיט דער נאכריכט, דאס ער וואר אויף דעם באנהויף, אויך אין אלע האנדלען, ליידער האט קיינער אזעלכע הערען מיט זאכען ניט געזעהן .... אויך דער פוהרמאן, מיט וועלכען זייא זיינען צום באהן געפאהרען, איז איהם גאנץ אונבעקאנט ....

שיינע מיט שארלאטע זיינען אין אונמאכט געפאלען ; באלד איז פאליציע געקומען, מע האט געזוכט אין אלע וואקזאלען אין אלע האטעלען, ליידער זיינען דיא באנדיטען וויא אין וואסער אריין אונ איבערגעלאסט דיא פרויען אין דער מוטער חוה'ס קליידער .... —

ציינער ש״ר)

4.

באנקראטירט.

— וואס קען דאס זיין? — האט מרדכי בלוממענטהאל זיך זעלבסט געפרעגט — ווארום האב איך פון שיינען קיין בריעף? נאך מיין רעכענונג דארפען זייא שוין זיין אין גירא אונ ווארום שרייבען זייא ניט? א, גאטט! מיין הערץ זאגט מיר, דאס איין אונגליק איז דארט געשעהען....

מרדכי האט מעהר ניט גערעדט, דען זיין דיענסטמעדכען איז אריין אין צימער אונ האט איהם אבריעף דערלאנגט.

קוים האט מרדכי אייניגע ווערטער געלעזען, איז ער שרעקליך בלאס געווארען אונ זיך פאר׳ן קאפ געהאפט:

— מארגען, שרייבט מען מיר, דארף איך אין קייזערליכען באנק דרייא טויזענד רובעל צוא צאהלען.... ווען האב איך דארט דרייא טויזענד רובעל גענומען? דאכט זיך, אויסער דיא צעהן טויזענד רובעל, וועלכע איך דארף אין צווייא וואכען ארום צאהלען, האב איך קיין איין קאפיקע גענומען אונ וואס זאלען בעדייטען דיא דרייא טויזענד רובעל?

גיין, ניט אנדערש דיא באנק האט איין אירטהום (טעות) געהאט איך וועל גלייך אהין גיין אונ זייא איבערצייגען, דאס זייא האבען איין פעהלער געמאכט.... אנדערש קען ניט זיין!

מרדכי האט זיין פעלץ (פוטער) אנגעצויגען אונ איז שנעל אין באנק געגאנגען. —

— הערר קאסיר! — האט בלוממענטהאל דעם קאסיר געפרעגט, אלס ער איז אין באנק געקומען — וואס פאר אדרייא טויזענד רובעל שרייבט איהר מיר, איך זאל מארגען צאהלען? ווייסט איהר דען ניט, דאס אויסער דעם וועכסעל פון צעהן טויזענד רובעל, וועלכער איז צאהלבאר ערשט אין צווייא וואכען ארום, בין איך קיין קאפיקע שולדיג? ניט אנדערש, דאס איהר, הערר קאסיר, האט איין אירטהום געהאט. —

— ענטשולדיגען זייא הערר בלוממענטהאל, — האט דער קאסיר העפליך געזאגט — עס איז קיין אירטהום, דען פאריגע וואכע האט אייער ווערטהע פרויא אויף איהרען אנווייזונג № 16, דרייא טויזענד רובעל גענומען, ווארשיינליך האבען זייא פערגעסען —

— דרייא טויזענד רובעל? — האט מרדכי ערשראקען געפרעגט —

עס קען ניט זיין, איך האבע מיינע פרויא קיינע אנווייזונגען געגעבען און מיין פרויא האט היער קיין געלד גענומען ....

— לעזען זייא, הערר בלוממענטהאל, דעם אנווייזונג — האט דער קאסיר שוין עטוואס בייז געזאגט — וועט איהר זיך איבערצייגען ווער עס האט רעכט.

מיט ציטערענדע האנד האט מרדכי דעם אנווייזונג גענומען און בעטראכט זיין אונטערשריפט.

— איהר האט רעכט, הערר קאסיר, — האט ער געשטאמעלט — לייַדער קען איך דיא סומע ניט צאהלען, דען דער אונטערשריפט איז ניט מיין ....

— אלזא, ווען זיא פערלאנגען, זויא ווערדען וויר געצווינגען זיין איהר פרויא איין קרימינעלישען פראצעס צוא מאכען וועלכער ווירד איהנען קיינע עהרע געבען ....

— קענען זייא מיר פערלייַנגערען איינינע טאג? — האט מרדכי מיט טרעהרען געפרעגט — איך האבע זיך אויף דעם ניט גערעכנט, זעלבסטפערשטאנדליך, דאס איך האב דיא סומע ניט צוגעגרייט.

— לייַדער איז עס אונמעגליך — האט דער קאסיר מיט איין מיטלייַדענדען טאן געזאגט — איך דענק, דאס הערר'ן בלוממענטהאל, וועט דאך ניט שווער זיין זויא איינע קלייַנע סומע פונקטליך צוא צאהלען ....

— אלזא, אדיע! — האט מרדכי מיט אבעקלעמטעס הערץ געזאגט און איז נידערגעשלאגען אהיים געגאנגען.

— פלוך אויף דיר שלעכטע נידערטראכטיגע פרויא! — האט מרדכי פערצווייפעלט געשריען אלס ער איז אין זיין צימער געקומען — פלוך אויף דיר אונווירדיגע פערדארבענע טאכטער! דאס אונגליק זאל אייך טרעפען וואו איהר וועט אייך קערען און ווענדען! איהר זאלט ניט דער לעבען ....

מרדכי האט ניט געענדיגט זיינע ווארטער דען דיא טהיר האט זיך געעפענט און דער בריעף-טראגער האט איהם א דעפעשע איבערגעגעבען.

— א טעלעגראמע פון עססאד? — האט מרדכי ערשטוינט געזאגט — וויא קומען זייא אהין? ניט אנדערש זייא הילטייען .... פערשווענדערען מיין געלד .... פערדאמט! זאגענדיג דיא ווארטער, האט ער דיא דעפעשע אויף דער ערד געשלייַדערט.

— א, אויסוואורפען! פערשווענדערס! וואס האט איהר געוואלט פון מיר? ווארום האט איהר מיך אונגליקליך געמאכט? נאר איהר

האט מיין לעבען, מיין עהרע גערויבט! א, גאט! שיק מיר דיין ראטה אונ הילפע, זאנסט בין איך פערלארען! ....

— אבער וואו נעהמט מען מארגען דיא סומע? — האט מרדכי וויא א קליין קינד געיאמערט אונ זיינע האר פון קאפ געריסען. דען פריצענטניק וועט שוין מעהר ניט געבען .... אנמילות חסד איז שווער צו קריגען, וויל מען האט שוין אייניגע מאל קיין ווארט געהאלטען .... יעדער ווייס מיין לאגע .... מען ווייס, אז איך האלט שלעכט .... זיינען דען אלע בלינד? זעהט מען דען ניט, אז איך זיטץ אויס דיא טאג אהן איין רובעל לייזונג? פערשטעהט דען ניט יעדער, אז מיין גוטע פרויא קען פערשווענדען מיליאנען? שלעכט, ביטער וויא דער טויט! פערשפיעלט האב איך מיין עהרע, מיין נאמען, מיין לעבען, אויס קויפמאן! אויס געשעפט, וועלכען מיינע זעליגע עלטערין האבען מעהר וויא פופציג יאהר עהרליך בעארבייט! געבליבען בין איך אבאנקראט, אבעטלער, אנעלדהאפער מיט דער טארבע אין דיא הייזער! ....

מיט ביידע פויסטען האט דער אונגליקליכער זיך אין קאפ געשלאגען אונ שרעקליך געיאמערט, דיא קוואלען טרעהרען האבען מרדכי'ן עטוואס בערוהיגט אונ מיט איין פערשטיקטער שטימע האט ער ווייטער געפרעגט:

— וואס טוהט מען יעצט? וועמען פרעגט מען אראטה? עלינד בין איך וויא אשטיין; עס איז מיר אשאנדע פאר מענשען .... איך קען קיינעם מיין אונגליק ערצעהלען .... איך מוז דריקען אין זיך .... אבער וויא לאנג קען עס דויערען? וויא לאנג קען איך זיך ראנגלען מיט דעם טויט? וועט דען מארגען יעדער ניט וויסען? א, איך וועל דיא שאנדע ניט אריבערטראגען! אבער גיבט שוין ווירקליך צוא מיין אונגליק קיין ראטה? יא קיין אנדערע ראטה האב איך ניט .... איך וועל דעפעשירען, זייא זאלען גלייך קומען, דאן וועט מיר אווגוסט דעם נדן לייהען, אונ איך בין גערעטעט!

יא, אזויא מוז עס בלייבען .... איך וועל זעהען, וואס זייא שרייבען אין דער דעפעשע ....

מרדכי האט דיא טעלעגראמע פון דער ערד אויפגעהויבען, אין וועלכער ער האט קראמפפענהאפט געלעזען דיא ווארטער:

„הערר'ן בלוממענטהאל!

„צוויא באנדיטען האבען אייער פרויא אונד טאכטער שענדליך בעטראגען: זייערע זאכען אונ געלד האבען זייא גערויבט. קומט שנעל. דען זייא נייטהיגען זיך אין אייער הילפע“. —

„עססאדער פריסטאוו סווינארסקי“. —

אשמערצליכער געשרייא האט זיך פלוטצלינג פון דעם אונגליקליכענס הערץ ארויסגעריסען אונ מיט דער דעפעשע אין האנד איז ער וויא אשטיין אויף דער דיעלע (פאדלאגע) געפאלען ....

אויף דעם צווייטען טאג האט גאנץ לעקין מיט דעם נייעם געקלונגען: מרדכי בלוממענטהאל האט באנקראטירט. יעדער איינער האט געוואוסט פון דער דעפעשע; טהייל האבען ערצאהלט, דאס בלוממענטהל׳ס שוויגערזאהן מיט זיין קוזין זיינען איינפאכע רויבער אונ האבען אין עססאד שיינע׳ן מיט שארלאטע׳ן ערמארדעט; טהייל האבען בעהויפטעט, דאס אין אלעם איז מרדכי שולדיג, דען ער האט אשוואכען כאראקטער אונ שלעכט געפיהרט.... א. ז. וו. ....

דיא רייכסבאנק האט מרדכי׳ס האנדעל פערזיעגעלט אונ איהם אלס באנקראט ערקלערט; איבעראל האט מען ערצאהלט, דאס מרדכי בלוממענטהאל איז געפאהרליך קראנק; טהייל האבען דעם עהרליכען קויפמאן בעדויערט אונ טהייל האבען זיך געפרייט, וואס מרדכי האט באנקראטירט. — — —

5.

אין גאסט הויז.

— ווערטהע דאמען! — איך בעט אייך איהר זאלט גלייך מיין האטעל פערלאססען! — האט אויף שיינע׳ן אונ שארלאטען געשריען דער ווירטה פון האטעל „בערלין“ — וואס נאך פערלאנגט איהר פון מיר? קארג האט איהר זיך אנגעפרעסען אונ אנגעטרונקען אהן געלד? פערגעסט ניט, מיר קומט פון אייך איבער צווייא הונדערט רובעל, וועלכע איך שיינק אייך, נאר מיט דער בעדינגונג איהר זאלט אייך זוכען איין אנדערען האטעל! ....

— איהר האט פאלקאמען רעכט, מיין גוטער הערר, האט שיינע מיט טרעהרען געזאגט — אבער וויא קענען מיר אזויא ארויס גיין אויף דער שטראססע? איהר זעהט דאך, דאס מיר זיינען אין דיא איינציגע העמדער געבליעבען .... א, דיא שארלאטאנעס, דיא מערדער! גאטט זאל זייא צאהלען, וויא זייא האבען געגען אונז געהאנדעלט! ....

— פערדאמט! — האט דער ווירטה וויטהענד אויסגעשריען אונ דאס בלוט איז איהם אין געזיכט געקומען — וואס נאך ווילט איהר פון מיר? קליידער זאל איך אייך געבען? חא! חא! חא! עס איז גענוג לאבערליך .... ווילט איהר, איך זאל אייך צוא דיא טהייערע

שפייזען אונ געטראנקען צוצאהלען? ליידער האב איך קיין האנדעל פון קליידער, אונ ווען איהר האט געהאט אויפטראגען מיט אזעלכע באנדיטען, זיינט איהר געוויס ניט פיינער פון זייא....

— האט מיטלייד, גוטער העדר! — האבען ביידע אונגליקליכע געיאמערט — וויא קענען מיר ווינטער אין אזא לאגע ארויסגעהן? ערבארעמט אייך אויף אונז! ערלויבט אונז ביז מארגען אין אייער האטעל צופערבלייבען, פיליייכט וועט קומען אנטווארט אויף אונזער דעפעשע, דאן וועלען מיר אייך פאר אלעס בעצאהלען....

— שוין פינף טאג, אז איהר האט טעלעגראפירט אונ עס גיבט קיין אנטווארט — האט דער ווירטה ערווידערט — ווארשיינליך וועט איהר גיעמאלס געלד ערהאלטען.... איך צווייפעל אין אייערע ווארטער.... מעהר קען איך ניט ווארטען.... איך קען אייך טהון דיא גיפעליגקייט אונ אייך מיין פרוי׳ס צוויא אלטע קליידער שענקען אונ געהט אייך אין גאטעס נאמען. — מיין ראטה איז איהר זאלט געהן אין „הכנסת אורחים“, פילייכט וועט מען אייך דארט שטיטצען מיט רייזע קאסטען. —

דער ווירטה איז ארויס פון צימער אונ אין איינינע מינוטען ארום איז ער צוריק געקומען מיט צווייא צעריסענע העלע באל-קליידער....

— הייער האבען זייא דיא קליידער — האט ער מיט איין בעפאהלענדע שטימע געזאגט — ציהט זיך אן אונ קומט מיט מיר אין הכנסת אורחים, דען איהר וועט זעלבסט אהין ניט טרעפען. —

מיט זיפטצען אונ קרעכצען האבען שיינע מיט שארלאטען דיא לאבערדיגע קליידער אנגעצויגען.... צום אונגליק וואר איינע פון זייא ענג אונ קורץ, אונ דיא צווייטע לאנג אונ ברייט, אונווילענדיג האט שארלאטא אבליק געטהון אין שפיעגעל אונ עס איז איהר פינסטער געווארען אין דיא אויגען....

— מוטער! — האט דיא אונגליקליכע מיט אבעקלעמטעס הערץ געזאגט, וואהרענד פון איהרע אויגען האבען זיך גאנצע קוואלען טרעהרען געגאסען — איך וועל זיך דאס לעבען נעהמען.... וויא געהט מען יעצט אין אזא שרעקליכען וועטער אין אזעלכע קליידער? מען וועט דאך אונז נאך לויפען וויא וואהנזיניגע.... ניין, איך וועל שטארבען! איך וועל דיא שאנדע ניט אריבערטראגען!....

— פערפלוכטע! — האט דער אויפגערעגטער ווירטה געדאנערט — ווילט איהר נייע קליידער? אונדאנקבארע! פארט פון הייער נידער-טראכטיגע שלעכטע פרויען! זאנסט וועט אייך מיין דיענער פון אלע שטיגען אראפ שליידערען! מארש! איך וויל אייך דא מעהר ניט זעהען!

מוטער אונ טאכטער זיינען ערציטערט געווארען פון דעם ווירטהס שטרענגע ווארטער אונ האבען גלייך דאס צימער פערלאסען.......

אויף דעם צווייטען טאג האט דיא עססאדער שטאדטס-צייטונג דיא נייעס געשריבען: „צוויא געפאהרליכע באנדיטען, האבען צוויא פאלנישע פרויען, אמוטער מיט אטאכטער, אין האטעל „בערלין“ בערויבט אונ שאנדליך בעטראגען, זייער געלד, זייערע קליידער האבען דיא באנדיטען צוגענומען אונ דיא אונגליקליכע זיינען אין דיא איינציגע העמדער געבליעבען.... איינער פון דיא באנדיטען האט אין לעקין מיט דער פרוי׳ס טאכטער געהייראט אונ דער צווייטער האט זיך פאר דעם שאנעם געמאהלס קוזין פארגעשטעלט....

דיא אונגליקליכע פרויען זיינען האלבנאקעט אין יודישען „הכנסת אורחים“ געגאנגען אונ געבעטען הילפע, וואו מען האט זייא גענצליך ענטזאגט.

מוטער אונ טאכטער האבען דעם קלאפ ניט געקענט אריבער-טראגען: דיא ערשטע איז געפאהרליך קראנק געווארען אונ מען האט איהר אין האספיטאל גענומען, דיא צווייטע איז פערשוואונדען, געוויס איז זיא זעלבסט מארד בעגאנגען“. —

6.

דיא טרייע שוועסטער.

— וואס האסט דוא דיך, מיין ליעבער לעאן, זויא פערטראכט ביים היינטיגער פאסט? — האט הדסה איהר געמאהל געפרעגט — דוא שיינסט מיר זעהר אונרוהיג צוא זיין.... איך לעז אין דיין בלאסעם געזיכט, דאס איין נייער אונגליק האט איינעם פון אונזער פאמיליע געטראפען.... צייג מיר, לעאן, דיא בריעף, דען איך פערליר מיין געדולד.... איין פארגעפיהל בעקלעמט מיין הערץ.... א! גאט ווייס וואס פאר איין אונגליק עס האט ווייטער פאסירט!....

בערוהיג זיך, מיין לעבען, קיין שלעכטעס האט געטראפען, נאר דיא בריפע קען איך דיר ניט צייגען, דען עס איז איין געהיימניס....

— א, גאט! — האט הדסה פערצווייפעלט אויסגערופען — דוא ווערסט מיר ניט איין ריידען, ליעבער לעאן, אימער האסט דוא פאר דיין פרויא קיינע געהיימניסע געהאט אונ וואס איז היינט ביי דיר פאר אנייעס געווארען?

— עס גיבט אזעלכע געגענשטאנדען, וועלכע מען ברויכט איין איינעגער פרויא ניט ערצאהלען.... — האט לעאן פערווירט געאנטווארטעט.

— אום גאטעס ווילען, לעאן, גיב מיר דיא בריפע, דען איך וועל אין אונמאכט פאלען!

— ווען דוא, מיין טהייערע, פערלאנגסט עס דורכאויס — האט לעאן ענטשלאסען געזאגט — וועל איך דיר דיא צווייא בריף פארלעזען, נאר שרעק זיך ניט, דען מיר האבען נאך פריהער געוואוסט, דאס פון דיין לייכטזיניגער שוועסטערס פיהרונג וועט קיין גוטעס ארויסקומען .... הער, הדסה, וואס דער אונגליקער מרדכי שרייבט אונ לעאן האט געלעזען דיא ווערטער:

„ליעבער שוויגערברודער עט שוויגערשוועסטער!

„פון אין געוויסער שרעקליכער נאכריכט, בין איך איינינע טאג בעוואוסטלאז געלעגען אונ ערשט היינט אלס איך בין צוריק צוא מיין פערשטאנד געקומען, שרייב איך דעם טרויעריגען בריעף, וועלכער וועט אייך געוויס קיינע פערגעניגען פערשאפען. — א, מיינע טהייערע! איך בעדויער זעהר, וואס איך בין לעבען געבליעבען .... פיעל בעסער וואלט פאר מיר זיין דער גרויזאמער טויט .... מיין עהרע, מיין נאמען, מיין געלד, האב איך פערלארען, צוזאמען מיט מיין לייכטזיניגער פרויא אונ טאכטער, פון וועלכע עס שטאמט מיין אונגליק .... יא, מיינע איינציגע פריינד! אייער מרדכי איז שוין ניט מעהר קיין רעדליכער קויפמאן .... זיין נאמען איז יעטצט: „באנקראט“ „געלד-פערהאפער“ א. ז. וו.

מיין הויז, מיין האנדעל, וועלכען מיינע זעליגע עלטערען האבען יאהרען לאנג, עהרליך געפיהרט, געהער שוין ניט צוא מיר .... איך האבע יעצט קיין ארט וואו דעם קאפ אנידערצולייגען; גלייך בין איך צוא אטויטען פערדארבענעם מענשען, וועלכער איז געשטארבען אהן איין נאמען אונ קיינער בעדויערט זיין טויט .... עס איז מיר אשאנדע מיינע אויגען אויף צוא הויבען, דען מיין אייגענע שלעכטע פרויא, האט מיך אונ זיך ערמארדעט וויא איהר וועט לעזען פון דער דעפעשע, וועלכער איך לייג היער בייא. — איהר שאנער אויסגעוויילטער שוויגערזאהן (איידעם), וועלכען זיא האט מיינע לעטצטע אכט טויזענד רובעל אוועק געגעבען, דער באנדיט, דער שורקע, וועלכען איך האבע וויא דעם טויט געהאסט, האט מיין נארישער פרויא אונ טאכטער אין עססאד בערויבט אונ זייא אין איין העמד איבערגעלאזט .... וויפיעל איך האב זיך בייא איהר צובעטען, שיינעלע, האב מיטלייד, איך וויל פאהרען נאך גירא, אום צוא ערפאהרען ווער ער איז אונ וואס ער איז, דען ער איז מיר באלד ניט גע־פעלען, אבער זיא האט פון קיין זאך ניט געוואלט וויסען, זאנאר

איהר איינעגעם אנקעל וועלכער האט איהר וויא איין טרייער פאטער ערצויגען, האט זיא ניט געוואלט פרעגען .... איהר איז געפעלען זיינע פאנסנע, זיינע דייטשישע פראזען, זיין ראזירטע שוויינישע מארדע .... אונ עס געמאכט קורץ אונ שארף .... צוא בעטעלברויט, צוא שאנדע אונ שפאט האט מיך דיא אשה רעה געבראכט .... זיא האט אונז אלע לעבעדיג בעגראבען אונ איך וועל דעם קלאפ געוויס ניט אריבערטראגען. —

וואס היינט פון זייא איז דארט געווארען, ווייס איך ניט, בעסער געזאגט: איך וויל ניט וויסען, דען זייא האבען דיא שטראפע עהרליך פערדיענט אונ איך קען זייא יעטצט גאר ניט העלפען.

מיין וואוהנונג איז יעצט אונטערען שטאדט, ווייט פון מענשען, ווייט פון מיינע פריינד אונ בעקאנטע, וועלכע איך קען אין דיא אויגען ניט קוקען .... איך דענק גיך רוסלאנד צוא פערלאסען .... איך וועל זיך ניט ערנידעריגען צוא בעטען שטיטצע .... קיינער קען מיר ניט העלפען, דען אטויטען קען מען ניט לעבעדיג מאכען .... אבגעשטארבען איז אייער אונגליקליכער שוויגערברודער, וועלכער שרייבט דעם בריעף מיט בלוט פון זיינעם הערצען, מרדכי בלוממענטהאל. — לעקין דען 1-טען יאנואר .. 188 יאהר".

— אונגליקליכער עהרליכער מרדכי! — האט הדסה געריהרט גע= זאגט, וואהרענד איהרע אויגען זיינען פול געווארען מיט טרהרען — יא, דיין אונגליק איז זעהר גרויס! אלעס שטאמט פון מיין לייכטזיניגער שוועסטער! אבער אום גאטעס ווילען, מיר מוזען זייא רעטען! מיר מוזען געפינען אראטה! וויא זאגסט דוא, לעאן, וואס הייבט מען אן פריהער צוא טהון?

— מיין ראטה איז — האט לעאן נאכדענקענד געזאגט — איך זאל היינט פאהרען נאך לעקין אונ פון דארט וועל איך מיט מרדכי'ן רייזען נאך עססאד, וועיל גאט ווייס, וואס פון דיא אונגליקליכע פרויען איז דארט געווארען ....

— איך דאנק דיר גוטער לעאן, — האט הדסה מיט טרעהרען געזאגט, נאר זאג מיר פון וועמען איז דער צווייטער בריעף?

— גלייך, מיין לעבען, וועל איך דיר איהם פארלעזען, אונ לעאן האט געלעזען פאלגענדעס:

„ליעבע קינדער"!

„זעהר אטרויעריגע נאכריכט האב איך פון אונזער לייכטזיניגער שוועגן געהערט. דער עהרליכער מרדכי איז צוליב איהר איין באנקראט געווארען, זיא האט זלאטקען פערהייראט מיט איין געמיינעם שורקע, וועלכער

וועלכער האט זיא אין עססאד שאנדליך בעטראגען. זיא האט בייא קיינעם געפרעגט, זאגאר אויף דער האכצייט בין איך ניט געווען, געסטערען האב איך צוא מיינעם אבעקאנטען וועלכער וואוינט אין עססאד, דעפעשירט ער זאל מיר בענאכריכטען, וואס פון שיינען אונ זלאטען איז געווארען, אונ גלייך האב איך פון איהם איין אנטווארט ערהאלטען, דאס שיינע געפינט זיך אין עססאדער האספיטאל, וואו זיא ליעגט געפאהרליך קראנק, אונ זלאטע איז פערשוואונדען. — לויט וויא דיא דארטיגע ציימונג בעהויפטעט, האט זיך דיא אונגליקליכע דאס לעבען גענומען. איך קען אייך מיינע ליעבע, פיעל ניט שרייבען, דען באלד רייז איך אב נאך עססאד, אונ דיך, לעאן, בעט איך, זאלסט גלייך פאהרען צוא מרדכין, פיליכט וועסט דוא געפינען אמיטעל איהם צוא רעטען, דאס ער זאל קענען וויטער קויפמאן בלייבען. האפפע, איהר וועט ניט ענטזאגען דיא ביטע פון אייער טרייען אנקעל אונ טאנטע וועלכע גריסען אייך הערצליך.

אברהם ראזענבלאטט". —

— שרעקליך! — האט הדסה אויסגעשריען אונ פיבערליך געציטערט — וועה, לעאן, פערליר קיין צייט אונ מיט דער פאסט פאהר גלייך נאך לעקין, פיליכט וועט נאך צייט זיין צוא רעטען דעם אונגליקליכען, מרדכי; זאל ער אהער קומען אונ זיין בייא אונז זויא לאנג, ביז מען וועט דיא שולדען רעגולירען .... דוא קענסט פון לעקין נאך עססאד פאהרען, ווען דוא וועסט עס פיר נייטהיג געפינען.

באלד האט הדסה דיא בעדיענטע בעפוילען, זייא זאלען איינפאקען דעם ווירטהס זאכען, אונ ווען אלעס וואר אין ארדענונג, איז לעאן מיט פאסט-פערד צום ערשטען באנהויף געפאהרען.

אגאנצען טאג, נאך לעאנ'ס אבריזע וואר הדסה פערזאמערט, פערקלאגט, דיא גוטע פרויא האט זיך קיין ארט געפונען אונ פיל טרעהרען האט פערגאסען דיא טרייע שוועסטער. — —

7.

דער געפאלענער קויפמאן.

וויא אונגליקליך פיהלט זיך דער מענש, וועלכער האט אגרויסע ראלע געשפיעלט, וועלכען אלע האבען געשאטצט אונ געעהרט, זיין גוטער נאמען האט איבעראל געקלונגען, זיין געשעפט האט געגלאנצט, יעדער האט איהם קרעדיט געגעבען אונ פלוטצלונג האט איהם דאס

שיקזאל פון הימעל צוא דער ערד געשלידערט: זיין נאמען, זיין עהרע, זיין רעדליכען האנדעל, וויא אויך זיינע פריינד האט ער פערלארען, דען ווען דער וואגען פאלט זיינען דיא ראדער צוא שווער, אונ ווען אמענש פאלט האט ער קיין פריינד מעהר" זאגט דיא שפריכווארט. אלע פעראכטען אונ פערהאסען דעם אונגליקליכען ....

דעם געפאלענעם פריינד, פערוואנדלען זיך אין פיינד, יעדער פעראורטהיילט דעם אונגליקליכען פון דער שלעכטער זייט .... טהייל בעהויפטען, דאס ער האט שלעכט אונ נאכלעסיג זיין געשעפט בעארבייט; אנדערע זאגען, דאס ער האט זיך צוא בריים געפיהרט א. ז. וו.

מיט איין ווארט: דיא גאנצע וועלט איז בייז אויף דעם לײדענדען אונ אזעלכען איז שוין ניט צום בענײדען. —

אזא אונגליקליכער וואר אויך אונזער ארדענטליכער מרדכי בלומענטהאל: זיין האנדעל, זיין הויז, האבען דיא בעלי חובות פערקויפט; קיין געלד האט זיך איהם ניט אבגעשטעלט, וויא דיא מאדע איז בייא אנדערע באנקראטען, וועלכען עקספלוטירען זיך מיט דעם צווייטענס געלד אונ נאך זייער באנקראטירען ווערען זייא רייכער וויא פריהער ....

דער עהרליכער מרדכי איז איינגע טאג נאך זיין באנקראטירען בעוואוסטלאז געלעגען אונ ווען ער איז צוריק צוא זיין פערשטאנד געקומען, האט ער זיך געדונגען אוואוינונג אונטערין שטאדט, אום ער זאל זיך ניט בעגעגענען מיט זיינע געוועזענע פריינד, מיט בעקאנטע מענשען, וועלכע ער קען אין דיא אויגען ניט קוקען ....

דער אונגליקליכער האט ניט געקענט זיין קאפ אויפהייבען: איהם האט זיך פארגעשטעלט, דאס דיא גאנצע וועלט לאכט פון איהם, דאס זאגאר דער הימעל, דיא זאננע, דיא שטערען, פרעהען זיך אויף זיין אונגליק אונ גאנצע טאג איז ער ניט ארויס פון זיין ארימען ענגען צימער, וואו ער האט פערבראכט אין יאמער אונ טרויער.

זיין גאנצע טרייסט וואר זיין פיערטאהריגער זאהן, שלמהלע; מיט איהם האט ער פערבראכט; פאר דעם אונשולדיגען קינד האט ער זיין ביטער הערץ אויסגעגאסען אונ איהם יעדער מינוט צוא זיין הערצען פעסט צוגעדריקט; גאנצע קוואלען טרעהרען האבען דאן פון זיינע רויטע אויגען געפלייצט, וועלכע האבען עטוואס פערגרינגערט זיינע אונגעהייער גרויסע לײדען; דאס שאנע קינד האט זיין אונגליקליכען פאטער מיט זיינע גרויסע שווארצע אויגען ערשטוינט אנגעקוקט אונ מיט דיא קליינע צארטע הענדטעליך האט ער זיין ארעמען פאטער ארומגענומען, וועלכען ער האט אהייסען קוש אנגעזיגעלט אונ מיט

אזים-קלינגענדעס שטימעלע האט ער דעם טרויעריגען מרדכי'ן געפרעגט:

— פאטערשע, וואס וויינסט דוא? בענקסט דוא וויא איך נאך מיין מאמא אונ שארלאטען? וויין ניט, וועסט זעהען, פאטער, דאס זייא וועלען היינט קומען .... זייא וועלען מיר ברייגגען אשיין פערדעלע מיט אבייטין .... מרדכי האט דעם קינד ניט געענטפערט, נאר איהם פעסט צום הארצען געדריקט, אונ מיט זיינע טרעהרען האט ער דעם קינדס שאנע קאפעלע פייכט געמאכט. —

— ניט וויין, טאטישע, — האט דער שאנע קינד טרויעריג געבעטען אונ פון זיינע אייגעליך זיינען בריליאנטענע טרעהרען איבער דיא בלאסע וואנגלען גערונען — איך קען ניט זעהען וויא דוא וויינסט .... דוא האסט דאך מיר אליין געזאגט, דאס מען טאר ניט וויינען ... איך וועל דיר אוועק געבען מיין געלד, מיינע שפיעלזאכען, מיין נייע היטעלע, נאר וויין ניט ...

ביי דיא ווערטער האט דער קליינער שלמהלע זיין פאטערס טרעהרען אויסגעווישט, אבער אנייער קוואל האט זיך גיעפענט אונ דאס קליינער קינד איז ווייטער פערצווייפעלט געבליבען.

— שלמה'לע! האט דער אונגליקליכער פאטער מיט איין פערשטיקטער שטימע געפרעגט — ווילסט דוא פאהרען מיט מיר? וועסט דוא ניט בענקען נאך דיין מוטער? ענטפער מיר, מיין טרייער זאהן!

— איך וויל פאהרען! איך וויל פאהרען! — האט שלמהלע מיט פרייד אויסגערופען אונ געפאטשט מיט דיא הענדטליך — איך וויל פאהרען אהיים .... דארט איז אזויא גוט .... אזויא שאן .... אונ דא איז קאלט, שמוציג, איך קען זיך ניט שפיעלען מיט מיינע זאכען .... פאטערשע! זאג מיר, ווען וועלען מיר אין יענעם היים פאהרען?

— מיר וועלען שוין קיין מאל ניט אהיים געהן — האט מרדכי מיט טרעהרען געאנטווארטעט, מיר וועלין פאהרען וויט ... גאנץ וייט פון יענעם היים .... ווילסט דוא פאהרען, שלמה'לע?

דאס קינד האט ניט געאנטווארטעט, דען דיא טהיר האט זיך פלוצלונג גיעפענט אונ אפרעמדער מאנספערזאהן, וועלכער וואר איינגעהילט אין אטהייערען פעלץ, איז אריין אין ענגען צימער.

קוים האט דער פרעמדער פון זיך זיין פעלץ אראפ געווארפען, האט זיך מרדכי שנעל פון זיין שטוהל אויפגעהויבען אונ מיט אויסגעשטרעקטע ארמען איז ער דעם גאסט ענטגעגען געלאפען ....

— לעאן — האט דער אונגליקליכער מיט פריידען אויסגעשריען — לעאן, מיין טהייערער ברודער, דוא ביזט עס? האסט דוא ניט

פערגעסען דיין ארעמען שוואגער, וועלכען דיא גאנצע וועלט פער-אכטעט, וועלכער האט פרעמדע געלד פערהאפט אונ דיא גאנצע וועלט קוקט אויף איהם מיט קרומע בליקען? יא, ברודער, נאר דוא ווייסט וויא אונשולדיג איך בין! דוא ווייסט, ווער עס האט מיך צוא דער שטופפע געבראכט!

ביידע שוואגערס האבען זיך פעסט ארומגענומען; ביידע האבען גיט גערעדט, דען דיא טרערען האבען פערשטיקט זייערע שטימען, אונ דער קליינער שלמהלע האט מיט שרעק אונ ערשטוינונג בעטראכט דיא טרויעריגע סצענע....

— א, אין וואס פאר אלאגע איך האב דיך, טהייערער, שוואגער, געפונען! — האט לעאן וויזשענדיג זיינע טרערען געזאגט — אזויא פיל האב איך זיך ניט פארגעשטעלט.... נאר זארג ניט, ברודערקע, דוא וועסט פאהרען מיט שלמהלען צוא מיר אונ איך וועל דא פערבלייבען, ביז איך וועל אלעס צוריק אין ארדענונג ברענגען, דאן וועסט דוא וויא פריהער דיין האנדעל עפענען אונ זיין דער זעלבער קויפמאן וויא געוועזען....

— איך דאנק דיר, לעאן, פאר דיין עדעל הערץ, — האט מרדכי מיט ווייםוטה געזאגט — ליידער וועסט דוא ניט אים שטאנד זיין מיך צוריק אויף דיא פיס צוא שטעלען.... צובראכען אויף שטיקליך איז מיין גאנצער קארפער, צושמעטערט, צוווארפען איז יעדעס גליעד.... אבגעשטארבען בין איך פאר אלע, קיינע הילפע גיבט פאר מיר אונ אטויטען וועסט דוא ניט לעבעדיג מאכען....

— מרדכי! זייא ניט זויא מוטהלאז אונ פערצווייפעלט — האט לעאן געריהרט ערוויעדערט.

— מיין אונגליק איז מיט פיעל פריצענט גרעסער פון דיינעם, דאך לעבע איך אונ האפע, דאס דיא צייט וועט מיינע וואונדען היילען....

— א, לעאן, מיין איינציגער פריינד! איך בין פיעל אונגליקליכער פון דיר. דען דוא האסט נאר דיינע קליינע קינדער פערלארען, וואהרענד איך האבע אלעס פערלארען צוזאמען מיט מיין שלעכטער פרויא אונ טאכטער, וועלכע איך דענק שוין גיעמאלס צוא זעהען.... אוועק וועל איך, וואו דיא אויגען וועלען מיך טראגען.... איך וועל אלעס טהון אונ ניט ערלויבען, דאס איין צווייטער זאל מיינע זינד ליידען אונ צאהלען מיינע שולדען.... דוא, מיין ליעבער, האסט אויך פיעל געלד פערלארען אונ וועסט ניט קענען ארויסנעהמען פערציג טויזענד רובעל אום צוא רעטען מיין עהרע.... ניין, דאס איז אונמיגליך! אונ ווען יא, פערלאנג איך קיינע הילפע אונ שטיטצע.... איך

וועל זעלבסט ארבייטען אונ קאמפען געגען דיא לעבענסוועלען אונ וועד פון אונז וועט זיעגען, וועט דיא צייט זאגען ···· מיינע זעליגע עלטערען האבען בייא זייער לעבען קיינע הילפע פערלאנגט אונ איך זייער זאהן, וועל דאס גלייכען אין זייער וועג געהן ···· יא, אזויא בלייבט עס, ליעבער שוואגער, איך פערלאס דיא וואך רוסלאנד ····

— אבער אום גאטעס ווילען, מרדכי, זייא ניט זויא צושטרייעט! וואוהין וועסט דוא אין דיינע יאהרען פאהרען זוכען דאס גליק, וועלכעס מען געפינט נאר אין גראב? בעסער וועלען מיר בעקלערען וואס מיר האבען צוא טהון, פיליכט איז נאך ניט זויא שלעכט, וויא דוא דענקסט.

— עס קען ערגער ניט געבען, מיין טרייער שוואגער, שטעל דיר פאר, איבער פיערציג טויזענד רובעל בין איך אין לאדז שולדיג אויסער אין אנדערע פאבריקען אויך אין לעקין, היינט ווער קען מיר אזא סומע געבען? ניין, לעאן! איך וועל ניט נעהמען פרעמדע געלד פאר מיין שלעכטער פרויא, דיא פערשווענדערין! איין מאל האב איך דער לעבט צוא הייסען באנקראט, אבער דאס צווייטע מאל וויל איך ניט דער לעבען ····

— זאל זיין וויא דוא זאגסט, אבער ווען דענקסט דוא בעשטימט דיין רייזע צו מאכען? אונ וואוהין וועסט דוא פאהרען?

— מארגען רייזע איך אב נאך ענגלאנד.

— זעהר אנגענעהם, ליעבער מרדכי, מיר וועלין צוזאמען פאהרען, דען מארגען רייז איך אב נאך עססאד, אבער זאג מיר, שוואגער, וועסט דוא דיין שלמה'לין מיט נעהמען? וועסט דוא אמווייניגסטענס אבשטייגען אין עססאד, אום אבשייד צוא נעהמען פון דיין אונגליקליכער קראנקער פרויא, מיט וועלכע דוא האסט דאך קינדער געהאט אונ קארגע צוואנציג יאהר אבגעלעבט?

— אנבעלאנגען דיין ערשטע פראגע, וועל איך געוויס מיין איינציגען זאהן, מיין לעצטע טרייסט, היער ניט איבערלאסען, נאר אין עססאד וועל איך געוויס ניט אבשטייגען, דען דער וויזיט וועט אויף אונז ביידען קיין גוטען איינדריק מאכען ···· איך וועל איהר זעהען נאר דאן, ווען זיא וועט בעסער ווערען אונ אויף אלעס בערייהען, (חרטה האבען) אויך אין בעסערע געלעגענהייטען וויא יעצט.

— זייא ניט זויא גרויזאם, ליעבער ברודער, פערגעס ניט, דאס דוא ביזט א פאטער פון קינדער אונ אויף דיר ליעגט דיא שולדיגקייט דיין אונגליקליכער פרויא צוא רעטען אונ אויף-צוזוכען דיין פערלא־רענער טאכטער, פיליכט וועט אונז ביידען געלונגען איהר צוא

געפינען ··· בעדענק זיך, מרדכי, האב מיטלייד אויף דיין בלוט און פלייש! דוא ביזט אימער געוועזן איין גוטהערציגער עדעלער געפיהלפאלער מאן און יעצט זייא אויך דער זעלבער! ···

פיעל שטונדען האבען ביידע שוואגערס געשפראכען, ענדליך איז דאך לעאנען געלונגען זיין אונגליקליכען שוואגער איבערצורייידען.

אויף דעם צווייטען טאג, האט לעאן מיט מרדכין, אויך שלמ'הלע קעלין פערלאסט און פערגעסען האבען אלע דעם געפאלענע קויפמאן. —

8.

וויא אין וואסער.

צום עססאדער שטאדט-האספיטאל זיינען דרייא מאנער מיט אפיער יאהריגען קנאבע צוגעפאהרען. דער שווייצאר איז זייא געגאנגען מעלדען און צייט איינינע מינוט האט ער זייא גיעפענט דיא טהיר און אלע זיינען אריין אין ברייטען לאנגען קארידאר.

— מיינע הערען! — האט דער שווייצאר העפליך געזאגט — געהמט אייך לינקס צו № 8 דארט איז דער פרויען אבטהייל.

דיא הערן זיינען צוא אטהיר צוגעגאנגען, אויף וועלכער עס האט געגלאנצט איין אויפשריפט № 8 „פרויען אבטהייל". —

קוים האבען זייא דיא טהיר גיעפענט, איז זייא ענטגעגען געקומען איין יונגע זויבערגעקליידעטע פרויא מיט אווייסען שירץ, מיט אצארטעס עדלעס געזיכט און האט זייא מילד געפראגט:

— צוא וועמען ברויכען זייא, ווערטהע הערר'ן?

— וואו בעפינדעט זיך דיא לעקצער פרויא, וועלכע מען האט אהער פון יודעשען הכנסת אורחים געבראכט? האט אייגער פון דיא קומענדע טרויעריג געפרעגט — קענט איהר אונז, ליעבע שוועסטער, צוא איהר פיהרען?

— צוא אייער דיענסט, מיינע געעהרטע הערר'ן — האט דיא גוטע פרויא געאנטווארטעט — קאמען זייא מיט מיר.

דיא ארדענטליכע פרויא האט זייא דורך דעם אונגעהייערען גרויסען ליכטיגען צימער דורכגעפיהרט, וואו פיעל זויבערע בעטליך זיינען געשטאנען, אויף וועלכע דיא קראנקע זיינען מוטהלאז געלעגען.

אשרעקליכען איינדריק האט דאס צימער אויף דיא הערר'ן געמאכט, דאס זייערע פיס האבען אונטער זייא געציטערט. —

איבעראל האט מען געהערט דאס קרעכצען פון דיא שוואכע

קְראַנְקֶע, בַּייא וֶועלְכֶע דִיא קָאפּ וואַרֶען פֶּערְבּוּנְדֶען מִיט ווַייסֶע טִיכֶער; טְהֵייל זַיינֶען אוֹיף דִיא בֶּעטְלִיךְ גֶעזֶעסֶען אוּנ מִיט זֵייעֶרֶע מֶעלַאנְכָאלִישֶׁע אוֹיגֶען, וֶועלְכֶע וואַרֶען אַרַיין טִיעף אִין זֵייעֶרֶע מָאגֶערֶע בְּלַאסֶע גֶעזִיכְטֶער, הָאבֶּען זֵייא דִיא נַייֶע אַרַיינְקוּמֶענְדֶע בֶּעטְרַאכְט; אַנְדֶערֶע זַיינֶען קְרַאפְטְלָאז גֶעלֶעגֶען אוּנ טִיעפֶע זִיפְצֶען הָאבֶּען זִיךְ פוּן זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער אַרוֹיסְגֶערִיסֶען.

עֶנְדְלִיךְ אִיז דִיא פְרוֹיא בַּייא אַיין בֶּעט שְׁטֶעהְן גֶעבְּלִיעבֶּען אוּנ צוּא דִיא מָאגֶער גֶעזָאגְט:

— הִיער, מַיינֶע הֶערר'ן לִיעגְט דִיא לֶעקְצֶער פְרוֹיא, לֵיידֶער צְווַייפֶעל אִיךְ צוּא זִיא וֶועט אַייךְ עֶרְקֶענֶען, דֶען זִיא הָאט אַיין הַייז קְרַאנְקְהַייט אוּנ דִיא גַאנְצֶע צַייט אִיז זִיא בֶּעוואוּסְטְלָאז.

— שׁוֹין לַאנְג לִיעגְט זִיא הִיער? — הָאט דֶער אַלְטֶער אברהם ראזובלאטט מִיט טְרֶעהְרֶען גֶעפְרֶעגְט — אָ, וִויא שְׁרֶעקְלִיךְ זִיא זֶעהט אוֹיס!

— הָאט זִיא קֵיינֶעם נִיט עֶרְמָאנְט? — הָאט לֶעאָן עֶרְווִידֶערְט.

— יָא, מַיין הֶערר, אֵיינִיגֶע מָאל הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אִיהר שְׁרַייעֶן: „שארלאטא! מארקוס! אָנְקֶעל! מַיין קִינְד! בַּאנְדִיטֶען! אָבֶּער קֵיינֶע דֵייטְלִיכֶע וֶוערְטֶער הָאבּ אִיךְ פוּן אִיהר נִיט גֶעהֶערְט.

— לֶעאָן אִיז צוּם בֶּעט צוּגֶעגַאנְגֶען, אוֹיף וֶועלְכֶען שֵׁיינֶע אִיז בֶּעוואוּסְטְלָאז גֶעלֶעגֶען. אִיהר קָאפּ וואַר אַרוּמְגֶעלֵייגְט מִיט אַייז; אִיהרֶע אוֹיגֶען וואַרֶען פֶעסְט גֶעשְׁלָאסֶען, אוּנ אִיהר גֶעזִיכְט וואַר לֵייכֶענְבְּלַאס.

אַיין שְׁטְרָאם טְרֶעהְרֶען הָאבֶּען גֶעפְלֵייצְט פוּן לֶעאָנס אוֹיגֶען אוּנ אַלְס עֶר הָאט זִיךְ צוּא דֶער אוּנְגְלִיקְלִיכֶער צוּגֶעבּוֹיגֶען, הָאט עֶר מִיט אַווַיינֶענְדֶער פֶערְשְׁטִיקְטֶער שְׁטִימֶע דֶער קְרַאנְקֶער גֶעפְרֶעגְט:

— שֵׁיינֶעלֶע! דֶער קֶענְסְט דוּא מִיךְ? ווַייסְט דוּא וֶוער אִיךְ בִּין? עֶפֶען דֵיינֶע אוֹיגֶען, זֶעה וֶוער עֶס שְׁטֶעהְט לֶעבֶּען דִיר....

לֵיידֶער אִיז דִיא אוּנְגְלִיקְלִיכֶע וִויא אַשְׁטֵיין גֶעלֶעגֶען אוּנ קֵיין וָוארְט גֶעאַנְטְווָארְטֶעט. —

אֵיינִיגֶע שְׁרִיט ווַייטֶער אִיז דֶער פֶערְיָאמֶערְטֶער מרדכי גֶעשְׁטַאנֶען זַיינֶע אוֹיגֶען וואַרֶען רוֹיט פוּן ווֵיינֶען, זַיין קָארְפֶּער וואַר אַיינְגֶעבּוֹיגֶען אוּנ נִיעדֶערְגֶעשְׁלָאגֶען; טִיעפֶע זִיפְצֶען הָאבֶּען זִיךְ פוּן זַיין פֶערְוואוּנְדֶע־טֶעם הֶערְצֶען אַרוֹיסְגֶערִיסֶען; לֶעבֶּען אִיהם אִיז דֶער קְלֵיינֶער שלמה-לע גֶעשְׁטַאנֶען; מִיט פְרַאגֶענְדֶע בְּלִיקֶען הָאט עֶר זַיין אוּנְגְלִיקְלִיכֶען פָאטֶער בֶּעטְרַאכְט; זַיין קְרַאנְקֶער מוּטֶער הָאט עֶר נִיט עֶרְקֶענְט אוּנ מִיט אַיין טְרוֹיעֶרִיג שְׁטִימֶעלֶע הָאט עֶר זַיין פֶערְווֵיינְטֶען פָאטֶער גֶעפְרֶעגְט:

— פּאַטער! וואָרום שטעהען דאָ אַזויא פיעל בעטען? ווער איז דיא פרויא, צוא וועלכער דער אָנקעל לעאָן האָט זיך צוגעבויגען? וואָס האָט ער איהר געזאָגט?

איינינע בלוטיגע טרעהרען וואַר דעם אונגליקליכען פּאַטערס אַנטוואָרט.

— קום אַהער, שלמה׳לע! — האָט לעאָן מיט טרעהרען געזאָגט — געה אַהער, מיין קינד, דאָ ליעגט דיין מאַמאַ....

ביא דיא ווערטער האָט ער דאָס ערשראָקענעס קינד פאַר׳ן האַנדטיל גענומען און איהם צום בעט צוגעפיהרט.

— מאַמאַ! — האָט שלמה׳לע מיט טרעהרען אויסגערופען, אַלס ער האָט זיין בלאַסער מוטער ערקענט — מאַמאַ! וואָס ליעגסט דוא דאָ? קום אַהיים מיט שאַרלאָטען.... עפען דיינע אויגען.... אַ, איך האָב אַזויא נאָך דיר געבענקט!....

מיט ציטערנדע האַנטעליך האָט שלמה׳לע זיין בעוואוסטלאָזער מוטער אַרומגענומען און איהר היים געקושט. —

— מאַמאַ! וואָס ענטפערסט דוא מיר ניט? — האָט דאָס קינד מיט טרעהרען געפרעגט — פאַר וואָס ווילסט דוא מיט מיר ניט ריידען? ביזט דוא מיט מיר ברוגז? איך בין דאָך אַשאַן יונגעלע, איך וויין ניט....

הערענדיג שלמה׳לעס טרויעריגע פראַגען, האָבען אַלע זיך געבאָדען אין זייערע טרעהרען, אויך דיא גוטהערציגע פרויא האָט מיט איהר טאַשענטוך איהרע פייכטע אויגען געווישט און פיעל צייט האָט געדויערט ביז מען האָט שלמה׳לען איינגערעדט ער זאָל פון זיין אונגליקליכער מוטער אַוועק געהן, וועלכע איז דיא גאַנצע צייט בעוואוסטלאָז געלעגען. —

זעכס טאָג דורכאַנאַנד זיינען אַלע אין האָספּיטאַל געגאַנגען און דיא גאַנצע צייט האָבען זייא פון שיינען קיין וואָרט געהערט, ענדליך, אויף דעם זיבענטען טאָג קומענדיג אין האָספּיטאַל, האָבען זייא צו זייער גרויסען פרייד דער שוואַכער שיינען ביא איהר קלאָרען פערשטאַנד געפונען,

מיט איהרע שטאַרע אויגען האָט זיא דאָס גרויסע צימער בעטראַכט, גלייך וויא זיא וואָלט וועלען זיך ערינערען, וואָס מיט איהר האָט פּאַסירט.

דיא גוטע האָספּיטאַל וואַכטערין איז זייא מיט אַשמייכעל ענטגעגען בעגאַנגען און פרעהליך געזאָגט:

— ליעבע הערר׳ן! — איך האָבע דאָס גליק אייך צוא ברענגען דיא

דיא גוטע נאכריכט, דאס אייער קראנקע פערבעסערט זיך אונ עס איז אהאפפנונג, דאס זיא וועט גיך געזונד ווערען ....

— מיר דאנקען אייך זעהר, ליעבע שוועסטער — האט לעאן מיט פרייד געזאגט אונ דער פרויא'ס האנד געדריקט — וויא דענקט איהר, וועלען מיר היינט קענען מיט איהר ריידען?

— געוויס, נאר איך מוס איהר צוא דעם פארברייטען, דען אייער פלוטצליכער ערשיינונג קען אויף איהר אשלעכטען איינדרוק מאכען.

ביי דיא ווארטער, איז דיא פרויא צוא דער קראנקער צוגע-גאנגען, וועלכער זיא האט צארטליך געפראגט.

— וויא פיהלט איהר זיך היינט, ווערטהע מאדאם? פערלאנגט איהר עטוואס? איז אייך בעסער וויא געכטערען?

— איך דאנקע אייך, ליעבע שוועסטער, — האט שיינע שוואך געאנטווארטעט — איך פיהל זיך היינט זעהר גוט, נאר זאגט מיר, וויא לאנג קען איך זויא ליעגען? פיליכט איז געקומען בריעף צוא מיר?

— יא, מיין פריינדין, איהר וועט היינטע דיא בעסטע נאכריכט פון צוהויזע האבען, נאר מיט דער בעדינגונג, איהר זאלט אייך רוהיג האלטען אונ ניט שרעקען, דען עס קען אייך, בעהיטע גאט, פיעל שאדען מאכען....

איינינע אנשטאנדיגע הערר'ן פון אייער שטאדט, זיינען אייך געקומען בעזוכען, פיהלט איהר זיך גענוג קראפטיג מיט זייא צוא ריידען?

— יא, מיין פריינדין, איך וועל זיך שאטצען גליקליך איין נאכריכט פון מיין היים צוא הערען, אבער ווער זיינען זייא? איז מיין געמאהל געקומען?

— קאמען זייא היער, מיינע הערר'ן! — האט דיא ווערטערין צוא דיא מאנער געזאגט — איהר קענט אונגעשטערט מיט אייער פריינדין ריידען....

דער אלטער ראזענבלאט מיט לעאנען זיינען צום בעט צוגעגאנ-גען אונ קוים האט זייא דיא קראנקע דער זעהען, האט זיך אפריידענ-געשרייא אנקעל! לעאן! פון איהר הערץ ארויסגעריסען אונ מיט איהרע מאגערע ציטערנדע האנד האט זיא ביידען פעסט ארום גענומען וועלכע זיא האט צוא איהר קלאפענדעס הערצען געדריקט אונ הייסע קיסע געמישט מיט טרעהרען האבען זיך געהערט איבערין גאנצען צימער....

— מיין אנקעל! מיין ברודער! האט דיא אונגליקליכע גע-שטאמעלט אונ שרעקליך געוויינט — איהר .... זיינט .... עס? איז..

דאס

דאס .... וואהר? א, וויא .... אונגליקליך .. איך .... בין! וואו — איז — שארלאטא? — ווער — נאך — איז — געקומען?

— שארלאטא איז אין דער היים — האבען ביידע שלינגענדיג זייערע טרעהרען שטיל געאנטווארטעט — מרדכי מיט דיין שלמהל׳ן זיינען דא ...

— וואו — זיינען — זייא? — האט דיא קראנקע איבערראשט געפרעגט אונ שרעקליך געציטערט — וואו — איז — מיין — גוטער — מרקום? — איך — וויל — איהם — אום פערציידונג — בעטען — וואו — איז — מיין — איינציגער — שאנער — זאהן — שלמה׳לע? איך — וויל — איהם — צוא — מיין — ברוסט — צודריקען ....

לעאן האט זיין קאפ אויפגעהובען אונ מיט זיינע בליקען האט ער מרדכי׳ן מיט שלמה׳לין געזוכט, ליידער זיינען זייא אין דער צייט פערשוואונדען ....

— ליעבע שוועסטער! — האט לעאן דער ווערטערין אונרוהיג געפראגט — האט איהר ניט בעמערקט, וואוהין דער העררר מיט דעם קנאבע זיינען געגאנגען?

— יא, מיין העררר, ערשט מיט איינינע מינוטען צוריק זיינען זייא שנעל פון צימער ארויסגעגאנגען ....

לעאן איז לייכענבלאס געווארען, אונ שיינע האט אבערמאלס געפרעגט:

— וואו זיינען זייא? ווארום קומען זייא ניט?

— אויף וועמען פרעגסט דוא, שיינעלע, האט לעאן פערווירט געשטאמעלט ....

— וואו איז מרקום מיט שלמהלין?

— זייא זיינען אין לעקין — האט לעאן קוים געאנטווארטעט — האב איך דען דיר געזאגט, אז זייא זיינען אין האספיטאל?

שיינע האט אזיפצין געטהון אונ טרויעריג פערמאכט איהרע פייכטע אויגען.

אין איין שטונדע ארום איז לעאן מיט ראזענבלאטען אין זייער האטעל געקומען, וואו זייא האבען צוא זייער גרויסען שרעק, מרדכי׳ן מיט דעם קינד ניט געטראפען אונ אויף דעם טיש האבען זייא אבריעף געפונען, אין וועלכען לעאן האט געלעזען דיא ווערטער:

ליעבער אנקעל אונד ברודער!

„פערצייהעט, וואס איך האבע זיך מיט אייך ניט געזעגענט אונ פאר מיין גרויזאמער האנדלונג געגען מיין אונגליקליכער פרויא .... גלויבט מיר, דאס איך האבע אנדערש ניט געקענט, זאגט וואלט

איך אטויטער אין האספיטאל געבליעבען .... לעבט וואהל, מיינע טהייער-סטע! אונ פערצייהעט אייער אונגליקליכען, מרדכי בלומענטהאל" ....

פינסטער איז לעאנגען מיט ראזענבלאטטען געוואָרען אין דיא אויגען לעזענדיג דיא איינינע ווערטער. זייערע געזיכטער האבען זיך מיט אטויטער בלאסקייט איבערגעצויגען; דאס צימער האט זיך מיט זייא געדרעהט אונ האבען זיך געמוזט אויף איינינע מינוטען אנידערזעטצען, זאנסט וואלטען זייא אנידערפאלען ....

אין א האלבע שטונדע ארום, אלס זייא האבען זיך בערוהיגט, זיינען זייא צוא אלע באנהויפען געפאהרען, וואו זייא האבען, צוא זייער גרויסען בעדויערען מרדכי'ן ניט געפונען אונ זיינען העכסט פערצווייפעלט געבליעבען, דאך האבען זייא זיך געטרייסט מיט דער מיינונג, דאס מרדכי איז צוריק נאך לעקץ געפאהרען ....

איין גאנצען מאנאט איז לעאן מיט ראזענבלאטטען אין עססאד פערבליעבען; אין דער צייט האבען זייא טאג וויא נאכט שארלאטען געזוכט; וואו איין ארט, וואו איין הויז, האבען זייא אויף איהר געפרעגט, אויך איינינע מענשען געדונגען אונ פאליציע אבעראל געשיקט, לוידער איז קיינער אויף קיין שפור געקומען.

— דיא אונגליקליכע איז געוויס זעלבסטמארד בעגאנגען — האט לעאן געזיפצט, אלס ער האט געזעהן, דאס זיינע ארבייט איז גאנץ אומזיסט — אבער זאגט מיר, ליעבער אנקעל, וואס טהוט מען מיט שיינען? זיא וועט דאך עס ניט אריבער טראגען .... וואס זאגט מען איהר?

— מען דארף איהר זאגען, דאס שארלאטא מיט איהר פאטער אויך שלמה'לע זיינען אוועק נאך אויסלאנד — האט ראזענבלאטט טרויעריג געאנטוואָרטעט.

אין פינף וואכען ארום, אלס שיינע איז פאלקאם געזונד געוואָרען זיינען אלע דרייא פון עססאד אבגעפאהרען, אונ מרדכי איז פערפאלען געוואָרען וויא אין וואסער. —

9.

שארלאטע'ס ענדע.

מיט פינף וואכען צוריק, אלס דער אסטעדער הכנסת אורחים האט שיינען אונ שארלאטען פון היפע ענטזאגט, איז שיינע אין אונמאכט געפאלען אונ שארלאטא איז וויא וואהנזיניג ארויסגעלאפען פון הכנסת אורחים, אהנע צוא וויסען וואוהין זיא לויפט ....

עס וואר זעהר איין קאלטעס וועטער; איין מאכטיגער ווינט האט געפייפט אונ געטראגען דעם שנע פון איין ארט צום צווייטען; אויף דער ניקאלייעווער שטראסע האט מען גאנץ ווייניג מענשען בעגעגענט, אבוואהל עס וואר דאן פיער אוהר פאר נאכט, גלייך וויא יעדער וואלט זיך בעהאלטען פאר דיא שרעקליכער קעלט. —

שארלאטא האט דיא קעלט ניט געפיהלט, זיא האט זאגאר ניט געהערט דאס שטירמען אונ רוישען פון מאכטיגען ווינט, וועלכער האט הערייגעבלאזען אין איהר לאכערדיגעס ווייסעס קלייד אונ דורכגעפרוירען איהר שוואכען קערפער.... זיא האט אויך פערגעסען, דאס גאנצע פיעראונדצוואנציג שטונדען האט זיא אין איהר מויל ניט געהאט.... אונ מיט אלע קראפטען איז זיא גאנץ לאנג געלאפען, ביז זיא איז אונטערין שטאדט געקאמען, ליידער האט זיא שוין מעהר קיינע קראפטען געהאט ווייטער צוא געהן אונ איז בעוואוסטלאז אויף דער נאסער קאלטער ערד אנידערגעפאלען....

בענאהע (בערך) צעהן מינוט איז דיא אונגליקליכע אונבעוועגט אויף דעם אייז-קאלטען שנע געלעגען, ענדליך האט איהר דער ווינט וויא אגוטער דאקטער ערמינטערט אונ איהר אויף איינע שריט ווייטער געשליידערט, גלייך וויא ער וואלט איהר ניט ערלויבען צוא ליעגען אויף זיין וויים-קלארען בעטגעוואנט....

שארלאטא האט זיך פון דעם שליידער ערוואכט אונ זיך קוים אויפגעשטעלט.

— וואוהין זאל איך געהען? — האט דיא אונגליקליכע זיך זעלבסט געפרעגט — צוא ועמען זאל איך זיך קערען אונד וועדען? ווער וועט מיר העלפען אונ זיך איבער מיר ערבארעמען? יא, אזויא בלייבט עס! איך דארף מעהר ניט לעבען!.... נאר דער טויט וועט מיך מאכען פערגעסען מיין שאנדע אונ מיינע אונגעהייערע גרויסע ליידען!

דארט ניט וייט זעה איך דאס רוישענדעס שווארצעס מער.... אונ מיט איין שפרונג וועל איך לויז ווערען פון דער שלעכטער פערדארבענער וועלט!....

קיין אנדערען אויסגאנג האב איך ניט.... דארט וועט מיין שטורמענדעס הערץ רוהיג בלייבען.... דארט וועל איך ניט ליידען הונגער אונ זאט ווערען אויף עוויג.... דארט וועל איך זיין זיכער פון דיא בעסטיען אין מענשען געשטאלט....

א, אונגליק! וואס פאר אטהייערער לעהרער דוא ביזט! אין דיא איינציגע טאג האסט דוא פון איין דומעס קינד איין פאלקאמענעס מענשען געמאכט.... איך בין שוין יעצט ניט דיא זעלבע נארישע

לייכטזיניגע שארלאטא וויא פריהער .... אין דער קורצער צייט האסט דוא מיר וויא אטיכטיגער לעהרער, אגוטע לעקציאן געגעבען אונ גיעפענט מיינע אויגען איך זאל זעהען וויא דומם איך בין געוועזן .... — לעבע וואהל טרייער גוטער פאטער! איך האבע פריהער ניט פער־שטאנען וויא טרייא דוא ביזט מיר .... וויא קלוג וויא הייליג דיינע ווארטען זיינען .... דער פאר פערשטייה איך זייא יעטצט .... ליידער איז שוין שפעט .... פערצייהע, ליעבער פאטער! איך האב גענוג געזינדיגט געגען דיר, דער פאר בעצאהל איך יעטצט מיט מיין יונגעס לעבען .... לעבע וואהל, אונגליקליכע מוטער! דיר האב איך אלעס צוא פערדאנקען .... נאר דוא האסט מיך אין וואסער געטריבען .... אבער איך פערצייהע עס דיר, דען דוא האסט שוין דיין שטראפע ערהאלטען ....

ביא דיא ווארטער האט זיא האסטיג גענומען לויפען, נאר פלוטצלינג האט זיא זיך אבגעשטעלט, דען זיא האט פון ווייטען איין ליכט בעמערקט ....

אגליקליכער געדאנק איז שארלאטען אין דער מינוט איינגעפאלען: איהר יונגעס בלוט האט געארבייט .... אין איהר הערצען האט זיך ערוועקט אלוסט צום לעבען ....

— דאכט זיך איך זעה אשיף — האט זיא צוא זיך געזאגט — יא, איך אירע זיך ניט .... איך זעה דיא הויכע זעגעלבוימער, דיא פארוסען, פיליכט האט מיר גאט זיין רעטונגסענגעל געשיקט אונ ער פערלאנגט איך זאל לעבען בלייבען? איך וועל געהן צוא דער שיף אונ פרעגען דעם שיפסקאפיטאן, וואוהין דאס שיף געהט אב .... איך וועל איהם אלעס ערצאהלען, געוויס וועט ער אויף מיר מיטלייד האבען אונ מיר ערלויבען צוא פאהרען .... עס קען זיין דאס שיף רייזט נאך אויסלאנד, דאן בין איך גערעטעט .... דארט וויא איך האב געהערט, לעבט מען פרייא; פון קליין ביז גרויס ארבייטען אונ ערנאהרען זיך זעלבסט אונ ווארום זאל איך אליין ניט זארגען פאר מיין עקסיסטענץ! קען איך דען אהיים פאהרען? וואו וועל איך זיך בעהאלטען פון מיין שאנדע? יא, איך מוסס לעבען! איך וועל לעבען מיט דער איינציגער האפענונג, ראכע צוא נעהמען פון מיין גליקצושטערער, פון דעם שרעקליכען באנדיט, וועלכער האט מיין לעבען אונד עהרע גערויבט ....

שארלאטא איז אזויא ריידענדיג צוגעקומען צום האפען, (ברעג) וואו אקליינער דאמפפער (שיף) איז געשטאנען, אונ איניגע פעסטע מאטראזען ווארען שטארק בעשעפטיגט אויפן פארדעק.

— צוא וועמען דארפסט דוא? — האט אגעזונטער הויכער מאטראז

געפרענט, אלס ער האט פלוצלינג דער ווייסגעקליידעטע שארלאטען דער זעהען אויף דעם שיף — ווער ביזט דוא אונ וואס איז דיין פערלאנג?

— האט מיטלייד אויף איין אונגליקליכער פרויענצימער! — האט שארלאטע מיט טרעהרען געבעטען — זאגט מיר, גוטער מענש, וואוהין געהט דאס שיף?

— נאך בילאוו — וואר דעם מאטראז אנטווארט — אבער מיר נעהמען ניט קיינע פאססאזשירען דען דאס שיף איז בלויז פיר וואארע ....

— ליעבער מאן! — האט שארלאטא מיט איין שמערצליכען טאן ערוויעדערט — ערבארעמט אייך איבער מיר, נעהמט מיך מיט נאך בילאוו, אונ פון דארט וועל איך קענען נאך אויסלאנד פאהרען .... איך וועל אייער דיענסט זיין, איך וועל אייך יעדען באזונדער באדיענען אונ זיך פלייסען אייך אלע צופריעדען צושטעלען, דען עס קומט מיר אויס זיך צוא ווארפען אין וואססער .... שוין פיער־אונד־צוואנציג שטונדען שמאכטע איך פון הונגער .... איך האבע ביי זיך קיין איין קאפיקע .... איין באנדיט האט מיך בערויבט אונ מיך אין איין העמד געלאזען .... האט מיטלייד, גוטער מענש, איך וועל אימער פאר אייך גאט בעטען, איהר זאלט גליקליך זיין אונ ניט וויסען פון אזעלכע ליידען ....

— זעהר גוט — האט איהר דער מאטראז געאנטווארטעט אונ אגיפטיקער שמייכעל האט זיך אויף זיינע דיקע ליפען געוויזען, וועלכען שארלאטא האט ניט בעמערקט .... אויך דיא איבעריגע מאטראזען האבען צווישען זיך שטיל גערעדט .... — קומט מיט מיר, ליעבע פריילין, אין קאיוטע אונ איך וועל געהן מעלדען מיין קאפיטאן ....

דער מאטראז האט דער אונגליקליכער אריינגעפיהרט אין איין פינסטערען ענגען צימער, וואו איין שמאלע אויבערשטע אונ אונטערשטע בעט איז געשטאנען, אונ אלס ער האט אליכט אנגעצונדען, איז ער ארויס פון צימער ....

אין איינינע מינוטען ארום איז ער צוריק געקומען מיט דער גוטער נאכריכט, דאס דער קאפיטאן ערלויבט איהר צוא פאהרען ביז בילאוו אונ מיט געבראכט, ברויט, פוטער, קעז, אויך אפלאש ביער, פאר וועלכען דיא ארימע שארלאטע האט דעם גוטען מענש מיט טרעהרען בעדאנקט אונד מיט גרויס אפעטיט האט זיא דאס מאל געגעסען. ענדליך ווען דער מאטראז האט איהר אגוטע נאכט געוואונשען אונ ארויסגעגאנגען, איז זיא פעסט אנגעשלאפען געווארען ....

איינינע שטונדען אין דיא מידע שארלאטא אב געשלאפען, פלוטצלונג האט איהר אשאלענדעס געלעכטער ערוואכט פון איהר טיעפען שלאף ....

קוים האט זיא גיעפענט דיא אויגען, האט זיא צוא איהר גרויסען שרעק לעבען זיך בעמערקט פיער געזונטע מאטראזען מיט פערגאסענע רויטע אויגען, וועלכע האבען זיך אויף איהר בעט געזעטצט ....

אשוידער איז דער אונגליקליכער שארלאטען דורך דיא ביינער דורכגעלאפען .... איהר קארפער האט שרעקליך געציטערט אונ מיט איין פערצווייפעלטער שטימע האט זיא אין איאמער אויסגעבראכען.

— וואס ווילט איהר פון מיר? וויא וואגט איהר אייך צוא בעריהרען איין שלאפענדער שוואכער פרויא? דענקט איהר דאס איך בין פון דיא אויסגעלאסענע פרויען, וועלכע האנדלען מיט זייער עהרע? .... ניין, איך וועל זיך ליעבערשט דאס לעבען נעהמען .... געהט אין גאטעס נאמען, דען איך וועל איין געוואלד מאכען, דאן וועט אייך אייער קאפיטאן שטרענג בעשטראפען ... איך בעט אייך לאסט מיך צופריעדען ....

— גאלובושקא מאיא! (מיין טייבעלע) — האט אבעזויפטער מאטראז געזאגט אונ מיט זיינע אייזערנע האנד דער שוואכער שארלאטען איינגעקלאמערט — דוא ביזט ניט זויא פרום וויא שען .... זייא אגוטע שוועסטער .... דוא וועסט בייא אונז גליקליך לעבען ... צום טייפעל דיא פרומקייט ....

בייא דיא ווארטער האט ער איהר אקוש געטהון ....

— בראווא, סטעפאן! — האבען דיא איבעריגע דרייא מאטראזען געשריען — אונ איינינע ציניש ווארטער געזאגט .... — עס לעבע דיא שאנע פריילין!

שארלאטא האט וויא אבלאט געציטערט אונ געפיהלט, דאס זיא וועט אין אונמאכט פאלען, ענדליך האט זיך איין מאטראז אויפגעהויבען אונ געגאנגען פערשליסען דיא טהיר ....

קוים האט דאס שארלאטא בעמערקט, איז זיא שרעקליך בלאס געווארען .... דיא אונגליקליכע האט פערשטאנען, דאס יעצט איז דיא רעכטע צייט צוא קאמפפען פאר איהר עהרע זאנסט איז זיא פערפאלען ....

מיט דיא לעטצטע קראפטען איז שארלאטא צוא דער טהיר צוגעשפרונגען, מיט איין האנד האט זיא דעם בעזויפטען מאטראז אקראפטיגען שטויס געטהון, דאס ער איז גלייך געפאלען אונ מיט

דער

דער צווייטער האט זיא האסטיג דיא טהיר גיעפענט אונ איז ארויס אויף דער פארדעק.

דיא איבעריגע מאטראזען זיינען איהר גלייך נאך געלאפען אונ אלס שארלאטא האט געזעהען דאס זיא וועט פון זייערע הענד ניט ארויס, איז זיא מיט אשמערצליכען געשרייא: „פערצייהע מיר גאט“! אין וואסער געשפרונגען ....

עס וואר זעהר פינסטער; דער ווינד האט טרויעריג געפייפט גלייך וויא ער וואלט דער אונגליקליכער בעוויינען .... אונ דיא שווארצע מאכטיגע שטראמען האבען שארלאטען פערדעקט ....

גאנץ לאנג האט דער ווינד געיאמערט; פון דעם שווארצען פערוואלקענדען הימעל גיסט ארעגען אונ זיינע טראפען פאלען אין מערר, גלייך וויא דיא פארזעהונג (השגחה) פערגיסט טרעהרען אויף שארלאטעס ענדע ....

10.

דיא אונטערגעגאנגענע שיף.

מארגען דען ערשטען פעברואל, צוועלף אוהר פאר מיטאג, געהט אב דיא גרויסע שיף „לעבא“ נאך לאנדאן. —

דיא בעקאנטמאכונג האבען אלע ברעמענער צייטונגען געשריבען אונ צוא דער בעשטימטער צייט וואר דער האפען (ברעג, פריסטאן) פול געפאקט מיט פאסאזשירען.

דיא געשרייען אונ געטומעל קען מען הערען אויף איניגע מייל; דארט זענגען זיך איניגע פאמיליען אונ פערגיסען פיעל בלוטיגע טרעהרען; דארט זוכט אפערצווייפעלטע מוטער איהרע קינדער אונ שלאגט זיך מיט ביידע פויסטען אין קאפ; דארט שלעפען פיעל יודישע עמיגראנטען זייערע שמוטציגע געפעקע, אונ דארט איז איין ארימע פרויא אין אונמאכט געפאלען, דען זיא האט איהר שיפס-קארטע פערלארען .... מיט איין ווארט; שוידערהאפטע סצענען שפילען זיך אב בייא אזעלכער רייזע אונ פון דיא יאמערען קען מען טויב ווערען ....

איבערהויפט זיינען בעדויערענסווערטה דיא ארעמע בלאסע עמיגראנטען, אונזערע אונגליקליכע „בני יעקב“, איבער וועלכע דיא רייכע פאסאזשירען פון ערשטער אונ צווייטער קאיוטע מאכען זיך לוסטיג, זעהענד וויא פיעל פון דיא אונגליקליכע גענאנטע עמיגראנטען טראגען מיט זייערע לעטצטע קראפטען שמוטציגע אנגעפילטע זעק

מיט שטרויא אונ לויפען אראפ אין דריטער קאיוטע, בעסער געזאגט, אין פערשטיקטען קעלער וואו יעדער פון זייא פערהאפט איין אבער־שטע בעט*) אום מען זאל אויף זייא ניט ארויף גיסען קיין שמוטץ, דען דיא אונטערשטע בעטע זיינען אימער פייכט .... שוידערהאפט, שרעקליך קומט פאר דיא דריטער קאיוטע וועלכע איז געבויעט וויא דיא אמאהליגע אינקוויזיציע־קעלער, וואו מענשען ווערען געפאלטערט אונ געפייניגט ....

דער איינציגער אונטערשייד איז, וואס דא פעהלען יעזויטען אונ פאלטער מאשינען, אבער דיא מאטראזען אונ שיף — בעדיענטע זיינען ניט בעסער פון יענע .... אויך דיא שמאלע הארטע בעטען צובערעכען יעדעס גליעד .... ווייניג גערעדט, דער ארימאן איז איבעראל פערשאלטען .... פאר זיין בלוטיגען רובעל קריגט ער אימער שטיינער אונ ביינער .... אויך אין שיף האט ער פאר זיין געלד: אשמאלע בעט אויס צוויא פוילע ברעטער געמאכט .... (ריכטיג וויא אקבר) אקויטיגען זאק מיט שטרויא אלס מאטראץ, אין וועלכען עס געפינען זיך גענוג מצרים סחורה .... אונ דיא נייהרונג איז אזויא געשמאק, דאס אין אלגעמיין (בכלל) הונגערען דיא ארימע עמיגראנטען ביז אמעריקא אונ ווילען ניט פערזוכען דיא טהייערע שפייזען מיט דעם קאפע אונ „טהעע“, וועלכע איז בלויז וואסער מיט פארב, זייא לעבען גאנצע וואכען מיט זייערע אייגענע היימישע געטריקענטע ברויט מיט ווארעמע וואסער, וועלכעס מען טהיילט אויס וויא וויין ....

ריכטיג צוועלף אוהר פאר מיטאג, האבען זיך שוין אלע פאסאזשירען געפונען אויף זייערע ערטער אין דער שיף לעבא.

דיא מאשינען פון דאמפפער האבען געשטירמט אונ געארבייט; דיא מאטראזען זיינען געלאפען פון איין ארט צום צווייטען אונ דעם באנאזש אראפגעלאזט אין שיף־קעלער, וואו זייא האבען גוטע גע־שעפטען געמאכט אונ זיך איינגעטהיילט מיט יעקב'ס דלות .... ענדליך צעהן מינוטען נאך צוועלף, האט דאס שיף אהייזעריגען פייף געטון אונ געריהרט פון ארט. —

איין שאלענדעס געשרייא האט זיך געהערט פון דיא עמיגראנטען, אויך פון דיא בעגלייטער, וועלכע זיינען לעבען האפען געבליעבען, אונ צייט איניגע סעקונדען וואר שוין דער דאמפפער גאנץ ווייט פון ברעג.

טרויעריג, טריביג איז אין דער דריטער קאיוטע, וואו עס געפינען זיך איבער צוויא הונדערט עמיגראנטען; דיא וואנד ווייגען;

דיא

*) אין דיא שיפען גיבט אויבערשטע אונ אונטערשטע בעטע. — ש״ל
(ציגיינער ח״ב)

דיא פלאר (פאדלאגע) איז שווארץ אונ שמוטציג; אויך דיא אויבער־שטע אונ אונטערשטע בעטליך מאכען קיין גוטען איינדרוק; דיא לופט איז פערשטיקט, דען דאס צימער איז ניט איבעריג גרויס אונ זעהר ניעדעריג אונ שמאל; פינסטער איז איבעראל, אבוואהל דיא זאנע שיינט העל אונ שטעהט אין מיטען הימעל: עס ברענט אשמוטציגע לאמפע, וועלכע גיבט פון זיך אדונקעלען שיין מיט אשלעכטען גערוך ···· דיא פאסאזשירען שרייען, דיא קליינע קינדער וויינען, פינסטערע פראנטען, מיט לאכערדיגע צוּבראכענע צעלענדערס זינגען לידער ···· דיא עלטערע האלטען אין איין הוסטען, דען זייא שטיקט דער רויך פון דיא סיגארען אונ פאפיראסען ···· טהייל פריילינע יונגען האפען אקארטיל, אטערטילמערטיל, אאקעלע א. ז. וו.

אנדערע ציילען עטליכע קאפיקעס, וועלכע זייא האט געגליקט צוא בעהאלטען פון דיא יודישע פיאווקים ···· (אגענטען) טהייל זאגען עריינסט תהילים אונ בעטען דעם אלערהעכסטען, ער זאל זייא שיטצען אויף דעם שרעקליכען רוישענדען מעער ···· אונ טהייל ראמאנסירען מיט געוועזענע דיענסט מיידען אויף דער פארדעק אונ דארט זיטצט אזאגערקע אונ לייענט תחנות אונ איינינע ארומשטעהענדע פרויען פלייצען מיט טרעהרען אונווישען דיא נאזער ···· דארט שפיעלט איודעלע אויף אפידעל אטרויעריגע מאלאדיע וויא מען בעזינגט אכלה אויך „כל נדרי“ אונ ארוססישער קאצאפ דרעהט אויף איין הארמאניע „אקאמארינסקי“; דארט אויף איין אבערשטע בעט זאגט איינער מחזור אונ אונטען שילט איהם אפרויא מיט טויטע קללות, פאר וואס ער האט איהר בעשמוטצט פון קאפ ביז דיא פיס ···· אפט מאל הערט מען וויינען איינינע פרויען, וועלכע בעטען רחמים מען זאל צוריק אויסדרעהען דיא שיף, דען זייא ווילען אהיים ···· אונ אלעס צוזאמען זעהט עס אויס וויא זונטאג אין קרעטשמע אדער וויא אין איין יודישער באד ····

דארט אין איין ווינקעל, אויף איין אונטערשטע שמוטציגע בעט, זעהען מיר זיטצען אטרויעריגען נידערגעשלאגענעם עמיגראנט מיט אקליינעם פיער יאהריגען קנאבע, אונ אבוואהל ער האט זיך זעהר פערענדערט אונ זעהט שרעקליך אויס, אויך זיינע האר האבען אנגעפאנגען וויים צוא ווערען, דאך וועלען מיר אין איהם ערקענען אונזער אונגליקליכען מרדכי בלוממענטהאל, מיט זיין זאהן שלמה׳לע. —

— פאטער וואו זיינען מיר? — האט דאס קינד טרויעריג געפרעגט.

— אין שיף, מיין קינד — וואר מרדכי׳ס אנטווארט.

— וואס איז אשיף?

— אהויז, וואס פאהרט אויף דעם וואסער ····

— וויא קען אהויז פאהרען אויף דעם וואסער?

— ביזט גערעכט, מיין זאהן, — האט מרדכי טרויעריג געאנט־ווארטעט אונ שלמהל'ן פעסט צוגעדריקט צום הערצען — וועסט עלטער ווערען, וועסט דוא וויסען וואס אשיף איז ····

דאס קינד האט זיך אויף איינינע מינוטען פערטראכט אונ ווייטער געפרעגט:

— פאטער, זאג מיר, וואס טהון דא אזויא פיעל מענשען? ווארום שרייען זייא אונ פאר וואס איז אזויא קאלט? ····

— אלע פאהרען מיט דעם הויז אהיים ···· נאר זאג מיר, שלמה'לע, ווילסט דוא עסען? ביזט דוא הונגעריג?

— יא, פאטער איך בין זעהר הונגעריג נאר פריהער זאג מיר ווען וועט דאס הויז צוא אונז אהיים קומען? איך וויל זעהן מיין מאמא מיט שארלאטען ···· איז שוין דיא מאמא געזונד? פאר וואס האסט דוא איהר ניט מיט גענומען?

— מארגען, מיין קינד, וועלען מיר שוין זיין אין דער היים ···· — האט מרדכי מיט טרעהרען געאנטווארטעט — ווארט איך וועל דיר געבען עסען ····

ביא דיא ווערטער האט איהם מרדכי געגעבען אשטיקעלע טרוקענעס ברויט מיט אגלאז ווארעמעס וואסער, וועלכעס דאס קינד האט מיט אפעטיט געגעסען.

— א, פאטערקע! — האט שלמה'לע מיט פרייד אויסגערופען פאטשענדיג מיט זיינע צארטע האנדטעליך — מארגען וועל איך זיין אין דער היים ···· איך וועל זעהען מיין מאמא מיט שארלאטען ···· איך וועל זיך מיט גרישקען שפיעלען אין פערדעליך ···· אך, וויא שאן, וויא גוט עס וועט זיין! ···· אבער וואס וויינסט דוא, פאטער איך קען ניט זעהען ···· ווארט, מיר וועלען מארגען זיין אין דער היים ···· דארט איז ווארעם, ליכטיג, שאן ···· דיא מאמא וועט דיר געבען פלייש קאמפאט אונ אווגוסט וועט מיר קויפען אפילקע ····

איינינע שטונדען צייט, האט דאס זעלטענע קינד זיין אונגליקליכען פאטער מיט זיינע קלוגע רייד געטרייסט, ענדליך איז שלמה'לע רוהיג עַנטשלאפען געווארען.

מרדכי האט איהם איבערגעדעקט מיט זיין פאלטא אונ פערזונקען אין טיעפע געדאנקען איז ער ביז שפעט אין דער נאכט געזעסען ···· שטיל איז געווארען אין פינסטערען קעלער; דיא מיעדע עמיגראנטען זיינען געשלאפען אויפגעהערט האבען זיך דיא געוואלדען אונ גע־שרייען מען האט גאר געהערט דאס חראפען פון דיא אויסוואנדער

און דאס הייזעריגע פייפען פון דאמפפער, ענדליך צוויא אוהר ביינאכט איז מרדכי אנטשלאפען געווארען.

קוים איז ער איניגע שטונדען אבגעשלאפען, האט ער פלוטצלונג דער הערט אקראך וויא פון הונדערט קאנאנען, (הארמאטען) באלד זיינען פיעל מאטראזען אראפ געקומען אונ מיט פערצווייפעלטע הייזעריגע שטימען האבען זייא הויך געשריען:

— שטעהט אויף, פאססאזשירען! איין אונגליק איז געשעהען: מיר זיינען אין גרעסטען געפאהר, דען אונזער שיף האט זיך מיט אצווייטער צוזאמענגעשטויסען אונ גאט ווייס, וואס אונזער ענדע וועט זיין! ....

אשמערצליכעס געשרייא האט זיך פון יעדענם הערץ ארויסגעריסען; טהייל זיינען פון שרעק אין אונמאכט געפאלען, טהייל האבען געיאמערט אונ געבראכען דיא האנד, אנדערע האבען געשריען מיין מאן! מיין פרויא! מיינע קינדער! א. ז. וו. ....

— אויף דער פארדעק! — האט אצווייטער מאטראז געשריען — רעטעט אייך! דיא שיף איז געלאכערט, זיא געהט באלד אונטער! ....

אלע מענשען זיינען וויא פערצווייפעלטע טהיערען אויף דעם פארדעק ארויף געלאפען; עס וואר אזא געשטופעריא, אזא ענגשאפט, דאס טהייל אונגליקליכע זיינען אויף טויט דער שטיקט געווארען, אונ טהייל זיינען, קראפטלאז פון דיא שמאלע שטיגען צוריק געפאלען אונ צובראכען האנד אונ פיס ....

— מאטראזען! — האט דער פערצווייפעלטער קאפיטאן געדאנערט — טהיילט יעדען פאססאזשיר איין רעטונגס גארטעל! בינט אן דיא הענגבריק! לאסט אראפ דיא רעטונגס שיפליך! פרויען אונ קינדער זאלען פאראוים זיך רעטען אין דיא שיפליך אונ שפעטער דיא מאנשאפט! שנעל! דיא שיף זינקט! באלד איז געווען איינגעארדענט דיא הענגבריק אונ זעכס שיפליך זיינען גרייט אין רוישענדען מעער געשטאנען, וועלכע ווארען באלד פול געפאקט מיט מענשען.

צום אונגליק ווארען דיא שיפלאך איבער געפילט אונ האבען דיא שווערע לאסט ניט געקענט ערטראגען, דאס צייט איניגע סעקונדען האבען זייא דיא שטירמענדע וועלען אין אבגרונד געשלײדערט ....

— האט מיטלייד! — האט דער קאפיטאן וויטהענד געשריען — לאסט אמווייניגסטענס איניגע מענשען זיך דאס לעבען רעטען, זאנסט זיינען מיר אלע פערלארען!

ליידער האט איהם קיינער ניט געהערט, יעדער האט זיך געוואלט צום ערשטען רעטען, אלע האבען זיך געדרינגט אין דיא

רעטונגס שיפליך, יעדער האט געוואלט לעבען בלייבען אונ אלע שיפליך צוזאמען מיט דיא מענשען זיינען צו גרונדע געגאנגען ....

אשרעקליכער יאמער אונ געשרייא האט זיך גאנץ ווייט אב-געקלונגען .... אלע האבען פון שרעק זייער פערשטאנד פערלארען אונ געלאפען אהין אונ אהער. טהייל האבען זיך זעלבסט אין וואסער געשליידערט. דער ערשראקענער קאפיטאן האט יעדען געווארענט, אבער עס וואר גאנץ אומזיסט. —

— אויף דיא מאסטען! צום זיעגעל בוים! — האט דער קאפיטאן געדאנערט — רעטעט אייך! פיליכט וועט אן קומען אשיף! אונזער לעבא איז מעהר וויא דיא העלפטע אין וואסער, דיא מאשינען ארבייטען ניט מעהר, מיר זיינען פערלארען!

— צום אנקער! צום אנקער! — האט אמאטראז געשריען! — יענע העלפט איז שוין אין וואסער, מיר וועלען זיך לאנג ניט האלטען!

— שטעלט אייך לינקס האט אצווייטער געברוהמט, מיר קערען זיך איבער!

דיא פערבליעבענע ערשראקענע פאססאזשירען האבען גענומען קריכען אויף דיא מאסטען, אבער זייערע קראפטען האבען זייא ניט געדיענט אונ זיינען וויא דיא העלצער צוריק געפאלען אונ טהייל האט דער ווינט אין וואסער געווארפען. — אהאלבע שטונדע האט זיך דיא שיף מיט איינגע פאססאזשירען אויף דעם וואסער געהאלטען ענדליך אום זיעבען אוהר, ווען עס איז שוין עטוואס ליכטיג געווארען, איז דיא שיף אינגאנצען אונטערגעגאנגען, צוזאמען מיט אלע מענשען וועלכע דיא שטירמענדע שטראמען האבען פערדעקט, דאס זאגאר דיא אונגעהיירע הויכע זיעגעלבוימער האט מען מעהר ניט ארויסגעזעהן ....

11.

א, אלטער נאר!

לעאן מיט ראזענבלאטטען, אויך שיינע זיינען פון עססאד נאך ווארשא צוא איין געוויסען פראפעסאר געפאהרען, דען שיינע וואר נאך גוט קראנק.

איינגע טאג האבען זייא אין ווארשא פערבראכט, ענדליך זיינען זייא צום באנהויף געפאהרען, וואו זייא האבען ערווארטעט דעם נולבינער צוג.

אלע דרייא זיינען אריין אין ערשטער קלאסע אונ האבען

טהעע געטרונקען.

ניט ווייט פון זייא בייא איין קליין טישעל זיינען צווייא יונגע הערען געזעסען: איינער וואר איינגעהילט אין אטהייערען מארדערנעם פעלץ, מיט פאנסנע אויף זיין פלאכער נאז אונ דער צווייטער האט אנייעם פאלטא געטראגען פון טהייערען אויסלאנדישען שטאף.

ביידע האבען צווישען זיך גאנץ שטיל דיא ווארטער געשפראכען:

— פייפקע, ווען געהט אב דער באהן נאך נולביל?

— אכט אוהר בייא נאכט.

— אלזא האבען מיר נאך דרייא שטונדען מיט צוואנציג מינוט צוא ווארטען?

— געוויס ....

— ניעט, בראט, (ניין ברודער) זרחקע האט קיין געדולט זויא לאנג צוא ווארטען .... מיר וועלען פאהרען אין שטאדט אונ מאכען איינינע פארטיעס בילאַרד.

— חאראשא, (גוט) — האט פייפקע געאנטווארטעט.

בייא דיא ווארטער זיינען ביידע ארויס פון זאל.

לעאן מיט זיין אנקעל ראזענבלאטט האבען איבער'ן זאל שפאצירט אונ ווארען פערטיעפט אין איין אינטערעסאנטען געשפרעך; שיינע האט ביים טישעל געדרימעלט, ענדליך האט דיא באהן-אוהר דיא אכטע שטונדען געצייגט, אונ לעווינשטיין איז געגאנגען צוא דער קאסע קויפען בילעטען.

— נולביל ערשטער זוואנאק! (קלונג) — האט אבאהן-בעדיענטער הויך אויף איין פעסטער שטימע געשריען.

אלע פאססאזשירען האבען זייערע געפאקע גענומען אונ זיינען ארויס אויף דער פלאטפארמע, וואו עס האט זיך געהערט דאס רוישען אונ פייפין פון לאקאמאטיוו, וועלכער וואר גרייט אבצופאהרען.

אויף דער הערבעלייכטער פלאטפארמע, זעהן מיר אונזערע בעקאנטע רייך-געקליידעטע צווייא הערען שפאצירען, וועלכע ווארטען ביז אלע פאססאזשירען וועלען אריין אין דיא וואגאנען ....

פלוטצלינג האט זיך געהערט אשטימע פון אפערצווייפעלטער פרויענצימער:

— חאפט אמערדער! חאפט אגנב!

באלד איז אפרויענצימער ארויפגעפאלען אויף איין יונגער הערר, וועלכער וואר איינגעהילט אין אטהייערען פעלץ ....

דער צווייטער האט גענומען שטעלען פיס, צום אונגליק האט איהם לעווינשטיין דעם וועג פערשטעלט אונ איהם פעסט ארומגענומען.

— האלט דיא באנדיטען! זשאנדארם! — האט דער אלטער ראזענבלאטט געשריען — ארעסטירט דיא אויסוואורפען!

ביידע שורקען, וועלכע האבען פערשטאנען, דאס מיט גוטען וועלען זייא גאר ניט מאכען אונ פאר זייא שטעהט דער גרעסטער געפאהר, האבען זיך וויא דיא שלאנגען געווארפען אום זיך לויז צוא מאכען פון זייערע געגנער. ענדליך האט לעאן דעם באנדיט פרייא געלאסט אונ מיט אשמערצליכען געשרייא אויף דער ערד געפאללען ...

דער צווייטער באנדיט האט זיין טהייערען פעלץ בייא שיינען איבער געלאזט אונ אליין איז ער מיט זיין קאמעראד צווישען דיא דיא רעלסען פערשוואונדען.

— האפט זייא! אמארד! מערדער! — האבען פיעל פאססאזשירען געשריען.

איינינע זשאנדארען, אויך פיעל באהן-בעדינטע זיינען דיא רויבער נאך געלאפען, וועלכע זיינען באלד צוריק געקומען מיט ליידיגע האנד, דען עס וואר זעהר פינסטער אונ דיא סובייעקטען זיינען אריין וויא אין וואסער.

— אדאקטער! אדאקטער! האט דער ערשראקענער ראזענבלאטט פערצווייפעלט געשריען — רעטעט! מען האט זייא ערשטאכען!

לעאנע'ן מיט דער אונמאכטער שיינע'ן, וועלכע האט דעם באנדיטס פעלץ אין איהרע האנד געהאלטען, האט מען אין זאל געטראגען.

באלד איז געקומען איין ארצט, וועלכער האט לעאנ'ס וואונד בעטראכט, אונ דאס בלוט פערהאלטען; שיינען האט ער ערמינטערט אונ בעפויהלען, דאס זייא זאלען יעטצט ניט פאהרען אונ זיך איינינע טאג אויס רוהען.

— זוכט אין פעלץ! — האט איין זשאנדארם געשריען — פילייכט וועט מען דארט עטוואס געפינען, וועלכעס וועט צייגען איין שפור פון דיא באנדיטען!

דער אלטער ראזענבלאטט האט גלייך גענומען זוכען אין פעלץ אונ פון איין בוזעם קעשענע האט ער איין פערזיעגעלטען בריעף ארויסגענומען, וועלכער וואר אדרעסירט נאך נולביל אויף דעם נאמען „לייב שווינדעל, מאריא שטראסע № 58“ וועלכען ער האט גיעפענט אונ געלעזען דיא ווארטער:

ליעבער טהייערער פריינד!

„איך האב דיא צייטען גוטע געשעפטען געמאכט ... פיליייכט האט איהר ערהאלטען בריעף פון מיין געליבטער מאשען, זויא בעהאלט זייא, ביז איך וועל זיין בייא אייך — מארגען פאהר איך

נאר

נאך נולביל, ווען דיא צייט ערלויבט איך, זויא ערוואַרטעט מיך אויף דער באַהן .... אייער בעסטער פריינד פייפקע" —

— וואס שטעהט אין בריעף? — האט דער זשאַנדאַרם דעם אַלטען געפראגט.

ראזענבלאטט האט איהם איבער געגעבען דעם גאַנצען אינהאַלט.

— פאהרט, אנקעל, נאך נולביל — האט לעאן שוואך געזאגט — אונד מיר וועלען דא איינינע טעג פערברענגען.

— ענטשולדיגט, מיין הערר, — האט איין באַהן בעדיענטער געאַנטוואָרטעט — דער צוג איזט שוין אוועק אונ דער צווייטער וועט ערשט זיעבען אוהר אין דער פריה נאך נולביל אבגעהן.

— שלעכט! — האט דער אַלטער ראזענבלאטט פערצווייפעלט ערוויעדערט — מיר וועלען מוזען פאהרען אין איין גאַסטהויז, וואו איהר וועט פערבלייבען ביז איהר וועט צוריק צוא אייערע קראַפטען קומען, אונ איך וועל אין דער פריה נאך נולביל פאהרען, אום צוא אַרעסטירען דיא באַנדיטען ....

אויף דעם צווייטען טאג איז ראזענבלאטט נאך נולביל אבגעפאהרען, אונ איז מיט פאַליציע אויף מאריא שטראַסע געגאַנגען, וואו ער האט צוא זיין גרויסען בעדויערען ערפאַהרען, דאס לייב שווינדעל מיט זיין פאַמיליע האבען זיך אין דיעזער נאַכט פון דעם הויז אַרויסגעצויגען.

— א וויא דומם איך וואַר! — האט דער אַלטער פערצווייפעלט צוא זיך זעלבסט געשריען — ווארום איז מיר ניט איינגעפאַלען דאס איך זאל פון ווארשא צוא דער היגער פאַליציע דעפעשירען מען זאל דיא באַנדיטען פאַנגען? .... יא, דיא באַנדיטען וואַרען פאָר־זיכטיגער פון מיר ... אונ האבען זייערע מיטהעלפער טעלעגראַפירט. זייא זאלען דאס הויז פערלאַסען .... איך זעלבסט ביז אין אַלעס שולדיג ... א, אַלטער נאַרר!

12.

גערעטעט.

1

דיא נאַכט מיט איהר שוואַרצען שלייער,
האט בעדעקט דער שוואַרצער זעע,
דער פראסט ברענט וויא פייער,
פון הימעל שיט אַנעדיכטער שנעע ....

(ציגיינער ה״כ)

עס זיד, עס רוישט דאס מעער,
דיא וועלען טאנצען און שפרינגען,
ווארפען מיין שיפעל אהין און אהער,
און ווילען עס איינשלינגען ....

2

עס יאמערט אשרעקליכער ווינט,
גלייך וויא ער וואלט שרייען:
„עס איז שוין צייט, מיין קינד,
„דוא זאלסט שלאפען געהן“! ....
א, דוא גרויסער וועלטס-קאפיטאן!
וויא קלוג האסט דוא אלעס געמאכט,
פערזארגט האסטוא דעם ארבייטס-מאן,
מיט דער שווארצער רוהיגער נאכט ....

3

דאן פערגעסט ער אין אלע געשעפטען,
און זיינע ליידען און פלאג,
דאן זאמעלט ער נייע קראפטען
אויף דעם פרישען קינפטיגען טאג ....
איך לאך פון דיר, שטורעם שלעכטער!
דען מיך היט דער איינציגער גאט,
עס שלאפט ניט, עס דרימעלט ניט דער יודישער וועכטער,
שמע ישראל! .... ד׳ אחד! ....

דיא איינינע פערזען האט געזונגען איין ארימער פישער, פאהרענדיג אויף זיין קליינעם שיפעל, וועלכעס דיא וועללען האבען וויא איינע באלל (פילקע) געשליידערט ארויף און אראפ; זעהר טיכטיג האט דער פישער דיא וועללען אויסגעמידען און פארטגעזעצט זיין טרויעריגעם ליעד:

„איך לאך פון דיר, שטורעם שלעכטער!
„דען מיך היט דער איינציגער גאט ....
„מיין יוספקען האסט דוא“ ....

דער ארימער פישער האט דעם פערז ניט געענדיגט און איז פלוטצלונג שטיל געווארען, דען ער האט דער הערט, דאס אשווערער געגענשטאנד איז אין וואסער געפאלען ....

— וואס זאל דאס בעדייטען? — האט דער פישער זיך זעלבסט געפרעגט — איז אשווערער שטיין פון יענעם דאמפפער (שיף) אראפ געפאלען? .. אבער ניין! איך דענק, דאס דער מאכטיגער ווינט

האט איין אונגליקליכען מאטראז אין וואסער געשליידערט, אדער דאס וואר אזעלבסטמארד ··· יא, דאס איז ריכטיג! איך מוז דעם אונגליקליכען רעטען!

ביי די ווארטער, האט ער זיין שיפעל געריכטעט גלייך צום דאמפפער, אבוואהל דאס וואר זעהר ריזיקאליש, דען ער האט געמוסט זיך שיפען געגען די הויכע שטירמענדע וועלען, וועלכע וואַרען יעדער מינוט ברייט זיין שוואכעס שיפעל איין צושלינגען.

ענדליך נאך אשווערער ארבייט, איז איהם דאך, צייט צעהן מינוט, געלינגען צוא צוא קומען ניט וייט פון שיף און מיט זיינע גליהענדע אויגען האט ער עטוואס געזוכט ··· פלוטצלינג האט ער בעמערקט אהאנד שווימענדיג אויף דעם וואסער —

שנעל וויא איין אויגענבליק האט ער זיך איינגעבויגען און באלד איז אין זיין שיפעל איין אונמאכטע פרויענצימער געלעגען. —

דער ארימער פישענפאנגער האט געשריען, געמאכט צייכענס מיט די האנד אום מען זאל איהם פון דער גרויסער שיף רעטונג געבען, נאר זעהענד, דאס קיינער בעמערקט ניט און הערט ניט זיין געשרייא, האט ער מיט אלע קראפטען גענומען ארבייטען, אום דער שטורעם זאל זיין שיפעל ניט איבערקערען; זעהר ענערגיש האט ער געגען די שטראמען געשטריטען און אין איין האלבע שטונדע ארום איז ער צוא געקומען צום ברעג וואו פון צוואנציג שריט וייט האט זיך ארויסגעזעהן אקליין פייעריל.

שנעל האט ער זיין באט צוא איין בוים צוגעבונדען, און גענומענד אויף זיינע ברייטע פליעצעס דער אונמאכטער, איז ער אוועק מיט דער ריכטונג גלייך צום פייעריל. —

בענאהע צעהן מינוט איז דער מאן מיט זיין לעבעדיגער לאסט געגאנגען, ענדליך איז ער צוגעקומען צוא אקליין ניעדעריגעס הייזעל מיט אשטרויענעם דאך, וואו ער האט לייזע (שטיל) אנגעקלאפט.

— געלויבט איז גאט, וואס האט דיך פון שטורם געשיצט — האט זיך פון אינעווייניג אפרויענשטימע געהערט — איך בין געווען זעהר אונרוהיג ··· ווארט, דניאל, איך עפען דיר גלייך.

די ניעדעריגע טהיר האט זיך געעפענט און דניאל מיט זיין לאסט איז אריין אין איין קליינעם זויבערין צימער, וואו עס איז געשטאנען איין אלטער טיש מיט איינינע געלעכערטע שטוהלען, אויך איין איינפאכע ברייטע בעט, אויף וועלכער דניאל האט דער אונמאכטער אוועק געלייגט.

ביא דער שיין פון דער דונקעלער לאמפע, וועלען מיר דעם גוטען פיש-פאנגער מיט זיין פרויא קענען בעטראכטען:

דניאל איז איין פונפציגיאהריגער מאן, נאר ער זעהט אויס פיעל יונגער; זיין לאנגע עטוואס גראע בארד, זיין רונדע נאז צייגען דאס ער שטאמט פון דעם פאטער יעקב ... ער איז פון הויכען וואוקס, מיט ברייטע געזונטע שולטערין, אויף זיין געזיכט, פון וועלכען עס האט בלוט געשפריצט, איז אימער וויא אשמייכעל געלעגען, אויך פון זיינע קלוגע אויגען האט מען ארויסגעזעהען: ענערגיע, צופרי-עדענהייט. זיינע אלטע קליידער זייגען גאנץ אונ זויבער, מיט איין ווארט: ביים ערשטען אויגענבליק קען מען ערקענען, דאס דניאל איז איין פלייסיגער ארבייטס-קעריל, וועלכער איז צופריעדען מיט זיין שיקזאלל.

זיין פרויא זעהט פיעל יונגער אויס, פון מיטעלען וואוקס, ניט איבעריג דיק; אין איהר עדעלעס געזיכט האבען געברענט צוויא שווארצע אויגען אונ מיט פראגענדע בליקען האט זיא בעטראכט דעם טויטען גאסט, וועלכען איהר ליעבער געמאהל האט אויף דעם בעט געלייגט. וויא עס זעהט אויס האט דיא ערשראקענע פרויא געוואלט עטוואס פרעגען נאר זיא האט עס ניט געוואגט. דען דניאל וואר ביא איהר געשעצט, אונ געאכט, זיא האט געוואוסט, דאס איהר ערגעבענער מאן וועט קיינע זינד בעגעהן, בעזאנדערס האט זיא אימער געציטערט פאר זיין שטרענגען בליק: דאך האט זיא זיך לאנג ניט געקענט איינהאלטען אונ מיט שרעק געפרעגט:

— אום גאטעס ווילען, דניאל! ווער איז דיא טויטע פרויא, וועלכע דוא האסט אויף מיין בעט געלייגט?

— מאך קיינע פראגען, חנה, אונ העלף מיר ערמינטערען דער אונגליקליכער — האט דניאל שטרענג געזאגט — פיליייכט וועט אונז געלינגען איהר צוריק צום לעבען צוא ברענגען, נאכהער וועל איך דיר אלעס ערצאהלען ....

ביא דיא ווארטער האט דניאל דער בעוואוסטלאזער פרויא אויף דעם פלאר (פאדלאגע) געלייגט. איהר ווייסע נאסעם קלייד האט ער לויז געמאכט אונ איהר געקייקעלט פון איין ארט צום צווייטען.

פיעל וואסער האט געזעצט פון דער אונגליקליכערס נאז אונ מויל; אין דער צייט איז חנה אריין אין צווייטען פינסטערען צימער אונ באלד צוריק געקומען מיט איין פלאש ספירט, מיט וועלכען זיא האט דער אונמאכטערס האנד אונד קארפער פעסט געריבען, ליידער האט דיא ערטרונקענע פון זיך קיין צייכען פון לעבען גע-געבען; איהרע אויגען ווארען געשלאסען; דאס געזיכט בלאס וויא

קאלך

קאלך, דער קארפער וויא אייז, אונ איהרע ציין ווארען וויא צונאנדגעשמידט.

מיט פיעל שוועריגקייטען האט דניאל איהר מויל גיעפענט אונ איהר אייניגע טראפפען ספירט געגעבען: אגאנצע שטונדע האבען דיא גוטע מענשען שווער געארבייט; פון זייערע געזיכטער איז שוויים גערונען. ענדליך האט זיך אשווערער זיפץ פון דער אונגליקליכער הערץ ארויסגעריסען.

— זיא איז געראטעט! — האט דניאל מיט פרייד אויסגעשריען — יעצט חנה וועלען מיר איהר אויף דעם בעט לייגען אונ איהר גוט ארומדעקען אום זיא זאל זיך ערוואַרמען.

ביידע האבען דער אונמאכטער אויף דעם בעט געלייגט אונ איהר גוט איינגעהילט מיט דניאלס אלטען פעלץ, אונ חנה איז אין שטאדט געלאפען נאך אפלאש וויין. —

— זיא וועט לעבען! — האט דניאל צוא זיך זעלבסט געזאגט, אלס ער איז אליין אין צימער געבליעבען אונ זיין אויער צוא יער אונגליקליכערס הערץ צוגעלייגט, וועלכעס האט זיך עטוואס בעוועגט. —

— יא, — האט דער גוטער מענש ערוויעדערט — איך זעה אין איהר שפורען פון לעבען: איהר געזיכט בעקומט עטוואס פארב; דער קארפער פאנגט זיך אן צוא בעוועגען, דער פולס געהט לאנגזאם, זיא וועט באלד אנפאנגען צוא אטהעמען .... דאנקען גאט, וואס ער האט מיר דיא געלעגענהייט געגעבען צוא רעטען אמענשען פון איבערען טויט, פיליכט האט מיר דער אלערהעכסטער צוליב איהר קרעפטען געגעבען, איך זאל קענען שטרייטען געגען דיא באזע שטירמענדע וועלען, וועלכע האבען געהאט לוסט צוא מיין שיפעל ....

אין איין האלבע שטונדע ארום האט חנה אפלאש וויין מיט אנדערע ערפרישונגען געבראכט. אין דער צייט האט שוין דיא אונמאכטע פרייא געאטהעמט אונ בעוועגט מיט איהר גאנצען קארפער.

— חנה! — האט דניאל מיט שטראהלענדע אויגען אויסגערופען — אונזער טויטע ווערט צוריק לעבעדיג אונ מיר קענען יעצט שטאל־צירען, דאס מיר האבען אמענשען פון טויט געראטעט; דיא נאכט וועט אונז בלייבען איין עוויגער איינדענקונג, דען איך זעלבסט וואר אין גרויס געפאהר: דיא וועלען האבען געוואלט מיך צונעהמען אויף נאכטלאגער .... נאר דאנק דעם שעפפער, איך האבע זייא בעזיעגט אונ פון זייערע ברייטע מיילער איין אונשולדיגען אפפער

ארויסגענומען

ארויסגענומען .... יעצט מיין טהייערע, גיב דער פרויא איין לעפעל וויין אונ נאכהער וועל איך דיר אלעס ערצאהלען.

חנה האט גלייך דער אונמאכטער איין לעפעל וויין געגעבען, אם-ענדע האט איהר דניאל ערצאהלט, וואס אונז איז שוין בעוואוסט.

— א, דוא שלעכטער מענש! — האט חנה מיט טרעהרען געזאגט — דוא שטעלסט אימער דיין לעבען אין געפאהר; האסט דוא פערגעסען יענע שרעקליכע נאכט, אלס דער שטורם האט אונזער איינציגען, פינף יאהריגען זאהן איינגעשלונגען? א, יוסף'קע! אונ-שולדיגע יונגע נשמה! דיינע ביינדעליך זיינען צוא קבר ישראל ניט געקומען! וויא אונגליקליך איז זיין עלענדע מוטער! ....

דאס היינטיגע מאל, ליעבער דניאל, פערציייהע איך דיר, וויל דוא האסט אמענשען געטעטעט, אבער מעהר בעשוואר איך דיך זאלסט דוא אין שטורם ניט פאהרען, דען דוא האסט מיר שוין איין מאל מיין הערץ געלעכערט .... גענוג האב איך איבערגעקלערט, ביז איך האב דיך דער לעבט צוא זעהן ....

— איך לאך פון דיא שטירמען — האט דניאל באז געזאגט — מעהר וועלען דיא טייפלען מיך ניט בערויבען .... דער אלטער אונגליקליכער פישפאנגער איז געוואוהנט מיט זייא .... אונ ליעבט זיך מיט דיא בעסטיען צושפיעלען .... איך זאג דיר דיא ווארהייט, דאס איך האבע שוין געדענקט צוא נאכטיגען בייא איין בעקאנטען בויער, נאר ווען עס קומט דיא נאכט, ציהט מיך אהיים צוא מיין אלטער, וועלכע איך זעה ניט אגאנצען טאג, אונ ניט קוקענד אויף דעם שטורם, בין איך אהיים געפאהרען .... יעטצט, אלטע, גיב מיר עטוואס אין מויל, דען איך לייד הונגער. —

באלד איז אויפ'ן טיש, ברויט, קעז, פוטער געשטאנען; דער ארימער פישער האט זיך געוואשען אונ מיט גרויס אפעטיט האט ער אלעס געגעסען אונ אלס ער וואר פערטיג מיט דעם אבענדברויט האט ער פרום אבגעבענשט אונ לייזע איז ער אויף דיא שפיטצען פינגער צוא דער קראנקערס בעט צוגעגאנגען, וואו ער איז איינציגע מינוט פערטראכט געשטאנען אונ בעטראכט יעדער מינדעסטע בעוועגונג. ענדליך האט דיא אונגליקליכע איהרע אויגען געעפענט אונ מיט איין שוואכער ציטערענדע שטימע האט זיא געפרעגט:

— וואו געפין איך זיך יעטצט?

— בייא גוטע מענשען — האט דניאל מיט חנה'ן אין איין שטימע געאנטווארטעט — בערוהיגט אייך, פריינדין, דען אייך איז יעצט שעדליך צוא רעדען.

דיא אונגליקליכע האט מעהר ניט גערעדט אונ איהרע אויגען

פעסט געשלאסען; איהר קארפער האט שרעקליך געציטערט, איהר ציין האבען מאכטיג געקלאפט, דאס דניאל איז אונרוהיג געווארען.

— דיא אונגליקליכע האט איין שטארקען פיבער געקריגען — האט ער טרויעריג צוא חנה'ן געזאגט — שמיער איהר אויס מיט ספירט, גיב איהר נאך אלעפעל ווייען אונ מיר וועלען שלאפען געהן, דען דיא קראנקע דארף רוהע האבען. —

דיא גוטע פרויא האט איהר געמאהלם בעפעהל ערפילט, באלד וואר שטיל אין צימער אונ אלע זיינען געשמאק ענטשלאפען געווארען.

גאנץ פריה איז דניאל מיט זיין פרויא אויפגעשטאנען אונ דער בעוואוסטלאזער קראנקער אבערמאלס אלעפעל וויין געגעבען; דניאל איז צוא זיין ארבייט געגאנגען אונ וואר צופריעדען, וואס ער האט אמענשען גערעטעט. —

13.

ליעב הונד!

עס וואר זעהר איין פינסטערע נאכט; אלע האנדלען זיינען געשלאסען, דען דער ווארשיווער שטאדט'ס זייגער האט דיא צוועלפטע שטונדע געשלאגען.

אין איין געהיימען שענק, וועלכער געפינט זיך אין איינע פון דיא ווארשאווער אונטערגאסליך, אין איין בעזאנדערען פערשלאסענעם צימער, זעהען מיר זיטצען בייא איין טישעל, אויף וועלכען עס שטעהען פיעל לערע פלעשער, אונזערע צווייא בעקאנטע באנדיטען, וועלכע זיינען שוין האלב בעטרונקען אונ פיהרען פאלגענדען געשפרעך:

— זעהר גליקליך האבען מיר היינטיגען אבענד געשפיעלט.... בראווא, זרחקע! דוא ביזט אהעלד אונ דעם נארישען פערשיטער (מסר) מיט דיין העכטעל (מעסער) אגוטען קיצעל געגעבען.... זאל ער וויסען וואס גוטע ברידער קענען.... איך דענק דאס ער וועט זיין אגוטער מליץ פאר אונז....

— חא! חא! חא! האט זרחקע ווילד געלאכט — דוא פייפקע האסט אויך דיין נארישער שוויגער ניט שלעכט אנגעפייפט.... זאל זיא זיך האלטען מיט דיין פעלץ.... דוא האסט נאר אפעהלער געמאכט, וואס דוא האסט דיין כתיבה (בריף) צוא שווינדלען אין בריעפקאסטעל ניט אריין געווארפען... נאר זאלען זייא זיך ווארגען

מיט איהם צוזאמען ···· איך האב גלייך צוא לייב'ן דעפעשירט, ער זאל דיא נאכט זיך ארויסקלייבען פון זיין וואוינונג ···· אונ איידער זייא וועלען אין נולביל קומען, וועט שווינדעל אויף דער צווייטער זייט נולביל פערשוואונדען ····

— געוויס — האט זרחקע געאנטוואָרטעט אונ אנגעצען געטהון, דאס איבעריין גאנצען צימער האט זיך געהערט אגערוך פון בראנפען — מיר וועלען צוא קיין היגען וואקזאל (באהנהויף) ניט קענען פאהרען, דען מען קען אונז גאנץ לייכט ערקענען אונ אוועק פיהרען אין הויכען ארט ···· איך דענק, דאס מיר זאלען מיט איין פוהר צוא דער ערשטער סטאנציאן פאהרען אונ פון דארט גלייך נאך לעסדיץ ···· דען אין נולביל זיינען מיר אימער אין געפאהר ···· מיר קענען אריינפאלען אין נעץ ····

— דוא האסט רעכט, זרחקע, מיר וועלען אין איינינע טאג ארום מיט איין פוהר אין דעם קליינעם פאלנישען שטאדטעל נייא-מינסק פאהרען, יעצט וועלען מיר שלאפען געהן, דען איך בין זעהר מיד ····

— ווארט, פייפקע נאך איינינע מינוט, זאג מיר נאר, ברודער, וויפיעל געלד, איז אונז געבליעבען פון אלע געשעפטען? ····

— דאס וועל איך דיר זאגען אין לעסדיץ ···· יעצט וויל איך שלאפען ····

— פייפקע! — האט זרחקע מיט אטייפלישען געלעכטער געזאגט — ווילסט דוא מיר ניט אמאל אנפייפען? זאלסט ניט קלערען דאס איך בין אפרייער (אומוויסענדער) זרחקע לאזט זיך ניט שפייען אין דער קאשע ···· איך וויל יעצט וויסען וויפיעל געלד מיר האבען אונ זיך צוא טהיילען גלייך אויף גלייך, דען אויף דיין ברעשמאיעם (יראת שמים) קען איך מיך ווייניג פערלאזען ····

— אונ איך וויל יעצט מיט דיר קיינע רעכענונגען האבען — האט פייפקע בייז געזאגט, וואהרענד זיינע קליינע אייגעליך האבען וויא בייא אקאטץ געבליצט — דוא געהמסט נאך ניט איין זויא גיך אמיתה משונה ···· אונ וועסט נאך צייט האבען אין איינינע טאג ארום עטוואס געלד צוא בעקומען ····

— עטוואס געלד זאגסט דוא! — האט זרחקע וויטהענד געשריען — אויסוואורף! ארוח אין דיין הערץ אריין ···· האב איך ניט גלייך מיט דיר אויף דעם געלד געארבייט? וואס בין איך דיין קליין יונגעלע, וואס דוא ווילסט וויא אהונד ווארפען אביין ···· בערעגיס בראט! (היט זיך ברודער!) יא טעביע פאקאזשו! (איך וועל דיר ווייזען!)

ביא דיא ווארטער האט ער צוויא פויסטען געמאכט אונ זיך וויא אטיגער געגען זיין פיינד געשטעלט. —

— איך לאך פון דיין פארשיוועט קאפ! — האט פייפקע ראזענד אויסגערופען אונ זיך האסטיג אויף געשטעלט — וואס דענקסט דוא, זרחקע, איך וועל זיך גלייך מיט דיר טהיילען? האסט דוא גלייך מיט מיר געארבייט? ווער האט ביא שארלאטען איהר געלד אונד זאכען אויסגעשווינדעלט? ווער האט דיא פאלשע הונדערטער בעשטאדט? .... יא, איך לייקען ניט, דוא האסט מיר עטוואס מיט געהאלפען, וועל איך דיר דער פאר צאהלען ....

— דוא וועסט מיר צאהלען! — האט זרחקע געדאנערט אונ זיינע אויגען זיינען געווארען מיט בלוט פערגאסען — אין דיין טאטענס טאטען אריין! גנב! באנדיט! איך וועל דיר דיא מינוט מיט מיין מעסער דיא קישקעס ארויסלאזען! מיין געלד זאלסט דוא מיר געבען, הערסט?

ביא דיא ווערטער האט ער פון זיין שטיפעל אלאנגען בלאנקעס מעסער ארויסגעהאפט אונ זיך געגען דעם פאלשען אווגוסטען געשטעלט.

— פאמני, (געדענק) זרחקע, — האט דער גערייצטער פייפקע זיין געגנער געווארענט — אויב דוא ווילסט לעבען אונ זיין אנאש בראט .... (אונזערער ברודער) זויא לייג זיך שלאפען, זאנסט ביזט דוא אטויטער אויפ'ן ארט ....

— מערוויכער! (גנב!) דוא וועסט מיך ערמארדען? — האט זרחקע געבריהמט אונ ארוססישע ברכה געגעבען .... דוא, פייפקע פארך, וועסט זרחקען, איין אלטען גוטען ברודער, שלאגען? ניין! דוא וועסט עס ניט דער לעבען! איך וועל דיך וויא איין וואנץ צוקוועטשען!

ביא דיא ווארטער האט ער זיך מיט זיין מעסער אויף פייפקען געווארפען, צום אונגליק האט פייפקע דעם איבערפאל נאך פריהער בעמערקט אונ איז אין אזייט אבגעשפרונגען, שנעל האט ער אשטול געהאפט, מיט וועלכער ער האט זרחקען זוא שטארק מכבד געוועזן דאס דער לעטצטער איז אויף דער דיעלע געפאלען, באדענדיג זיך אין בלוט ....

— מערדער! ארוח אין .... — האט זרחקע געשטאמעלט, נאר פייפקע האט איהם ניט געלאזט ענדיגען דיא ברכה אונ דעם אונמאכטען באנדיט אבערמאלס מיט דעם פוס אין הערצען אויף איבערין קאפ געגעבען, דאס זרחקע איז האלב טויט געבליעבען אונ דאס בלוט האט וויא פון איין געקוילערטען אכס געזעצט ....

באלד האט פייפקע איין טאשענטוך ארויסגענומען, מיט וועלכען ער האט דעם אונמאכטענס מויל פערשטעקט אונ אלס ער האט

דעם

דעם אונמאכטענס מויל פערשטעקט אונ אלס ער האט געהערט, דאס זיין פיינד אטהעמט ניט מעהר, האט ער פון איהם זיין נייעם פאלטא אראפגעצויגען אונ איז ארויס פון צימער ....

— גוט בעצאהלט! האט פייפקע צוא זיך זעלבסט געזאגט, אלס ער וואר שוין אויף דער שטראסע — דיין פאלטא איז יעצט פאר מיר וויא געוואונשען .... דען מיין פעלץ איז ביא דער פערפלוכטער שוויגער געבליעבען .... ציטער פאר פייפקען! ליעג הונד!

14.

שבת קודש.

וויא גאטליך, וויא ערהאבען, וויא זיס איז דער הייליגער שבת! אין דעם טאג ווארפט פון זיך אראפ דאס קליינע שוואכע מענשעלע, זיינע זארג, זיין ארבייט, זיין קאפדרעהעניש אונ רוהט זיך אויס פאר אגאנצע וואך. צופריעדען פון דעם שבת זיינען אויך דיא רייכע, ביא וועלכע אין איין איינפאכען טאג פעהלט אויך ניט דער גוטער מיטאג .... אבער נאך צופריעדענער פון דעם הייליגען טאג איז דער ארימאן:

אגאנצע וואך האט ער וויא אפערד געארבייט אונ קיין צייט געהאט זיך רעכט צוא פרעהען מיט זיין ווייב אונ קינד; אגאנצע וואך האט ער זיך ניט ארומגעוואשען אונ אין זיין מויל איז קיין לויט פלייש געקומען .... פינסטער, טריביג, איז אגאנצע וואך אין זיין ענגען שמוטציגען וואוינונג .... אבער זעהט נאר דעם זעלבען ארימען ר' יעקב שבת .... איא איהר דערקענט איהם ניט? זיין קערפער איז ריין ארומגעוואשען; זויבער זיינען זיינע קליידער; אויף זיין אימער פערזארגטעס געזיכט ליעגט פרייד, האפענונג אונ מוטה; ליכטיג איז אין זיין ענגען וואוינונג; ריין איז אין יעדען ווינקעלע, גלייך וויא אלעס וואלט זיך מיט געפרייט .... אויך זיין צווייטע העלפט (פרויא) האט גאר איין אנדער פנים געקריגען .... עס איז גאר ניט דיא זעלבע יענטע: איהרע קליידער בלאנקען, איהר געזיכט פלאמט דיא אויגען לעבען; דעם גלייכען דיא קינדערליך זיינען וויא נייגע-בארען; דיא קאפעליך שאן פערקעמט, דיא קליידליך זיינען ציכטיג דיא אונשולדיגע הערצעליך קלאפען פון פרייד, זעהענד דיא פיעלע שפייזען, וואהרענד אגאנצע וואך האט געפעהלט אשטיקעלע ברויט .... וויא היממליש, וויא מילד זעהט אויס ביא דיא ארעמע קינדער דער

שבת'דיגער ריין'געדעקטער טיש, אויף וועלכען עס געפינען זיך, חלות, וויין, פיש, און ליכט ברענען וויא שטערען ....

דיא מוטער דער לאנגט צום טיש איין שפייזע נאך דער צווייטער; דער פאטער מיט אריהרענדער מעלאדיע זינגט דיא שבת'דיגע „זמירות“. אלעס זינגט מיט .... ווייניג גערעדט: אוואהרער גן עדן איז שבת ביים ארימאן.

דאס זעלבע זעהען מיר ביא דעם ארימען פישער ר' דניאל סגל: דאס קליינע ניעדעריגע שטיבעלע איז העל בעלייכט פון זעכס בענטש'ליכט, דען עס איז פרייטאג צוא נאכט'ס; דניאל, וועלכער איז יעטצט געקליידעט אין אנייעם זויבערען קאפטיום מיט אשווארצען הוט, האט אב געדאבינט מעריב און מיט איאמעריליכע שטימע האט ער „שלום עליכם“ געזונגען און קידוש געמאכט, אויף זיין אדעל ריינעם געזיכט ליעגט אמונטערקייט, אבעזאנדערע פרייד, אויך חנה אין איהרע זויבערע קליידער איז ניט דיא זעלבע און זעהט אויס פיעל שאנער און יונגער, מיט איין ווארט: איין הימלישע פרייד הערשט איבער'ן גאנצען צימער.

דניאל מיט זיין פרויא האבען מיט אפעטיט אב געגעסען דעם אבענדברויט און פרומם געבענשט דעם שעפער פאר זיינע גענאדען, ענדליך זיינען ביידע צום בעט צוגעגאנגען, אויף וועלכען אונזער בעקאנטע קראנקע איז רוהיג געשלאפען.

— האסט דוא איהר הייגט עטוואס אין מויל געגעבען? — האט דניאל זיין פרויא געפרעגט — וויא פיהלט זיא זיך? איז איהר שוין בעסער? האט זיא הייגט מיט דיר עטוואס גערעדט?

— אשאנע פראגע אחלעבין, — האט חנה מיט אפארוואורפע געאנטווארטעט — צוא איך האב איהר אין מויל געגעבען, געוויס וועל איך איהר ניט לאזען ליעגען מיט אטרוקענעם צונג, דאנקען גאט, זיא האט הייגט געשוויצט און מיט איינינע שטונדען צוריק האט זיא מיט מיר גאנץ פערשטאנדליך געשפראכען; איך זאג דיר, מיין ליעבער מאן, מיר זיינען ניט ווערטה דעם חסד .... איך בין פון היינטיגען טאג נייא בעלעבט געווארען, פערגעס ניט, שוין באלד צווייא וואכען ליעגט זיא בעוואוסטלאז! איך האב זיך געשראקען, פיליייכט וועט זיא עס ניט איבערטראגען .... יעטצט בין איך רוהיג.

— גאט איז מיט דיא עלענדע — האט דניאל, אויפהייבענדיג זיינע פייכטע אויגען צום הימעל, געזאגט — איך קען דיר גאר ניט פארשטעלען, ליעבע חנה, וויא איינגעבאקען דיא אונגליקליכע פרויא איז אין מיינעם הערצען .... איך ליעב איהר וויא איין אייגען קינד ....

און

— און ביא מיר איז זיא פאר איין טאכטער פערערבענט — האט חנה געזאגט און צוויא טרעהרען וויא פערעל האבען זיך אויף איהרע וואנגען געשטעלט — איך וואלט וועלען זיא זאל ביא אונז עוויג בלייבען ....

מעהר האבען דיא גוטע מענשען ניט גערעדט: ביידע האבען זיך שטארק פערטראכט; ביידע האבען איין אינערליכע שמערץ געפיהלט, און טיעפע זיפצען האבען זיך פון זייערע עדעלע הערצער ארויסגעריסען ....

מיר וועלען זייא לאזען איינינע מינוט שטעהן פערטראכטערהייט און מעהר בעקאנט ווערען מיט זייער לעבענסגעשיכטע, דען זייא וועלען ניט שפיעלען אקליינע ראלע אין אונזער ראמאן.

דניאל איז איין אויסגעדינטער ניקאלייער סאלדאט. זיינע עלטערען, וועלכע ווארען אמאל גאנץ רייך און האבען גרויסע געשעפטען אין דער שטאדט שילאק געפיהרט, זיינען איהם צוא זיין אכטצעהנטען יאהר, צוזאמען מיט צוויא שוועסטער אבגעשטארבען. עלענד אהנע פאמיליע, אהנע פריינד, האט זיך דניאל אבגעשטעלט, נאר וויל פון זיינע עלטערען איז פיעל געלד געבליעבען, האבען זיך אויף איהם פיעל בעלנים געפונען און צוא זיין ניינצעהנטען יאהר האט ער געהייראט מיט זעהר איינע רייכע שאנע פריילין פון גרעסטען אדעל, וועלכע האט גלייך מיט איהם קיינע עלטערען געהאט אויסער איין עלטערען ברודער, וועלכער האט דיא שטעלע פון איהרע עלטערען פערטראטען.

זעהר גליקליך האט דניאל איינינע מאנאטען נאך זיין האכצייט מיט זיין רייצענדער שאנער פרויא, פערעלע געלעבט; ביידע האבען זיך שטערבליך געליעבט, דניאל האט זיך שוין ניט געפיהלט זויא עלענד; אלעס. אלעס האט ער אין זיין געליעבטער פרויא געפונען: זיינע עלטערען, זיינע שוועסטער און ברידער, זיין טרייסט, זיין לעבען, און ווען פערעלע האט איהם מיט איהרע צארטע האנדטעליך ארומגענומען און איהם מיט אזים שמייכעלע אין אויער איינגערוימט, דאס נאך אין איינינע מאנאטען ארום וועט זיא מוטער ווערען .... איז צוא דעם איבערגליקליכען יונגען מאן קיין גלייכען געוועזען .... ער האט דאן פערעלען זויא פעסט צוא זיין הערצען צוגעדריקט, דאס זיא האט ניט געקענט אטהעמען און גאנצע פריידענטרעהרען האבען פייכט געמאכט איהר מילדעס געזיכט. —

ליידער האט ער לאנג פון זיין גליקסבעכער ניט געטרונקען, דען קוים זיינען אכט גליקליכע מאנאטען נאך זיין האכצייט פאר=

איבערגעלאפען, האט מען דניאל'ן פלוצלונג צום מיליטערדיענסט צוגענומען און איהם אויף גאנצע פינפאונדצוואנציג יאהר פון זיין שטילען פאראדיז (גן עדן) פערטריבען*.

דיא הערצרייסענדע יאמערען, דיא געוואלדען און געשרייען פון דיא ליעבע אונגליקליכע פאאר, בין איך אייך ניט אומשטאנד צו שילדערען; ניט איין מאל זיינען ביידע אין אונמאכט געפאלען, ניט זויא לייכט האבען דיא סאלדאטען, וועלכע זיינען נאך דניאל'ן געקומען, דעם אונגליקליכען פון זיין פערצווייפעלטער פרויא'ס ארמען ארויסגעריסען, וועלכע האט אין איין שטימם געשריען: „איך וועל אייך מיין ליעבען געמאהל, מיין זעלע, ניט געבען! ערמארדעט מיך, דען אהן איהם וועל איך ניט לעבען" עס האט אבער ניט געהאלפען זייער יאמער, זייערע בלוטיגע טרעהרען, און דניאל'ן האט מען ווייט נאך קאווקאז פערשיקט.

וויא דעם אונגליקליכען איז דיא ערשטע צייט פון זיין דיענסט צוגעגאנגען, קען זיך יעדער קלוגער פארשטעלען, ענדליך אין דרייא מאנאטען ארום, אלס דניאל איז אין קאזארמע געזעסען און זיך געבאדען אין זיינע טרעהרען, האט מען איהם פון זיין שוואגער אפערזיעגעלטען בריעף איבערגעגעבען, וועלכער האט איהם דיא פינסטערע נאכריכט געבראכט, דאס זיין געליעבטע פרויא האט מיט זעכס וואכען צוריק אצווילינג, צווייא טאכטער, געבארען און אין איין טאג ארום איז זיין פערעלע אין אבעסערע וועלט געגאנגען ....

פיער מאנאטען איז דער אונגליקליכער פון דער וויסטער נאכריכט אין האספיטאל אבגעלעגען און אלס ער איז געזונד געווארען, האט ער אצווייטען בריעף פון זיין שוואגער בעקאמען, דאס זיינע צווייא טאכטער זיינען צוא זייער זעליגער מוטער געגאנגען און האבען זיין גאנצען קאפיטאל פערקראנקט ....

"גאט האט אויף מיר איוב'ס פלאגען געשיקט„ — האט דער אונגליקליכער געיאמערט און איז אין אונמאכט געפאלען; ווייטער האט ער איניגע מאנאטען אבגעקראנקט, נאר „פון צרות שטארבט מען ניט" זאגט דיא שפריכווארט; דניאל איז געזונד געווארען און גאנצע פונפצעהן יאהר ערהליך אבגעדיענט, וויל נאך דער בעוואוסטע סעוואסטאפאלער קריג איז דניאל פרייא געווארען פון זיין דיענסט, וועלכע האט איהם פאר איין טיכטיגען מאטראז געמאכט, דען גאנצע צעהן יאהר האט ער זיך אויף דעם מעער געפונען. —

פון

---

*) אין זעליגען קייזער ניקאליים צייטען האט מען 25 יאהר געדיענט. —
(ציניינער ח"ב)

פון זיין שוואגער האט ער די גאנצע צייט מעהר קיין בריעף בעקומען אונ אלס ער האט צו זיינעם אבעקאנטען געשריבען, דאס יענער זאל איהם בענאכריכטען וואו זיין שוואגער געפינט זיך, האט ער איין אנטווארט ערהאלטען, דאס זיין שוואגער איז מיט דער פאמיליע אוועק נאך אויסלאנד אונ איז וועלכער שטאדט ווייסט ער ניט. —

אהן אקאפיקע איז דניאל אין דער גרויסער רוססישער שטאדט עססאד געקומען, וואו ער האט זיך געפיהלט עלענד וויא אשטיין אונ געמוזט גאנץ שווער ארבייטען אום זיך צו ערנאהרען.

אהיים האט ער זיך געשעמט צו פאהרען, דען וואס פאר אווערט האט דאן געהאט איין אויסגעדיענטער ניקאלייער סאלדאט? וויא וועט ער קענען זיינע בעקאנטע קוקען אין די אויגען? בעזאנדערס צו וועמען זאל ער פאהרען אונ ווער וועט איהם שטיטצען? בעשלאסען האט זיך דניאל עוויג ניט אהיים צו פאהרען אונ איז ביז היינטיגען טאג אין עססאד פערבליעבען.

די נויטה האט איהם אויסגעלערינט שווער צו ארבייטען אונ אין צוויי יאהר ארום נאך זיין דיענסט, האט ער איין ארימע יתומה געהייראט, וועלכע איז קיין אנדערע וויא אונזער בעקאנטע ארדענטליכע חנה.

שוין באלד פיערצעהן יאהר לעבט ער פריעדליך מיט זיין צווייטער גוטער פרויא, וועלכע האט איהם ניין מאנאטען נאך דער האכצייט אשאנעם זאהן געבארען. דאס נייא געבארענע קינד, יוספקע, וואר זייער גאנץ לעבען, זייער טרייסט; פינף יאהר האט דאס שאנע קינד זיינע ארעמע טרייע עלטערן געטרייסט אונ פערגניגען פערשאפט, ענדליך איין מאהל זומער פאר נאכט, האט איהם זיין פאטער אין באאט (שיפעל) גענומען, אום דעם קינד פערגניגען צו מאכען, צום אונגליק האט אגרויסער שטורם ווינט אויף דעם שווארצען מעער אויסגעבראכען, וועלכער האט דאס שיפעל איבערגעקערט אונ די שווארצע וועלען האבען יוספקען איינגעשלונגען.

דניאל, וועלכער וואר אגוטער שווימער, האט זיך ארויסגערעטעט, אבער זיין יוספקען, זיין ליעבלינג, זיין „בן זקונים" וויא ער פלעגט איהם רופען, האט ער אויף עוויג פערלארען צוזאמען מיט זיינע אלע האפנונגען, מיט זיין לעבען אונ פרייד. אויך די אונגליקליכע מוטער איז פון דעם געאלטערט געווארען, אונ ביז היינט זייערע וואונדען ניט פערהיילט, דען חנה איז ביז היינטיגען טאג קינדערלאז געבליעבען.

קיין קאפיטאל האט זיך דניאל אין דער גאנצער צייט ניט ערווארבען, אויסער דאס קליינע ניעדעריגעס הייזעל, וועלכעס ליעגט ניט וייט פון מעער, געהער צוא איהם, אויך דאס ביסעלע ווירטשאפט פון זיינע קליינע צימערין.

פון וואס ער ערנאהרט זיך איז אונז שוין בעוואוסט, יעטצט קענען מיר אונזער ראמאן פארטזעטצען:

בענאהע איין האלבע שטונדע איז דניאל מיט זיין פרויא געבען דער קראנקערס בעט געשטאנען אונ האבען צווישען זיך קיין ווארט גערעדט .... נאר זייערע אפטע טיעפע זיפטצען, ערצאהלען אונז זעהר פיעל ....

איינינע ווערטער פון דער קראנקער, וועלכע האט זיך פלוטצלינג אויפגעזעצט, האט זייא פון זייערע פינסטערע געדאנקען ערוואכט.

— וואס פערלאנגסט דוא, מיין קינד, — האט חנה מיט שטראהלענדע אויגען דער קראנקער געפרעגט אונ איהר אהייסען קוש אין דיא בלאסע מאגערע וואנגען אנגעפרעסט — ווילסט דוא עטוואס?

— גיבט — מיר — אביסעלע — וואסער! .. — האט דיא קראנקע מיט איין שוואכער שטימע געבעטען — עס דארשט — מיך — זעהר.

חנה האט איהר אהאלבע גלאז וואסער געגעבען, וועלכעס דיא קראנקע האט האסטיג אויסגעטרונקען.

— ליעבע פרויא! ווער איז דער גוטער מענש — האט דיא קראנקע געפרעגט אלס זיא האט חנה'ן דאס לעערע גלאז דער לאנגט — איז ער אייער גוטער געמאהל, וועלכער האט מיין לעבען גערעטעט?

— יא, מיין טאכטער, — האט חנה מיט טרעהרען געאנטווארטעט — פאר דיר שטעהט דיין גוטער רעטער אונ מיין איינציגער עוויגער שיטצער, דען מעהר האבע איך קיינע פריינד אויף דער וועלט ....

— גאט זאל אייך צאהלען, גוטער מענש, האט דיא אונגליקליכע, ווישענדיג איהרע טרעהרען, געזאגט אונ דניאלס האנד צוא איהרע בלאסע ליפפען גענומען — איך דאנקע אייך, גוטע מענשען פאר דער גענאדע, וועלכע איהר האט איין אונגליקליכעס קינד גע־צייגט .... איך האבע זעהר אשלעכטען מיינונג וועגען דער וועלט געהאט, יעצט זעה איך, דאס עס גיבט נאך גוטע מענשען אויף דער וועלט ....

מעהר האט דיא אונגליקליכע ניט געקענט ריידען, דען גאנצע קוואלען טרעהרען האבען איהר שטימע פערשטיקט.

— אונזער בעסטער דאנק וועט זיין, ווען מיר וועלען דיך זעהען געזונד — האט דניאל געריהרט פון איהרע טרעהרען געזאגט — בערוהיג

זיך, מיין קינד, דען דיינע טרעהרען קענען דיר, בעהיטע גאט פערשאדען.

— פערקערט, מיין רעטער, דיא טרעהרען קייקלען אראפ גרויסע שטיינער פון מיין פארוואונדעטעס הערצען .... איך פיהל דאס זייא מאכען מיר פיעל גרינגער .... איך וועל אייך, מיינע פריינד אלעס ערצעהלען, אום אייך זאל ניט וואונדערען, ווארום איך האבע דער וועלט פערהאסט אונ זיך געוואלט דאס לעבען נעהמען .... איך זעה, דאס גאט האט געוואלט איך זאל לעבען בלייבען אום ראכע צוא נעהמען פון מיין מערדער אונ גליקצושטערער ....

ביא דיא ווארטער האט זיא איינגע הוסט געטהון אונ געוואלט וויטער רײדען.

— אום גאטעס ווילען! — האט דניאל אויסגעשריען — מיר פערלאנגען פון דיר קיינע ערקלערונגען, דען דיינע רייד קענען אויף דיינע נערווען אשלעכטען איינדריק מאכען; דוא ביזט יעצט זייא שוואך, דוא וועסט אונז ערצאהלען דאן, ווען דוא וועסט פאלקאם געזונד ווערען ....

— ניין, מיין פריינד, איך פיהל זיך גענוג קראפטיג אייך אלעס צוא ערצאהלען, נאר בעפאר וויל איך וויסען דעם געשעצטען נאמען פון מיין רעטער?

— דניאל — האט דער אלטער מיט טרעהרען געאנטווארטעט — מיין פרויא רופט זיך חנה.

— זעהר אנגענעהם האט דיא קראנקע ערווידערט אונ אגליקליכער שמייכעל האט זיך אויף איהרע בלאסע וואנגען געוויזען — מיין נאמען איז שארלאטא, אדער שארלאטאן, וויא מיין טרייער פאטער האט מיך גערופען ....

שארלאטא האט זייא אלעס ערצאהלט וואס אונז איזט שוין בעוואוסט, נאר דיא נאמען פון איהרע עלטערען אויך פון איהר שטאדט האט זיא פערפעהלט אונ געענדיגט מיט דיא ווארטער: „וואס פון מיין אונגליקליכער מוטער איז געווארען וויים איך זעלבסט ניט, געוויס איז זיא צום פאטער געפאהרען, נאר איך וועל זייא שוין ניעמאלס זעהען .... קיין מאל וועל איך, לייבטזיניגע, מיין גוטען פאטער אין דיא אויגען ניט קענען קוקען אונ וועל לעבען מיט דער איינציגער האפנונג פון מיין מערדער ראכע צוא נעהמען. —

שארלאטא האט מיט איהרע מאגערע האנד איהר בלאס געזיכט פערשטעלט אונ זיך וויא אקליינעס קינד פערנאנדער געוויינט.

דניאל מיט חנה'ן האבען דער אונגליקליכער געטרייסט, ענדליך

האבען דיא ליבע אנגעהויבען אויס צוא געהן אונ אלס חנה האט שארלאטען אנלאזיל ווין מיט טארט געגעבען, זיינען אלע שלאפען געגאנגען.

אין צווייא וואכען ארום איז שארלאטא פאלקאם געזונד געווארען אונ דניאל מיט חנה׳ן ווארען איבערגליקליך.

— יעדער שבת דאט זיין מזל — האט דניאל מיט פרייד זיין פרויא געזאגט — עוויג וועל איך ניט פערגעסען דעם פערצווייא וואכיגען שבת קודש. —

15.

דער אמעריקאנער פרעזידענט.

— האב מיטלייד אויף זיך, מיין ליעבע שוועסטער, — האט הדסה שיינען געטרייסט — וויא לאנג נאך וועסט דוא זיין זויא פערצווייפעלט? דיא גאנצע צווייא וואכען, וואס דוא ביזט בייא אונז, האסט דוא אין טרויער פערבראכט אונ רעכט דיין קאפ ניט אויף געהויבען, פרעג איך דיך, שוועסטער, וואס וועסט דוא דיר העלפען מיט דיין טרויערין? ווילסט דוא וויטער קראנק ווערען? איך האבע אימער געהאפט אויף דעם טאג פון דיין קומען, איך האבע געדענקט, דאס מיר וועלען צוזאמען פערברענגען אונ אויס ריידען אונזערע פערביטערטע הערצער, אמענדע האסט דוא דיא גאנצע צייט מיט דיין איינציגער שוועסטער קיין צווייא ווארטער אויסגערעדט; יא, שיינע, איך געשטעהע, (בין מודה) דאס דיין אונגליק איז גרויס, אבער בין איך דען גליקליכער פון דיר? דאך זעה איך מיט אלע מיינע קרעפטען אוועק צוא שטויסען דעם קומער, וויא איינע העלדין פעריאג איך פון זיך דעם טרויער, נאר קוקענדיג אויף דיר, פערליער איך מיינע לעצטע קראפטען מיט דער גאנצער מוטה.

— א, הדסה! — האט דיא בלאסע מלאנכאלישע שיינע געזאגט — פערצייהע מיר, וואס איך רויב דיין געזונד מיט מיינע טרעהרען אונ טרויער, וועלכע פערגרינגערין מיינע שמערצליכע וואונדען .... קען איך דען מיין אונגליק צוא דיינעם פערגלייכען? דוא האסט אמווייניגסטענס אין דיין גרויסען אונגליק קיין שולד, וואהרענד איך בין אין אלעם שולדיג אונ מיך דריקט דיא געוויסענסביסע .... איך זעלבסט האב מיין שארלאטען אונגליקליך געמאכט אונ איהר יונגעם לעבען גערויבט .... נאר איך האב מיין גוטען עהרליכען געמאהל מיט מיין געליעבטען שלמה׳לן פון זיך זויא הייט פערטריבען .... פריש זיינען מיינע

שרעקליכע וואונדען, וועלכע וועלען אימער אונפערהיילט בלייבען, דען לעבעדיגע צרות זיינען ערגער פון טויט ....

— דוא ביזט אונגערעכט, ליעבע שוועגערין, — האט לעאן געזאגט אונ צוא-געדריקט צוא זיין ברוסט אשאנעס קינד, וועלכעס האט איהם פעסט מיט דיא קליינע צארטע הענדטעליך ארומגענומען אונ מיט אקינדערשטימעלע געשריען: — פאפא! פאפא! — צוא וואס זאלען מיר זיך אויסרעכענען מיט דיא אונגליקען? ניט אונזערער איז קלענער פון דיינעם, אונ ניט דיינער איז גרעסער פאר אונזערען .... דוא, שיינע, קענסט אמווייניגסטענס לעבען מיט דער גוטער האפענונג, דאס דיין שארלאטע, אויך דיין מרדכי מיט שלהמ׳לין וועלען אמאל קומען, זייא וועלען עוויג ניט פערפאלען ווערען, וואהרענד מיר האבען ניט אויף וואס צוא האפען .... בערוהיג זיך, שוועסטער, דוא קענסט האפען אויף דעם גליקליכען טאג ....

— מאמא! מאמא! — האט דאס שאנע קינד ווידער געשריען אונ ביידע הענדטעליך צוא הדסה׳ן אויסגעשטרעקט-מאמאאא!

הדסה האט דאס קינד גענומען אונ עס איינעגע הייסע קוססע געגעבען.

— א, מיין איינציגע טרייסט! מיין עלענדעס קינד! — האט זיא מיט טרעהרען געזאגט — גאט שיקט דיא רפואה פאר דער מכה, ווען ניט דאס שאנע קינד, וואלטען מיר פיעלייכט פון זינען געקומען ....

שיינע האט נאך וואס געוואלט זאגען, נאר דיא טהיר האט זיך פלוטצלונג געעפענט אונ איין געלער ארעמגעקליידעטער יונגער מאן, מיט איין אידיאטישעס געזיכט איז אריין אין זאל.

וואס פערלאנגט איהר, יונגער מאן? — האט לעאן דעם אריינקומענדען געפרעגט אונ איהם פון קאפ ביז דיא פיס בעטראכט, דען ער איז איהם זעהר קענטליך פארגעקומען ....

— איך דארף צוא אייך, מיסטער לעאן, — האט דער יונגער מאן מיט עהרעפורכט אויף איין הייזעריגער שטימע געמישט מיט ענגלישע ווערטער געאנטווארטעט — איך האב אייך געוואלט בעטען איהר זאלט אזויא גוט זיין אונ מיר זאגען ווען מיין פאטערס יאהרצייט קומט אויס .... אויך פערלאנג איך פון אייך איין דזשאב ... (שטעלע)

וויא שיינע׳ן אונ הדסה׳ן וואר אויף דעם הערצען, האבען זייא דאך ארויסגעשאסען אין איין שאלענדעס געלעכטער, אויסער לעאן האט זיך קוים איינגעהאלטען אונ מיט אשמייכעלע דעם ענגלישען דזשענטעלמאן געפרעגט:

— ווער ביזט דוא אונ ווער וואר דיין פאטער, וואס מיר איז זיין יאהרצייט בעוואוסט?

— איך בין, גימפעל, אייער אלטען דינער שמערקעס זאהן, — האט דער יונגער מאן פערשעמט געאנטווארטעט — הערענדיג דיא וויסטע שרה, (בשורה) אז מיין פאטער זונה ברכה (זכרונו לברכה) איז פערברענט געווארען ביא אייך אין טורנאווקער שלאס, האב איך אזויא פיעל געוויינט, דאס איך בין הייזעריג געווארען וויא דיא וואנד אונ איך קען זיך ניט צוא רידהרען צוא דער נאז .... אוי, איז דאס געוועזן אמאטע! איך זאג אייך דעם אמת, איך ביז דאך עפעס געוועזן אויף דער וועלט, נאר אזא טאטען האב איך ניט געזעהן .... אשפאס זיינע בירעס שרייען! (יראת שמים) ער וועט געוויס האבען דעם איידעם .... (גן עדן) אונ וויא ליעב ער האט מיך געהאט! קיין אנדערע ווארטער האב איך פון איהם ניט געהערט נאר: „מיין בן זקונים“ (בן זקונים) „מיין איינציגער קדיש“ איך האב אזא מזיק טאפ (מזל טוב) אין מיין לעבען ניט געזעהען אונ וויא האט מען נאך אזא פאטער ניט יאהרצייט?

ביא דיא ווארטער האט ער מיט ביידע ארבעל דיא אויגען געווישט אונ זיין געזיכט וויא איינע אפפע (מאלפע) פערקרימט.

שיינע מיט הדסה'ן האבען זיך ווייטער ניט געקענט איין האלטען פון לאכען, אונ לעאן האט איהם ווייטער געפרעגט:

— ביזט דוא גימפעל וועווקעס? זעהר שאן פון דיין זייט, נאר פארלייפיג האסט דוא נאך אכט מאנאטען קדיש צוא זאגען, דען דיין אונגליקליכער פאטער איז מיט פיער מאנאטען צוריק געשטארבען אונ צווייא טאג אין חשון וועסט דוא יאהרצייט האבען, נאר זאג מיר, גימפעל, דאכט זיך דוא ביזט געוועזן אין אמעריקא?

— יעסער, מיסטער (יא, מיין העררֹ), — האט גימפעל שוין דרייסטער אויף ענגליש געאנטווארטעט — פינף יאהר בין איך דארט געוועזן אונ ערשט מיט צווייא טאג צוריק בין איך אהער געקומען.

— יעטצט איז מיר שוין קיין וואונדער, וואס דוא קענסט זויא גוט העברייאיש — האט לעאן איראניש געזאגט — אמעריקא לעהרענט שנעל אויס ...

— שור (געוויס) .... — האט גימפעל מיט פרייד ערווידערט אונ אנגעפאנגען ענגליש צוא ריידען — אמעריקא לעהרענט אלעס .... איך קען גוט ענגליש .... וועל, מיסטער, יו גאט וואויק פאר מי? איי עם גוט בוי .... (ד״ה אלזא, מיין העררֹ, האט איהר ארבייט פאר מיר? איך בין אגוטער יונג?

— גרויסארטיג — האט לעאן לאכענד געזאגט — ניט אומזיסט האב איך דיך ניט דער קענט, וויל דוא ביזט גאר איין אנדערער מענש געווארען, ליידער פערשטייא איך קיין ענגליש .... ערקלער

מיר אויף איינפאך יודיש, ווארום ביזט דוא פון אלע אמעריקאנער גליקען צוריק נאך רוססלאנד געקומען? מיט וואס האסט דוא דיך דארט בעשעפטיגט? דאכט זיך דוא האסט געהאט אוייב, וואו איז זיא?

— א, ניחייא (הלוואי) וואלט זיא מיין טאטענס גרוב פערלייגט.... דיא בעסטיע.. דיא פישעריקניצע! (אשת איש-ניצע) יצחק המלך האט געזאגט: „חישע בלאע פארעט דיא נאז"..... (אשה רעה מר ממות) אונ דאס איז זיא מיט דיא ביינער, וויא איך בין אייד.... חישע איז איהר נאמען, ניט איין מאל האט זיא מיר בלא געמאכט אונטער דיא אויגען מיט דער נאז אונ מיך אבגעפארעט מיט זידענדע וואסער.... שטעלט אייך פאר, מיסטער לעאן, איך בין מיט מיין שלאג געקומען אין ניירק (נויארק) אהן אקאפיקע געלד, קיין ארבייט האב איך ניט געקענט, שרייבען האט מיך מיין פאטער כלב שלום (עליו השלום) ניט געלעהרענט אונ שטיינער קלאפען וויא איך פלעג אין רוססלאנד, געהט דארט ניט אן, דען אויף יעדער זאך איז דא מאשינען, דאך בין איך ניט פערפאלען געווארען, וויל גימפיל איז קיין מאל קיין נאר געוועזען.... איך האב גלייך געקעטשט אדזשאב (געקריגען אשטעלע) אבער גאר דיא פיינע.... איך האב דיא סטריט (שטראסע) געריינגט, געפיהרט מיסט אונ געמאכט אפיינעם לעבען, וויל פון דעם דזשאב האב איך פערדיענט זעכס דאלאר אוואך.... רוססישע צוועלף קארבאווניצעס.... איך האב גלייך געדונגען צוויא סעפערעט רומס, (בעזונדערע צימערען) גענומען פארניטשע (מעבעל) אויף אוים צוא צאהלען אונ איך מיט מיין חישע בלאע (אשה רעה) האבען געלעבט אגוטען טאג.... געקליידעט זיינען מיר געוועזען וויא דיא בלאזען, (קניאזען) בעזוכט אפט מאל דעם יודישען טריאטער (טהעאטער) אונ אין אונזער וואוינונג איז געוועזען פומצען מיט ראמי-צען (פיתום ורעמסס) ריכטיג וויא ביא אייך.... אזויא האבען מיר צוויא יאהר אין פלעזשער (פערגעניגען) געלעבט, ביז איך בין פרעזידענט געווארען........

— חא! חא! חי! חי! — האבען זיך אלע שרעקליך צולאכט, דאס גימפיל האט זיך געפונען בעליידיגט אונ צולייגענד זיין האנד צום הערצען האט ער געשווארען:

— איך זאל אזויא דער לעבען צוא זעהען מיין ווייב אין דער ערד, וויא איך בין אגאנץ יאהר פרעזידענט געוועזען ביא דער מאגעווע חאנטשע ראטענגראד (חברה אנשי ראטענראד)....

— יעטצט פערשטייא איך — האט לעאן לאכענד געזאגט — דוא ביזט געוועזען אגבאי ביא דער חברה?

— וויא איך בין איוד, דאס מען האט מיך דארט גערופען „מיסטער פרעזידענט" .... ווען עס איז געווען אמיטונג, (פערזאמלונג) בין איך אויף דער העכסטער טשער (שטוהל) געזעסען, דאס ערשטע ווארט האט גיהערט צוא מיר און ווען איך האב געספיטשט (אריידע געהאלטען) האט קיינער קיין ווארט ניט געטארט אויסריידען .... אלע האבען מיר כבוד אב געגעבען, נאר מיין ווייב האט מיך פיינד געהאט וויא אשפין .... אלאטא (עד עתה) ווייס איך ניט פאר וואס .... צוא ווייל מיר האבען קיינע קינדער געהאט, אדער דער פאר וואס איך האב איהר אלע טאג ניט געמאכט קיין נייע קלייד, פלוטצלונג האט זיא אין אסעפרעט רום אשאנעם יונגען באררדער (קווארטיראנט) אריין גענומען, וויא דיא מאדע איז אין אמעריקא .... מיר האט זיא געזאגט, אז ער צאהלט איהר דרייא דאלאר אוואך .... און פון דעמאלס אן האט זיך מיין אונגליק אנגעהויבען .... דיא ערשטע צייט האט זיא מיר קיין עסען, קיין גלייך ווארט געגעבען און שטענדיג געהאט געשעפטען מיט דעם באררדער אין סעפרעט רומם .... שפעטער האט זיא מיר געוויזען א מאטעלס אד (מתנת יד) און אלס איך האב איהר צוריק דער לאנגט, איז זיא געלאפען צום דזשאדזש, (סודיא, ריכטער) וועלכען זיא האט דער צאהלט דאס איך שלאג איהר מאקס רעטאך (מכת רצח) דער דזשאדזש האט איהר געגלויבט, ווייל אין אמעריקא זיינען דיא ווייבער דאס אבערשטע פון טאפעל, וויא מען זאגט דארט „לידעס פוירסט" און זיינען בעגלייבט אהן ניידעס .... (עדות) קורץ, מען האט מיך פלוטצלונג גענומען און פערשיקט איבער'ן וואססער אין סינג-סינג (נויארקער אסטראג, וועלכע שטעהט אויפ'ן וואסער) וואו איך בין קארגע דרייא יאהר אבגעזעסען* .... קוים האט מען מיך פרייא געלאזט, האב איך ביים רב איבערגעלאזט אגט פאר מיין שד און געמאכט פיס אהיים .... מעהר האב איך אייך ניט וואס צוא ערצאהלען, נאר זאגט מיר מיסטער לעאן, וועט איהר מיר געבען אדזשאב? (שטעלע)

— דא האב איך פאר דיר קיין ארבייט — האט לעאן מיט אשמייכעל געזאגט — ווען דוא ווילסט, זויא פאהר אין טורגאווקע וואו מיר בויען צוריק דעם אבגעברענטען שלאס. דארט וועסט דוא ארבייט קריגען און מאכען בעססערע געשעפטען וויא אין אמעריקא .... יעטצט ענטפער מיר נאך אויף דער איינער פראגע: וואו האסט דוא גענומען אויף רייזע קאסטען פון נויארק אהער?

ביז

---

*) אזעלכע געשיכטען טרעפען גאנץ אפט אין גאלדענעם לאנד אמעריקא. ש"ל. —

— ביז ברעמען בין איך אויף איין אכסען שיף געפאהרען, וואו איך האב בייא דיא אכסען וויא אפערד געארבייט אונ אין ברעמען בין איך פינף וואכען געזעסען, ביז דער קאמיטעט האט מיך אהער אבגעשיקט ....

— אויף ברעמען ביזט דוא געפאהרען? — האט לעאן איבעראשט געפרעגט — האסט דוא ניט געהערט פון דער אונטערגעגאנגענער שיף? וויפיעל מענשען זיינען דער טרונקען געווארען? איז צווישען דיא אונגליקליכע עמיגראנטען געוועזען בעקאנטע מענשען?

— יא, מיסטער לעאן, ווען איך בין געוועזען אין ברעמען האב איך געהערט, דאס אשיף שעלמא, ניין דאכט זיך נעלבא איז אונטערגע־גאנגען מיט עטליכע הונדערט אפעציירען (פאססאזשירען) דאנקען גאט קיין ראטענגראדער יודען האט ניט געשאדט, נאר פון אנדערע שטאדט .... איך האב דארט געהערט, דאס אלעקצער רייכער יוד מיט אקליין פיערואהריג יונגעלע זיינען דער טרענקען געווארען פאהרענדיג נאך לאנדאן ....

לעאן, אויך שיינע מיט הדסה׳ן זיינען בייא דיא ווארטער לייכענבלאס געווארען .... גימפיל האט קוקענדיג אויף זייא זיך ערשראקען אונ געוואלט אוועק געהן ....

— שטייא! — האט לעאן פערצווייפעלט געשריען — אונ זיין גאנצער קארפער האט שרעקליך געציטערט — געדענקסט דוא, גימפיל וויא מען האט דעם לעקצער יוד מיט דעם יונגעלע גערופען?

— איך געדענק — האט גימפיל מיט שרעק געאנטווארטעט — ווארט איך וועל זיך ערמאנען .... זיין נאמען לייגט מען אין דער מגילה .... וואס ער איז געזעסען אויף דעם פערד אונ המן האט עס געפיהרט .... א, איך וויים שוין .... איהם האט מען גערופען, מרדכי בלומטאל, אונ דעם יונגעלע שלמה׳לע .... אבער וואס איז אייך? וואס זיינט איהר אזויא בלאס געווארען?

— געוואלד! געוואלד! — האט גימפעל געשריען, זעהענד וויא אלע זיינען מיט אשמערצליכען געשרייא אויף דער דילע (פאדלאגע) געפאלען — געוואלד! האט דער ערשראקענער וויעדערגעהאלט אונ איז ארויסגעלאפען אויף דער שטראסע — יודען ראטעוועט! (רעטעט) זייא שטארבען! זייא ליגען וויא דיא קאלבער אויף דעם פאדלאגע! געוואלד, יודען! געוואלד!

דאס גאנצע שטאדטעל נאיאב איז זיך אויף גימפעל׳ס געשרייא צונאנד — געלאפען, באלד האט מען ארצטע געבראכט, וועלכע האבען פיעל צייט געארבייט, ביז זייא איז געלונגען דיא אונגליקליכע

צוריק אין לעבען צוא ברענגען; עס װארען געשריען אונ יאמערען ביז אונטערען הימעל; אם מעהרסטען האט געשריען דער אמעריקאנער פרעזידענט. —

15.

דער אונגליקליכער פאטער.

דער גרויסער מאנטיפיורעס — האספיטאל „ װעלכער געפינט זיך אויף איינע פון דיא לאנדאנער פראטפאלע שטראסען, איז בעלעבט פון פיעלע מענשען, װעלכע זיינען געקומען בעזוכען זייערע בעקאנטע קראנקע. דיא גרויסע װאנדאוהר האט צװייא אוהר נאך מיטאג געשלאגען; דאס װאר אסיגנאל (צייכען) פאר דיא האספיטאל בעדיענטע, װעלכע װארען אין דער צייט זעהר בעשעפטיגט מיט'ן אראפפיהרען דיא קראנקע אויף מאשינען (װינדעס) אין גרויסען רייכען אודיענץ-זאאל, װאו דיא קראנקע האבען געטראפען זייערע פריינד װארטענדיג אויף זייא.

אין האספיטאל צװייטער אבטהייל, האבען זיך דיא בעטליך לעער אבגעשטעלט, אויסער צװייא קראנקע, װעלכע זיינען אויף זייערע ריינע בעטליך געזעסען פערטיעפט אין פינסטערע געדאנקען.

איינער װאר אמאן פון עטליכע דרייסיג יאהר, נאר ער האט פיעל אלטער אויסגעזעהן, דען דיא שװערע קראנק אונ זיינע לאנגע בעװאקסענע האר האבען איהם זעהר װילד אונ אלט געמאכט: זיין גאנצער קארפער װאר מאגער װיא אשטעקען, זיינע בלאסע װאנגען װארען װיא צװייא ביינער אונ אין זיינע גרויסע אויגען איז אמלאנכאליע געלעגען.

דער צװייטער װאר פיעל יונגער פאר איהם אונ האט ניט שאנער פאר דעם ערשטען אויסגעזעהען; ביידע אונגליקליכע האבען מיט זייערע האנד דעם קאפ אונטערגעשפארט אונ קיין װארט צװישען זיך איבערגעװעכסעלט.

אטויטע שטילקייט האט איבערין לאנגען טרויעריגען ציממער געהערשט, ענדליך האט דעם יונגען-מאנס טרויעריגע שטימע דיא שטילקייט איבערגעריסען אונ גאנץ שטיל האט ער דעם עלטערען געפרעגט:

— שוין לאנג ליעגט איהר אין דיעזען האספיטאל?
— איך װייס ניט — האט דער עלטערער געאנטװארטעט.
— װיא קען עס מיגליך זיין?

— קיין אונמיגליכעס גיבט אויף דער וועלט.

— האט איהר דא קיינע פערוואנדטע, קיינע פריינד?

אטיעפער זיפצען וואר דעם אונגליקליכענס אנטווארט.

— ווילט איהר אייער אונגליקס-ברודער ניט אנטווארטען? — האט דער יונגערמאן טרויעריג געפרעגט.

— א, מיין פריינד! — האט דער עלטערער מיט טרעהרען געזאגט — זעהר גערען וואלט איך אייך אלעס ערצאהלט, ליידער איז מיר שווער .... דען דאס וועט מיר ערוועקען מיינע אונפערהיילטע גרויזאמע וואונדען, וועלכע איך האב ערשט מיט איניגע וואכען צוריק בעקומען ....

— זייט ניט זויא פערצווייפעלט, מיין עלענדער פריינד, דען דיא צייט קען אלעס פערהיילען .... ניט איהר זייט דער ערשטער אונ דער לעטצטער, וועלכער האט אין זיין לעבען דעם אונגליק בעגעגענט .... איך בין אויך איינער פון זיינע אפפער .... ערצאהלט מיר, מיין פריינד, פיליכט וועט איהר דער מיט פערגרינגערען אייערע פערבארגענע ליידען.

— איך דאנק אייך פאר אייערע טרייסט ווארטער — האט דער עלטערער זיין ערצאהלונג אנגעפאנגען אונ איניגע טרוקענע הוסט געטהון — מיין נאמען איז מרדכי וויינטהאל אוים רוסיש-פוילען .... מיין גרויזאמער אונגליק שטאמט פון מיין אייגענער פרויא, וועלכע שלמה המלך האט „אשה רעה“ גערופען .... זיא האט מיך זויא פעראונגליקט אונד זויא פיעל שאנדע געמאכט, דאס איך וואר געצוואונגען מיט מיין איינציגען פיעריאהריגען זאהן, וועלכען דיא שטירמענדע וועלען האבען איינגעשלונגען אונ זיין יונגעס לעבען געראובט, דען מיר זיינען געפאהרען מיט דער נעלבא, וועלכע איז אונטערגעגאנגען ....

א, שלמהלע, מיין לעטצטע טרייסט! וואו ביזט דוא יעטצט? דיינע ביינדעליך האבען דיא מעער טהיערע אונד דיא ווילדע פישע אויפגעפרעסען!

א, וואס פאר איין גרויזאמער טויט! איך קען זאגאר אויף דיין גראב ניט געהן, אום צוא שטילען מיין פערוואונדעטעס הערץ! וויא אונגליקליך איז דיין קראנקער ארעמער פאטער, וואס ער איז לעבען געבליעבען מיט אזעלכע וואונדען! נאר איך בין שולדיג אין דיין אונצייטיגען טויט!

דער אונגליקליכער איז אויף איניגע מינוט שטיל געווארען, געשלונגען האט ער זיינע טרעהרען, ענדליך האט ער זיין טרויעריגע ערצאהלונג פארטגעזעטצט:

— יא, מיין פריינד, דאס קינד וואר מיין טרייסט, מיין לעבען, מיין האפנונג, יעצט האב איך אלעס פערלארען אונ איך בעדויער וואס איך בין לעבען געבליעבען ··· ניעמאלס וועל איך דאס קלוגעס קינד פערגעסען! עוויג וועט דיא וואונד אין מיין הערצען, בלייבען דען נאר איך האב איהם אין וואסער געשליידערט! איך געדענק נאך וויא יעצט דיא שרעקליכע מינוט אלס דיא שיף האט אנגעפאנגען צוא זינקען אין וואסער, האט דער שיפסקאפיטאן פערצווייפעלט געשריען: „רעטעט אייך מיט אייערע קליינע קינדער"! איך בין מיט מיין שלמה'לין אין ארעטונגס שיפעל אריין געשפרונגען, וועלכעס וואר פולגעפאקט מיט מענשען אונ דיא וועלען האבען אונז אלע אין אבגרונד געשליידערט, וויא לאנג איך בין אין וואסער געלעגען געדענק איך ניט, נאר ווען איך האב מיינע אויגען גיעפענט וואר שוין גרויסער טאג אונ איך האב געזעהען, דאס איך געפין זיך אויף אקליינעם אינזעל, דען דיא שטראמען האבען מיך אהין פערטראגען, מעהר וויא אשטונדע בין איך קראפטלאז געלעגען, אם ענדע בין איך צוא מיין פערשטאנד געקומען אונ מיט אלע קראפטען האב איך געשריען: "שלמה'לע! מיין איינציגער טרייער זאהן", שרייענדיג האב איך מיינע קרעפטען פערלארען אונ בין צוריק אויף דער ערד געפאלען, וויא עס זעהט אויס האט גאט געוואלט איך זאל לעבען בלייבען אונ ניט ווייט פון אינזעל האבען זיך איינינע פישער מיט איין שיפעל געפונען, וועלכע האבען מיין געשריא געהערט אונ מיך אין זייער באאט גענומען, וועלכעס האט נאך לאנדאן אבגעזיעגעלט, מעהר געדענק איך ניט, געווים האבען מיך דיא גוטע מענשען אהער געבראכט אונ וויא לאנג איך ליעג דא איז מיר אונבעוואוסט, איך דענק דאס שוין מעהר איין מאנאט. —

זעהר טרויעריג איז אייער ערצאהלונג — האט דער יונגערמאנן מיט טרעהרען געזאגט, אלס מרדכי האט זיין ערצאהלונג גיענדיגט — איך זעלבסט בין איין לאנדאנער ··· מיין נאמען איז דושעק לעווי, מיין פאטער איז אריכער טוכפאבריקאנט, דאך בין איך ארעם אונ עלענד, דען מיט איין יאהר צוריק האט מיין זעליגע מוטער איין מאכטער געבארען אונ אין צווייא טאג ארום איז זיא געשטארבען. מיין פאטער האט מיט פינף מאנאטען צוריק איין ארימעס פריילין געהייראט, איין נידעריגעס געשאפף פוןווילדען שלעכטען כאראקטער, זעלבסט פערשטאנדליך, דאס איך האבע ניט געקענט מיט איהר הארמאניערען אונ צוליעב איהר האט מיך מיין פאטער פון זיך פערשטויסען, דאס פון שמערצען בין איך קראנק געווארען אונ שוין דרייא וואכען שמאכטע איך אין דיעזען טרויעריגען האספיטאל. וויא איך

איז בעוואוסט וועלען מיר מוזען אויף דער קינפטיגע וואכע דעם האספיטאל פערלאסען, דען זויא האט אונז היינט דער ארצט געזאגט, גאר גאט זייא דאנק איך פיהל זיך גענוג פעהיג מיין ברויט צוא פערדיענען; איך בין אונפערהייראט, פערשטייא איינינע איירפאפעאישע שפראכען, אויך דיא בוכהאלטונג, אבער וואס קענט איהר, מיין פריינד, היער טהון, וואהרענד איהר זיינט זויא עלענד אונ פערשטייט ניט דיא לאנדשפראכע?

— קיינע גליקען זוך איך ניט, מיין יונגער פריינד, איך זוך דעם טויט, וועלכער וועט זיך פארלייפיג לאסען בעגניגען מיט אדאריגע שטיקעלע ברויט....

— אום גאטעס ווילען, מיסטער וויינטהאל — האט דער יונגערמאנן ערווידערט אונ זיינע בלויע קלוגע אויגען זייגען פול געווארען מיט טרעהרען — זייט ניט זויא געפאלען אונ ניעדערגעשלאגען, מיר וועלען צוזאמען דינגען אצימער אונ איך וועל זארגען פאר אייער עקסיסטענץ, ביז איהר וועט זיך קענען זעלבסט פערדיענען.

— אונ מיין שלמהלע? — האט דער אונגליקליכער ווילד געפרעגט אונ פלוטצלונג זיין פערשטאנד פערלארען — ווארט שלמה׳לע! איך וועל דיר קויפען אשאן פערדעלע ... ווארט, מיין זאהן, איך קום באלד צוא דיר! — האט געיאמערט דער אונגליקליכער פאטער. —

17.

ביא מיסטער ווילסאן.

מיסטער העררי ווילסאן איז איינער פון דיא רייכסטע זייף פאב־ריקאנטען אין דער גרויסער שאטלאנדישער שטאדט גלאזגאו. זיין גוטער נאמען קלינגט איבעראל, דען דער מענש וואר זעהר פון אר־דענטליכען פיינעם כאראקטער אונ יעדער אונגליקליכער האט אין זיין הויז שטיצע געפונען. אלזא, ליעבע לעזער, וועט ניט שאדען אריין צוא געהן אין זיין רייכען וואוינונג, אום זיך מיט דער ארדענטליכער פאמיליע מעהר צוא בעקענען. עס וואר אכט אוהר פריה; מיסטער ווילסאן, אמאן פון עטליכע דרייסיג יאהר, מיט איין אדעלעס געזיכט, זיטצט אין אריכען ליכטיגען צימער מיט זיין רייצענדער יונגער פרויא ביא פריהשטיק. זיין צארטעס געזיכט איז שרעקליך בלאסס, זיין שלאנקער קארפער איז זעהר אבגעצערט, גאר זייגע קלוגע אויגען האבען זייער גלאנץ ניט פערלארען, אין וועלכע עס ליעגט לעבהאפטע

ענערגיע און גוטהערציגקייט. וויא עס זעהט אויס איז דער רייכער פאבריקאנט ניט לאנג פון איין קראנק אויף געשטאנען.

דיא זייענדע זילבערנע טהעע מאשינע זיד און רוישט איבערן גרויסען פראכטפאלען צימער; ווילסאן איז שטארק פערטראכט און שפיעלט זיך מיט דיא זיידענע פרענזען (קוטאסען) פון זיין טהייערען שלאפראק. —

פלוטצלונג האט זיין בלאסס געזיכט עטוואס פארב בעקומען און אין זיינע אויגען האבען זיך צוויא קלארע טרעהרען געשטעלט, וועלכע ער האט גלייך אבגעווישט, אום זיין ליעבע פרויא זאל ניט בעמערקען ....

— וואס ביזט דוא, מיין זעעלע, זויא פערקימערט? — האט איהם זיין שאנע פרויא מיט אקלינגענדע שטימע געפרעגט, אלס זיא האט איהם אגלאז טהעע דער לאנגט — א, מיין טהייערע! וויא גליקליך איך בין, וואס איך האבע דאס גליק מיט דיר ווייטער ביא איין טיש צוא זיטצען, וועלכעס איך האבע זיך שוין ניט פארגעשטעלט ... יעצט האפפע איך צוא גאט, וועלכער האט דיך מיט וואונדער גערעטעט, דאס מיר וועלען גליקליך אונזערע יאהרען צוזאמען דורכגעהן און לעבען פאר דיא ליידענדע, וועלכע ווירדען זיך גייטהיגען אין אונזער הילפע. ערצאהל מיר, מיין ליעבער, וויא אזויא דוא ביזט געראטעט געווארען צוזאמען מיט דעם שאנעם קינד, דען איין מאנאט ביזט דוא קראנק געלעגען און ביז יעטצט האבע איך פון דיר וועגען דעם קיין ווארט געהערט.

הערריי האט זיין גלאז טהעע אויסגעטרונקען און מילד געזאגט:

— יא, מיין טהייערע מילא, (מלכה) איך זעלבסט האבע שוין ניט געגלויבט דיך מעהר צוא זעהן .... גרויס זיינען גאטעס וואונדער, אין וועלכען מען גלויבט דא ווייניג .... איך וועל דיר, מיין לעבען, ערצאהלען פון אנפאנג: וויא איך געדענק, בין איך אין דער נאכט פון דער שרעקליכער קאטעסטראפע (אונגליק) רוהיג אין מיין צווייטער קאיוטע געשלאפען, פלוטצלונג האט מיך אשיף בעדיענטער אויפגעוועקט און מיט איין ערשראקענער שטימע האט ער מיר געזאגט: „רעטעט אייך מיסטער, דען דאס שיף געהט אונטער. וויא מיר וואר דאן אויף דעם הערצען, קענסט דוא דיר זעלבסט פארשטעלען .... איך בין איינינע מינוט וויא פערשטיינערט געבליעבען, נאר דער דיענער האט אבערמאלס געשריען: „שנעל רעטעט אייך, דען דיא צייט איז טהייער“! ביא דיא ווארטער האט ער מיר ארעטונגס גארטעל געגעבען און שנעל וויא אבליטץ בין איך אויפ'ן פארדעק געלאפען, וואו עס האט זיך געהערט אשרעקליכער יאמער פון הונדערטער אונגליקליכע פאססאזשירען; איינינע רעטונגס-באטען האט מען פון שיף אין

וואסער געלאססט, וועלכע ווארען באלד פערפולט מיט פיעל מענ-
שען אונ צייט איינינע מינוטען האט זיא איין שטראם צוגעדעקט.
באלד האט מען אבערמאלס איינינע שיפליך אראפ געלאססט,
וועלכע האבען דיא זעלבע ענדע וויא דיא ערשטע געהאט אונ איך
וואר אויך איינער פון דיא אונגליקליכע. וועלכען דיא וועלען האבען
צוא זיך אין זייער גרויסען וואוינונג פערבעטען .... וויא לאנג איך
בין זייער גאסט געווען, קען איך דיר ריכטיג ניט זאגען, נאר דאס
געדענק איך וויא יעצט, אלס אונזער באאט האט זיך איבער-
געקערט, האב איך צום גליק מיין פערשטאנד ניט פערלארען אונ
זיך אין דעם באאט געהאלטען, וועלכער איז געשוואומען מיט דעם
בויך ארויף, אין איינינע מינוט ארום האב איך געזעהען וויא דיא
וועלען האבען אונזער גרויסען דאמפפער איינגעשלונגען צוזאמען מיט
אלע פאססאזשירען אונ לעבען מיר האב איך בעמערקט איין גענע-
שטאנד שווימען. איך האב מיין האנד אויסגעשטרעקט אונ אקליינעם
קינד ארויסגעצויגען, וועלכעס איך האבע אויף דעם בויך פון שיפעל
געלעגט. בענאהע (בערך) איין שטונדע האב איך זיך פעסט מיט
אלע קראפטען אויף דעם וואסער געהאלטען אונ גערופען א רעטונג,
צום גליק וואר שוין דאן גרויסער טאג אונ פון ווייטען, האב איך
א שיף בעמערקט, וועלכע וואר איינינע הונדערט שריט ווייט פון
מיר, דא האט זיך אין מיר ערוועקט דער לוסט צום לעבען אונ
מיט אלע קראפטען האבע איך געשריען: „רעטעט“! „רעטעט“! וויא
עס זעהט אויס האט מען מיך פון שיף בעמערקט אונ באלד איז
צוא מיר איין רעטונגס-באאט צוגעשוואומען, וועלכער האט מיך מיט
דעם טויטען קינד צוא דער גרויסער שיף געפיהרט. איך געדענק
אויך אלס מען האט אונז ערמינטערט אונ נאך גלאזגאוו געפיהרט,
ווייטער ווייס איך פון קיין זאך, איך געדענק זאגאר ניט ווען מען
האט מיך אהער געבראכט. איך נעהם אלעס פערליעב אן, דען
געוויס האט דער אלערהאכסטער געוואלט איך זאל איין אונשולדיגע
זעלע רעטען פון אגעוויסען טויט .... דאס קינד איז בייא מיר וויא
מיין לעבען טהייער אונ מיר וועלען עם וויא איין אייגען קינד
ערציהען, אויב מיר וועלען ניט ערפאהרען ווער זיינע עלטערן זיינען ....

הערריס אויגען זיינען פול געווארען מיט טרעהרען אונ זיין
טרייע פרויא האט מיט טרעהרען אויסגערופען:

— שוידערהאפט! שרעקליך! איך וועל דיך שוין ניעמאלס ניט
לאזען פאהרען ....

מולא האט נאך וואס געוואלט זאגען נאר אזויבערע דיענסט
מעדכען איז אריין אין צימער אונ דעמיטהיג געזאגט:

— ווערטהע הערשאפט; דאס קינד איז יעטצט אויפגעשטאנען און וויל צו איך ....

— ברענג איהם אהער — האט הערי בעפאהלען.

דיא דיענסט איז ארויס פון צימער און באלד צוריק געקומען מיט א שאנעם פיערזאהריגען קנאבע, וועלכער וואר אנגעצויגען אין א טהייערען ענגלישען קינדער קאסטיום און איינגע טהייערע שפיעל־זאכען האט ער אין זיינע צארטע הענדטליך געהאלטען.

— וואס מאכסט דו, סאלאמאן? — האבען ביידע גוטע מענשען דעם רייצענדען קנאבע געפרעגט און איהם איינגע הייסע קוסע אויף זיינע ראזע וואנגען אנגעפרעסט —

— ביזט דו רוהיג געשלאפען? איז דא בעסער וויא ביי דיין פאפא?

— דא איז גוט .... אבער איך וויל צו מיין פאפא .... — האט דאס שאנע קינד מיט איין טרויעריגעס קינדער שטימע געזאגט און איינגע ברילאנטענע טרעהרען האבען זיך אויף זיין צארטעס געזיכט געשטעלט — מיין טאטישי האט מיך אזויא ליעב געהאט! פיהרט מיך צו איהם .... איך בעט אייך! ....

— סאלאמאן! — האט מילא שלינגענד איהרע טרעהרען געזאגט — דאס איז דאך דיין פאפא און איך בין דיין מאמא, האבען מיר דען דיך ניט ליעב? ווארט, מיין זאהן, מיר וועלען דיר נאך פיעל שפיעלזאכען קויפען מיט א גרויס פערדעלע, נאר וויין ניט, עס איז ניט שאן ווען אזא קלוג יונגעלע וויינט ....

— איך הייס ניט שאלאן (סאלאמאן) נאר שלמה'לע, און דער איז ניט מיין פאפא — האט דאס שאנע קינד וויינענדיג געזאגט און מיט זיין קליין פינגעריל אויף הערין געציינט — דו האסט דאך מיר געזאגט, אז מארגען וועט מען מיך צו מיין פאטערשע פיהרען? יענער פאפא האט א שאנע בארד און דער האט ניט .... יענעם האב איך ליעב און דעם וועל איך מארגען ליעב האבען ....

— שלמהלע! — האט ווילסאן געזאגט — ווארום ווילסט דו ניט צו דיין מאמא? וויא האט מען דיין מאמא גערופען?

— איך האב איהר גערופען מאמא און דעם טאטישי, פאפא .... מיין מאמא האט ליעב געהאט שארלאטען און דער פאפא מיך .... איך בעט אייך פיהרט מיך אהיים .... איך וועל נאר מיין טאטישע איין קוש טהון און באלד אהער צוריק קומען ....

ביי דיא ווארטער האט ער הערין ארומגענומען און איהם צו זיין אונשולדיגע הערצעלע פעסט צוגעדריקט.

— ווארט שלמה'לע, — האט ווילסאן מיט א פערשטיקטער שטימע

געזאגט — היינט איז קאלט, עס גיהט ארעגען, מארגען וועט זיין זומער וועל איך דיך אהיים פיהרען .... יעטצט טרינק טהעע, נעהם פון דיא זיסע שפייזען אונ מיך מיט דער טאנטע זאלסט דוא פאפא אונ מאמא רופען, וועסט דוא זיין אשאן יונגעלע אונ מיר וועלען דיך ליעב האבען.

שלמה'לע איז עטוואס רוהיגער געווארען אונ מיט לוסט טהעע געטרונקען, וועלכעס האט הערדין מיט זיין פרויא פערגעניגען פערשאפט.

דיא זעלבע סצענע האט זיך פיעל טאג ביי מיסטער ווילסאן אבגעשפיעלט, ביז ענדליך שלמה'לע האט זיינע וואהרע עלטערען פערגעסען אונ איז רוהיג פערבליעבען ביי מיסטער ווילסאן.

ענדע דעם צווייטען טהייל

לאה'לע

אדער

דער לעצטער זיפץ פון דיא יודען אין שפאניען.

אהיסטארישער ראמאן אין 6 טהייל פון **א. טאנענבוים**. דאס וועט קירצליך ארויס פון דרוק. דיא ווערטהע פובליקום ווייס צוא גוט דעם בעריהמטען שריפטשטעלער **א. טאנענבוים**, אלזא איז איבעריג דיא גרויסע רעקלאמען וויא ווייט דיא ווערק איז אנציהענד, אונ אינטערעסאנט. אזא ראמאן פון שפאניען איז דער ערשטער אין דער זשארגאנישער שפראכע, האפפע דאס דיא ווערטהע פובליקום וועט דאנקען פיר דיזען ראמאן דעם פערלאגער.

דער פרעזידענט

אדער

געהיימעניס פון ניוארק.

אהעכסט אינטערעסאנטער ראמאן פון **נ. מ. שייקעוויץ** (שמ"ר) אין דיזען ראמאן וועלען דיא לעזער בעקאנט ווערען מיט דעם ריכטיגען לעבען פון ניוארק. זעהר אינטערעסאנט פון אנפאנג ביז ענדע. אונ געגרינדעט אויף ריכטיגע פאקטען מיט דער האפענונג דאס דיא לעזער וועלען מיט פערגעניגע לעזען דעם נייען ראמאן פון דעם בעריהמטען יודעשען בעליבטען שריפטשטעלער (שמ"ר) פערבלייבע אכטונגספאל

דער הערויסגעבער.